STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02147

BILDER FUN THIER-LEBEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בילדער

פון טהיער-לעבען

איבערזעטצט

פון רוססיש.

מיט דרייא אונ דרייסיג ריסונקעס.

ווילנא

תרנח.

РАЗСКАЗЫ

из царства животных.

Соч. Рубанина.

Переводъ съ русскаго.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собст. домъ № 328.

1898.

Дозволено цензурою 5 Ноября 1897 г. и 3 Января 1898 г. Вильна.

בילדער פון טהיער לעבען.

1-טעם קאפיטעל.

וואנדערונגען.

אזוי וויא מענשען פֿאהרען איבער פֿון איין ארט אין דעם אנדערן, וואנדערען פֿון איין לאנד אין דאס אנדערע, פֿון איין זייט וועלט אין דיא אנדערע; פונקט וויא מענשען מוזען גאנץ אפֿט פֿערלאזען דאס ארט, וואו זייא זעננען געבארען, אוועק רייסען זיך פֿון אלעס צו וועלכֿען זייא האבען זיך צוגעוואָהנט און האבען ליעב בעקומען, און זוכֿען גליק אין דער פֿרעמד, אזוי מוזען גאנץ אפֿט טהון דיא טהיערע אויך. אין געוויססע צייטען ווארפֿען זייא אוועק מיט אמאל זייערע אָרטער, זייערע וואהנונגען און עמיגרירען אין אנדערע, נייע אָרטער און בעזעצען זיך דארט.

אין ניזשני טאַגילסק אויפֿ'ן אוראַל האט זיך צוריק מיט 25 יאהר געטראפֿען אַ וואונדערליכֿע זאך, אַ זוינס, וואס דיא דארטיגע איינוואהנער האבען פֿריהער נישט געזעהען און נישט געהאָרט. גאנצע מחנות איינהאָרנכֿען (וועווירקעס-ביעלקעס) האבען זיך ארויס געלאזען פֿון וואלד און געווארפֿען זיך אין שטאדט אריין. געוואנדערט האבען זייא איינציג-ווייס, אנדערע צו פּאָרליך, און אנדערע אין שאארען (מחנות-וויז). אין אקורצע צייט איז פֿול געווארען פֿון זייא דיא גאנצע שטאדט, און זייא זיינען זיך געשפרונגען אלץ ווייטער און ווייטער: געלאפֿען איבער גאסען, געשפרונגען איבער שטאחעטען און פלאָטין, פֿערקליבען אין דיא הייזער, זייא זיינען געווען פֿול אין אלע הייזער, געקראכֿען איבער וואָנד, געשפרונגען איבער דאָכֿער, און געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער. מען האט דאס גאר נישט געקאנט פֿערשטעהען, פֿון וואנען האט זיך דאס גענוממען אזא גבורה, אזא איינשטעללעניש צו דיא פֿייעליך, וואס זיינען פֿון אייביג אן בעקאנט אלץ שוואכֿע און שרעקענדיגע חיה'ליך, וואס ציטטערען פֿאר א מענש? וואו איז אהין געקוממען זייערע גאנצע שרעק, זייער פֿארכֿט?

זייא האבען זיך נישט געשראקען נישט פֿאר מענשען, נישט פֿאר הינד, און זיינען געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער. דיא שטאדט-הינד האבען נישט געשוויגען, און זיינען זייא בעפֿאללען, געביססען, געריססען און געפטרט גאנצע הונדערטער פֿון פֿייען. מענשען האבען אויך נישט בעדריממעלט און האבען געטייט (געמימיתט) מיט וואס מען האט נור געקאנט, נאטירליך, נישט אויס שנאה, וויא דיא הינד, נור צוליעב דיא פֿיינע פֿעלבֿעליך, וואס זיינען אַ סחורה אויף פעלציין. טייבֿען-וויז האט געראנען דאס ארימע פֿייען-בלוט, באֶרגער פגרים זיינען געלעגען אין דיא גאכסען, און דיא מחנות האבען זיך געצויגען אלץ ווייטער און ווייטער. אלץ נייע און נייע שאארען האבען זיך געשיטט פֿון וואלד ארויס אין שטאדט אריין, און געצויגען זיך פֿון שטאדט איבער אלע גאססען אַ פֿיי נאך אַ פֿיי, איין שאאר נאך דער צווייטער. און אזוי פֿון פֿריה ביז שפעט אין דער נאכֿט, גלייך, זייא האבען איין מאל פֿאר אלע מאל מפֿקיר געווען דאס לעבען און מעהר זיך פֿאר קיין זאך נישט געשראקען, מיט איין ווארט, דיא פֿייעליך ציהען זיך איבער פֿון וואלד, עמיגרירען ערגעץ איבער דער שטאדט. עס דויערט שוין דרייא טאג. יעדען אבענד ווערט שטיל, נור פֿריה מארגענס, קוים עס הייבט נור אָן צו טאגען ציהען זיך ווייטער דיא מחנות איבער דער שטאדט. דיא מחנות, וואס זיינען לעבענדיג פון שטאדט ארויס, האבען געוואנדערט אלץ ווייטער און ווייטער ביז זייא זיינען געקומען צום טייך טשאָסאָוואַיאַ, בייא וועלכֿען זייא האבען זיך דאך ניט פֿערהאלטען, דער ברייטער טייך מיט זיין לייפֿענדיגען וואססער האט זייא אויך ניט אפגעשטעלט. וויא שכור אדער דולל זיינען זייא געשפרונגען אין טייך אריין, פֿארווארפֿען דיא ווידעליך אויף דיא ריקען און מיט אלע כחות זיך געלאזט איבערשווימען דען טייך צום אנדערען ברעג. עס איז געווען אַ וואונדער צו זעהען, וויא אזוי דיא קליינע פֿייעליך האבען מיט שוואכֿע קראֶפֿטען איבער געווינדען (גובר-געווען) דיא גרויסע וואללען (פאליעס-חוואליעס) פֿון לויפֿענדיגען וואססער. אַ רייזענדער האט זיך דעמאלט צו געלאזט אויף אַ שיפֿפֿעל צו אַ דאמפשיף, און איז מיט'ן שיפֿפֿעל אריין געפֿאהרען אין דער סאמע מיטט פֿון אַ ארמעע פֿייען, אזוי אז ארום איהם זיינען פֿון אלע זייטען געשוואומען דיא איינהארנבֿען, ענג איינס ביי'ם צווייטן; ער האט געזעהן וויא מאססען פֿון זייא בלייבען אהן קראֶפֿטין; אט שטעקט ארויס אַ פֿיי דאס קאֶפעלע, ארבעט מיט דיא לעצטע כחות, דרייט נעביך מיט דיא פֿיססעליך, וויל שווימען ווייטער, נור זיא איז שוין פֿערמאטטערט און קאָן זיך מעהר נישט ריהרען פֿון ארט, און דא בעקומט עס אַ זעץ פֿון אַ וואלל, ווערט פֿער-גאססען, ווערט פֿערשווינדען, און ווייזט זיך נישט מעהר. צו אַן'ארמעע אבגעשוואכֿטע פֿייען האט ער אויסגעשטרעקט דען רודער (וויאסלען). זייא

האבען

האבען זיך דערפֿרייט, צוגעהאפט צום רודער און אריבער אין שיפֿפֿעל אריין. דיא גערעטיוועטע ארמעע פֿייען האבען זיך פֿערשלאגען אין שיפֿפֿעל צו אַ דאמפשיף, האבען זייא זיך מיט איהם צוזאממען איבערגעטראגען אין דאמפשיף אריין, און אז דער דאמפשיף האט נור צוגעשלאגען צום ברעג, זיינען זייא באלד אראבגעשפרונגען אויף דער טריקקען און געלאזט זיך ווייטער. מאססען פֿייען האט מען דעמאלט געטייט, מאססען זיינען דער טרונקען געווארען, נור נאך גרעססערע מאססען זיינען אריבערגעגאנגען בשלום דיא שטאדט, איבערגעשווימען דעם טייך און זיך ווייטער און ווייטער געוואנדערט. נור דיא שאארען פֿייען, וואס מען האט געזעהן אין ניזשני-טאגילסק, זיינען קוים אַ קליינער טייל פֿון דער גאנץ גרויססע ארמעע פֿייען, וואס האבען דעמאלט געוואנדערט. דענן עמיגרירט האבען גאנצע מילליאנען, און געדויערט האט עס אַ היבשע צייט.

דאס האבען דיא פֿייען אזוי געוואנדערט-עמיגרירט פֿון איין געגענד וואַלדער צו דער צווייטער, און געמאכט אַ שטרעקקע (מהלך) פֿון עטליכע 100 וויאָרסט.

אזוי וויא דיא פֿייען, אזוי וואנדערען אין געוויססען צייטען אויך אנדערע טהיערע, פֿייגעל און פֿיש פֿון פֿערשידענע מינים.

אין נארד (צפֿון) רוססלאנד, אין ארכאנגעלסק, אין דיא וויסטע, פֿייכטע און בלאטיגע סטעפעס, לעבען פיצליך חיה'ליך, וואס מען רופֿט לעממינגען (פיאַסטרושקאַ). דער לעממינג האט זעהר אַ שיין פֿערשידען-פֿארביג פֿעלכיל אויף זיך. ער איז בטבע רוהיג, האט נישט פֿיינד צו האפען אגוטען ביססען, אנאש טיען, און איז גרוים נישט מעהר וויא אַ ציזעלמויז (ציזעל-סוסליק). דיא לעממינגען פֿרוכטבארען און מעהרען זיך שטארק. עטליכע מאל אין יאהר געבוירען זייא, און יעדעס מאל צו 56 שטיקליך. דארט אין יענע סטעפעס פֿון ארכאנגעלסקער גובערניע זיינען זייא דא זעהר אסך. אין דיא יאהרען ווען עס איז דארטען אַ ווארימער פֿריהלינג (וויאַסנא) און אַשיינער זוממער קוממען זייא צו גאר אהן אַ צאהל. זייא האבען גענוג צו עססען, אלע זענען זאטט, וואקסען אויף איבערן זוממער און ווערען געזינדער און שטארקער. נור נאכען זוממער קוממען שלעכטע צייטען, טאג-טאַגליך ווערט פֿאר זייא ווייניגער צו עססען אויף דיא פֿעלדער. דער נאך, קוממט דער ווינטער: אלע גראַזליך, אלע ביימליך בלייבען פֿערדארט און פֿערפֿרוירען, און דער לעממינג הייבט אן צו ליידען הונגער. זייא שליפען ארום, וויא משוגענע איבער דיא סטעפעס, טאמער וועלען זייא געפֿיננען עפעס אין מויל אריין, נור קיין עססען איז אין ערגעץ נישט דא, האטש געה אויס פֿאר הונגער. עס פֿאלט דעמאלשט אָן אויף זייא אַ אימה. דערשראקקענע פֿערהאלעסטע פֿערזאמלען זייא זיך אין אסך גרויסע חברה'ס, און לאזען זיך

וואנדערען, צוגעפֿיננען בעססערע אָרטער. זייא געהען גלייך אלס ווייטער און ווייטער, וואוהין דיא אויגען טראגען זייא. אויפֿ'ן וועג קוממען צו נאך אזוינע חברות הונגעריגע לעממינגען, אונ עס ווערט אַ גאנצע ארמעע פֿון זייא. הונגעריגע, דערפֿרוירענע לוללען זייא זיך איינער צום צווייטען. געהען געדיכֿט און זעהער נאהענט איינס בייא דיא צווייטע אזוי, אז פֿון וויטענס זעהען אוים דיא קאָפּליך פֿון דיא הינטערשטע לעמינגע צונויפֿגעוואקסען מיט דיא וויידליך פֿון דיא פֿעדערשטע. מיט זייערע דיננע פֿיססליך טרעטען זייא אוים אין דעם מאך אזוינע טיפֿע וועגען, אז מען זעהט זייא ארוים פֿון גאנץ וויט.

וואס ווייטער זייא געהען — געהען זייא אלץ געשווינדער, טאמער מאכֿט זיך זייא אויפֿ'ן וועג אַ ביימיל, אַ צווייגעל, אַ שטרייכֿער (קוסט), בעפֿאללען זייא דאס וויא דיא היישעריקען. פֿון איינינע אָרטער ווערט אַ וויסטענעס (אַ מדבר) נאך דעם אז זייא געהען דארט דורך. וואס זייא קאָננען נור אויפֿפֿרעססען — פֿרעססען זייא, אונ דאס עססען נור דיא וואס געהען פֿון פֿארענט, פֿאר דיא הינטערשטע בלייבט קיינמאל גאר נישט. אט אזוי געהען זייא אין הונגער אלס ווייטער — ווייטער, דער הונגער מאטערט זייא מעהר אונ מעהר, איבערדעם שלעפען זייא נאך געשווינדער, וויא דיא משוגענע, אונ האבען פֿאר קיין זאך קיין מורא נישט. טאמער בעגעגענען זייא אַ מענשען, קריכֿען זייא איהם דורך צווישען דיא פֿיסס, זייא שטעללען זיך אקעגען דיא שטארקסטע פֿייגעל, וואס פֿליהען אן אויף זייא, אונ וויללען זייא פֿרעססען. טרעפֿפֿען זייא אויף אַ סטאג היי, גריזען זייא איהם דורך אונ דורך, עססען זיך אן אונ געהען ווייטער. קיין זאך שטערט זייא נישט אונ פֿארהאלט זייא נישט אויפֿ'ן וועג. דיא גראָססטע טייכֿער שווימען זייא איבער, דאטש זייא פֿערלירען מאססען נפשות אין וואססער. אונ נאך זייא לאזען זיך ערשט גאנצע ארמעען פֿון זייערע שונאים, וואָלף, פֿוקסען, הינד, מאָרדער, אדלערס, וויססע סאוועס, שווארצע קראהען (וואראנא), דיא אלע לייט, קוים דערשמעקקען זייא, אז עס גייט אַ מחנה לעממינגען, געהען זייא ארוים פֿון זייערע נארעס אונ נעמען זיך געשמאק צו דער אַרבייט. טויזענדער פֿון זייא ווערען אויפֿגעפֿרעססען, חוץ דעם, פֿאללען אסך אויפֿ'ן וועג פֿון הונגער אונ פֿון פֿערשידענע קראַנק. לאנג געדויערט דאס איבערגעהען פֿון איין ארט צום צווייטען, אונ וויא עס ענדיגט זיך, ווייסט מען נישט, עס קאנן זיין אז אַ טייל פֿון דיא לעממינגע שלאגען זיך צו ערגעץ צום סוף צו אזאן ארט, וואו עס איז ווארעמער אונ עס איז דארט דא עססען פֿאר זייא, אונ עס קאָן אויך זיין, אז זייא פֿאללען אלע אויפֿ'ן וועג. דיא איינוואהנער פֿון צפֿון רוססלאנד דערציילען אז נאך דעם מאכֿט זיך, אז עס געהעט אוועק עטליכֿע יאהר אונ מען זעהט נישט קיין

לעממינגען

לעממינגען (פיאסטרושקעס). נור אין אַ צייט ארום ווייזען זייא זיך ווידער דארט. אט אזוי פאסירט זיך מיט זייא פֿון לאנגע יאהרען, צייט מענשען גערענקען.

אזוי וויא דיא לעממינגע (פיאסטרושקעס) אונ דיא פֿייען, ציעהן זיך איבער אין געוויססע צייטען נאך פֿיל אנדערע חיות. איהר פֿערשטעהט אז נישט פֿאר תענוג פֿערלאזען זייא זייערע אָרטער, אונ לאזען זיך אין דער וועלט אריין: עס טרייבט זייא דיא נויט! פונקט וויא אַ מענש פֿער־לאזט נישט קיין גוטס, נור צוליעב דעם, טאמער וועט ער געפֿינען בעססערס, אזוי זיינען דיא חיות אויך. זייא האבען שטענדיגע אונ אייביגע פֿייַנד, מיט וועלכע זייא דארפֿען כסדר מלחמה האלטען, וויא מיט דיא הויפט שונאים, וואס זייא האבען אויף זיך, ד. ה. הונגער אונ קעלט. אללע לעבענדיגע בעשאָפֿפֿענישען, אללע חיות האלטען אין איין מלחמה מיט'ן הונגער, מיט דער קאָלט אונ מיט דיא גרעססערע אונ געזינדערע חיות פֿון זיך. יעדעס בעשאָפֿפֿעניש שלאגט זיך, ראנגעלט זיך מיט דיזע שונאים אויף וויפֿיל עס טראגען איהם זיינע כחות, נאך זיינע קראַפֿטען. עס מאַכט זיך אַ גרעססערער הונגער אין לאנד, וואו זייא זיינען, זייא האבען נישט וואס צו עססען, לאזען זייא זיך אין דער וועלט אריין זוכען פרנסה. זייא קאננען נישט ליידען דיא גרויסע קאָלטין, פֿערלאזען זיי אויך זייערע אלטע אָרטער אונ זוכען ווארמערע, עס בעוויזען זיך שטארקערע אונ געזינדערע חיות אונ חאפען זיך אריין אין זייער גבול אונ מאַכען אתל פֿון זייערע ברידער, מוזען זייא אויך נעביך, פֿערלאזען דיא אלטע אָרטער, וואו עס לעבט זיך זייא נישט־קשה אונ לויפֿען זיך זוכען נייע אָרטער, וואו עס איז נישט דא אזוינע שרעקליכע שונאים.

וויא אזוי חיות רייזען אלע יאהר.

עס איז דא אסך אזוינע חיות, וואס מוזען דורך הונגער אונ קאָלט רייזען, עמיגרירען יאהר בייא יאהר, פֿון איין ארט צום צווייטען, אנדערשט קאננען זייא נישט אויסקוממען. זוממער מוזען זייא זיין אין איין ארט, אונ ווינטער מוזען זייא איבערגעהען אין איין אנדער ארט. זייא געהען איבער פֿון דארט, וואו ס'לעבט זיך זייא שלעכט אין אזוינע אָרטער וואו עס לעבט זיך בעססער. אין דיא זוממפֿיגע אָרטער וואו עס לעבען דיא לעממינגע געפֿינען זיך גרויסע שטאדעס ווילדע הירשען. וויא עס קוממט דער זוממער, וואס דעמאלט בעווייזען זיך אין דיא זוממפֿיגע אָרטער מילליאנען פֿליגען, מיקקען (קאמאר) אונ זשוקליך, מוזען זיך דיא הירשען אוועק געהען פֿון דארט אונ זיך לאזען וויט־וויט צו דיא בערג וואו עס איז דא ווייניגער פֿליגען אונ

מיקקען

מיקקען. בלייבען אויפ'ן ארט אין דיא זומפפיגע אָרטער קאננען זייא בשום אופ'ן נישט. דיא פליגען בעפאלען זייא פון אללע זייטען, בייססען זייא, רייססען זייא אונ לאזען זייא נישט לעבען. זייא נעממען זיך צונויף אין גרויסע שטאדעס אונ לאזען זיך געהען אין דעם וויטען וועג. זייא האבען זייער אייגענע וועג-ווייזער: דיא אלטע הירשען פיהרען דיא יונגע. זייא פערהאלט אויך נישט קיין זאך אופ'ן וועג, נישט קיין באַרגער אונ נישט קיין טייכען. אט אזויא געהען זייא אַ שטאדע נאך אַ שטאדע, טרעטען אוים ברייטע אונ לאנגע וועגין, וואס ציהען זיך אויף הונדערטע ווייארסט אונ געהען אלץ ווייטער אונ ווייטער ביז זייא קוממען צו צו אזא'ן ארט, וואו עס איז נישט דא קיין פליגען אונ דיא קאַלטין זיינען אויך נישט אזוי גרוים.

נאך דיא הירשין, פונקט וויא נאך דיא לעממינגען, געהען נאך גאנצע שטאדעס וואָלף אונ באַרין. זייא מוזען אויך פערלאזען דיא זומפיגע אָרטער, ווארום אז דיא הירשען געהען אוועק האבען זייא נישט וואס צו עססען. זייא קאַננען אין דיא זומפיגע אָרטער אוים-געהען פאר הונגער, מוזען זייא נאכ-געהען דיא הירשין אונ פון זייא אוועק-שלעפען בגנבה אללע מאל עטליכע שטיק כדי נישט צו פגרען פון הונגער. אז עס ווערט זוממער אין דיא אָרטער וואו דיא הירשין האבען זיך פערקליבען מוזען זייא פערלאזען דיזע אָרטער אונ געהען צוריק אין דיא זומפיגע אָרטער, נאר צוריק איילען זייא זיך נישט שטארק — זייא געהען אהיים.

אין דיא גרויסע שטעפעס פון אמעריקא, וואס זיינען בעוואקסען מיט אסך גראז לעבען שטאדעס ביפפעל (בוויואל), זייא געפינען זיך דארטען גאַר אהן אַ צאהל: אללע יאהר קלייבען זייא זיך איבער פון איין ארט צום צווייטען — פון צפון זייט צו דרום זייט. אונ געהען איבער טויזענדער ווייארסט, שווימען איבער טייכען צו עטליכע ווייארסט אין דיא ברייט, אונ קיין זאך קאַנן זייא נישט פערהאלטען אופ'ן וועג.

דיא גרויסע חיות פון ים, דיא וואלל-פישין (קיט) געהען אויך איבער אללע יאהר פון איין ארט צום צווייטען, קיין חיה איז צו זייא ניט גלייך אנטקעגען שווימען. זייא שווימען אב ביז צעהן טויזענר ווייארסט. איין פישער, וואס האפט אט דיא גרויסע וואלפישען האט בעגעגענט בייא דיא אופער (ברעגען) פון ווארימע לאַנדער דעם אייגענעם וואלפיש וואס ער האט אין אייז מעער (ים הקרח) געשטאכען מיט אגרויסען שפיז, ער האט איהם אַן דער וואונד (ראנע) דערקענט. צווישען דיא צוויא אָרטער איז אַ מהלך פון עטליכע טויזענד ווייארסט. דיא וואלפישען שווימען אזוי רעגולער, שטענדיג אין דיא אייגענע צייט, אונ דורך דיא אייגענע אָרטער, אזוי אז דיא פישער וואס האפען זייא, ווייסען שוין פריהער וויא אונ ווען מען דארף אייף זייא לאקקערן. אויף טייל אָרטער ווייזען זייא זיך זוממער אונ אין

אנדערע

אנדערע — ווינטער. דיא איינוואהנער פֿון נארוועגיען וויססען, אז דורך זייער געגענד דארפֿען דורך שווימען דיא וואלפֿישין אין יאנוואר (אנהייב שבט) אין אנדערע אָרטער וויס מען, אז מען דארף זייא זעהען אין נאוועמבער (חנוכה צייט). אין נארד-ענגלאנד האט 20 יאהר כסדר זיך בעוויזען אַ וואלפֿיש נעבין אַ קליין דאָרפֿיל, וואו עס האבען געוואהנט פֿישער. אללע יאהר פֿלעגט ער זיך ווייזען אין איין צייט, אללע יאהר פֿלעגען זיך צונויף קלייבען אסך פֿישער אויפֿ'ן ים און פֿלעגען איהם וועל'ען חאפען, נור אומזונסט, ערשט אויפֿ'ן 20-טען יאהר איז זייא געראָטען דעם וואלפֿיש צו טייטען.

דיא וואס פֿאהרען שטענדיג אויף ימים דערצאָהלען, אז זייא האבען בעמערקט דיא וואלפֿישין שווימען שטענדיג דורך איינע אָרטער, שווימען כסדר גלייך, מאַכען נישט אפילו קיין איבעריגען וואָרסט, וויססען גוט דעם וועג, מיט וועלכֿען זייא דארפֿען שווימען, גלייך זייא וואלטען זייערע סימנים אדער אַ קאמפאס געהאט. אמאל בעמערקט מען אז זייא שווימען איינציג ווייז, און אמאל שווימען זייא גאנצע חברות-ווייז. דעמאלט שווימען דיא זכרים פֿריהער און דיא נקבות מיט דיא יונגע און קליינע וואלפֿישליך — הינטען.

איהר וועט פֿרעגען, וואס צווינגט דיא וואלפֿישין דערצו, אז זייא זאללען זיך לאזען שווימען פֿאר טויזענדער וואָרסט? דער תירוץ איז: דיא קליינע פיצינקע פֿישליך מיט וועלכֿע זייא ערנאָהרען זיך, קלייבען זיך אויך איבער פֿון איין ארט אויף דעם אנדערן, און דיא וואלפֿישען, וואס לעבען פֿון זייא מוזען זייא נאכֿשווימען. זוממער איז דא אין איין ארט גיט עססען פֿאר זייא — שווימען זייא אהין, ווינטער איז ווידער אין איין אנדער ארט דא וואס צו עססען — לאזען זייא זיך אויף דעם נייעם ארט, זייא האבען שוין זיך זייערע וועגען, זייערע אָרטער און זייערע מנהגים וויא אזוי צו שווימען, און דיא אללע מנהגים זיינען בייא זייא איינגעפֿיהרט פֿון קדמונים אן, אפשר פֿון טויזענדער יאהרען.

וויא אזוי דיא פֿייגעל לאזען זיך אין וועג אריין.

נאך שענער און וואונדערליכֿער איז דער שטייגער, וויא אזוי דיא פֿייגעל קלייבען זיך איבער פֿון איין ארט צום צווייטען. זעהר ווענינ פֿייגעל איז פֿערהאנגען, וואס לעבען אַ גאנץ יאהר אין איין ארט, מייסטענס פֿליהען זייא איבער פֿון איין עק וועלט אין דאס אנדערע. פֿון דיא פֿייגעל, וואס לעבען בייא אונז, פֿליהען צום ווינטער צו אוועק מעהר וויא דיא העלפֿט. יאהר-יאָהרליך מאַכֿען זייא עטליכֿע טויזענדער וואָרסט הין און צוריק,

און

און וויסען וואהל ווענן זייא וועללען זיך קאָננען פֿערהאַלטען אויף אַ געוויססע צייט, און ערנאָהרען זיך נישט שלעכֿט. דיא שוואלבען פֿערברענגען דעם זוממער בייא אונז און אויף ווינטער פֿליהען זייא אוועק נאך עגיפּטען (מצרים). זייא פֿליהען זייער געשווינד, דיא רייזע קיין עגיפּטען דויערט בייא אונז עטליכֿע וואכֿען, און זייא קומען אהין אין עטליכֿע טאָג. אויפֿ'ן ווינטער פֿליהען אוועק נאך אנדערע פייגעל, וויא דיא לערכֿען (זשאוואראנאק), דיא שווארצע הויז-שוואלבען, זייד-פֿייגעל, טשערעט-פֿייגעל און נאך אנדערע: צאפּלעס (טשארנאהוזען) פֿארפֿליהען נאך וויטער. גיקוקען (קוקושקא), גאלד-דראזדען, נאכֿטיגאללען (סאלאוועי), וואכֿטלען (פֿערפֿיעללע), ביסליעס און שטארכֿען (איסט) פֿליהען נאך וויטער אלס דיא צאפּלעס. אז דער הערבסט (אסיען-יעשען) קאמט אן און דיא זונן ווארעמט שוין נישט וויא זוממער, דערפֿיהלען דיא פֿייגעלעך אז עס איז שוין זייא צייט זיך צוא לאזען אין וועג אריין. יעדער מין פֿייגעל פֿליהט אנדערש נאך איהר שטייגער, נאך איהרע געוואהנהייטען, איהרע אייביגע מנהגים און איהר כח. יעדער מין פֿייגעל האט זיך בעזונדער זיינע בעקאנטע וועגען, זיינע ליעבע אָרטער, מיט וועלכֿע ער איז געוואהנט פֿון אייביג אן. אנדערע פֿייגעל פֿליהען אין קליינע חברות, און אנדערע אין גאנץ גרויססע חאלאסטרעס — סטאיעס-וויז. נאך דעם פֿליהען קאנן מען דיא פֿייגעל פֿון וויטענס דערקאנען. ווילדע גאָנז און ביסליעס פֿליהען שטענדיג אין אלאנגע רייע (שורה), גאלקעס און פֿעלד-קראהן פֿליהען זייער הויך, און וואס זייא פֿליהען וויטער הייבען זייא זיך אלץ האָכֿער און האָכֿער. אין זעהער גרויססע סטאיעס פֿליהען דיא טויבען אין אמעריקא. איינער אַ ענגלאָנדער דערצאָהלט, אז איהם האט זיך אמאל געמאכט צו זעהען אזוינע מינים סטאיעס, וועלכֿע זיינען געפֿלויגען אזוי הויך פֿון דער ערד, אז מען וואלט אין זייא מיט דער בעסטער ביקס נישט געטראָפֿען. זייא זיינען געפֿלויגען מילליארדען-וויז, זעהר גערינכֿט, און אַ פּאַך אויף אַ פּאַך, אזוי עטליכֿע פּאכֿען איינער אויף דעם אנדערן. פֿון אללע זייטען פֿון הימעל, וואו דער ענגלאָנדער האט נור געקאנט האפען מיטן אויג, זיינען זייא געוועזען פֿול און פֿול. עס איז דעמאלט געוועזען האלבער טאג, דער ענגלאָנדער האט זיך צוגעזעצט, פֿארריססען דעם קאָפּ און גענומען בעטראכֿטען דיא טויבען, זייא זיינען אללע מאל מעהר און מעהר גע-ווארען און האבען זיך געשיטט כמעט איבערן גאנצען הימעל. אין אַ שעה ארום האט ער זיך געזעצט רייטענדיג אויף אַ פֿערד און איז געפֿאהרען אנטקעגען דיא טויבען, ער איז אזוי געפֿאהרען גאנצע 4 שטונדע; און דיא סטאיע האט זיך אלץ נישט אויסגעלאזט און זיא האט איהם אויסגעזעהן אזוי גערינכֿט וויא פֿריהער. ערשט נאך 5 אַ זייגער איז געווארען

איין

איין עקק פֿון דער סטאיע, נור אויך נאך נישט אין גאנצען, קלענערע סטאיעס, וואס דארט איז נאך אויך געווען גענוג טויבען„ זיינען נאכֿ־סטאיעס געפֿלויגען נאך דיא גראֶססערע סטאיעס, אזוינע בעזונדערע סטאיעס זיינען איהם אנטקעגען געפֿלויגען ביז אַ זייגער 10 אין דער נאכֿט, ערשט דעמאלט האט ער דערזעהן אַ ריינען הימטעל פֿון טויבען! דיא גאנצע סטאיע טויבען האט פֿארנומען אין דער לאֶנג איבער 400 וויארסט אונ 10 וויארסט אין דער ברייט. מען האט אויס־גערעכֿענט אקוראט, קומט אוים, אז ווען אפילו אין דער סטאיע וואלט נישט געווען אַ פֿאך אויף אַ פֿאך טויבען, אז עס זאל נור זיין איין פֿאך, האט אויך דארט בע־דארפֿט זיין האֶכֿער 3 מיללִיארד טויבען. דאס הייסט 3000 מילליאנען שטיק, ד. ה. אזוי פֿיל, אז אַ מענש וואס קענן אוים צאֶהלען 3000 אין אַ שטונדע, וואלט געמוזט זייא איבער צוא צאֶהלען לעבען 150 יאהר, אונ דער בייא אימגעגעססען, אומגעטרונקען אונ אומגעשלאפֿען! אנדערע פֿייגעל האבען בעזונדערע געוואהנהייט אין זייער פֿליהען נאך וועלכע מען קאֶנן זייא פֿון וויטענס דער קעננען. פֿעלד־מייז, למשל, פֿליהען אט וויא אזוי: זייא הייבין זיך אויף אונ נעממען פֿליהען אויפֿהייבענדיג זיך האֶכֿער אונ האֶכֿער. פלוצלונג אין מיטטען פֿליהען, ווערט איהר דערזעהן אז איין פֿייגעלע פֿון זייא האט צונויף גענוממען דיא פֿליגעל אונ וויא איין אונטער־געשאססענע פֿאלט זיא אראב. איהר מיינט שוין, אז אט ווערט זיא אראב־פֿאללען אויף דער ערד. נור וויא עס קומט אין ארשין 40 פֿון דער ערד צולאזט זיא ווייטער דיא פֿליגעל, הייבט זיך צוריק אויף אונ פֿליהט ווייטער. אט אזוי טוען איבער אללע פֿייגעל פֿון דער סטאיע אונ דער נאך לאזען זייא זיך אללע ווייטער פֿליהען שטארק אין דער הויך, זייא פֿליהען אט אזוי אב אביסעל אונ חזרן ווייטער איבער דיא אייגענע שטיק.

עס איז דא פֿייגעל, וואס פֿליהען זעהר געשווינד, אנדערע פֿייגעל פֿליהען אזוי שנעלל, אז דער שנעללסטער באַהן ווערט זייא נישט דעריאגען. דיא שוואלבען, למשל, פֿליהען 130 וויארסט אַ שטונדע, דיא וואססער שוואלבען (סטריזש) 400 וויארסט אין אַ שעה. דער פֿאלקען (סאקאל), דיא געוואֶהנליכֿע טויב אונ דיא קאטשקעס פֿון נארד אמעריקא 60 וויארסט אין אַ שעה. עס איז דא צווישען דיא פֿייגעל אזוינע, וואס פֿליהען טאג אונ נאכֿט, אונ שטעלען זיך נישט אפילו אויף אַ מינוט אברוהען. דער ביסעל, למשל, אז ער לאזט זיך פֿליהען שטעללט ער זיך שוין נישט אב, ביז ער קומט וואהין ער דארף האבען. דיא פֿייגעל וואס פֿליהען נישט אזוי געשווינד, מאכֿען זייערע נסיעות מייסטענס בייא נאכֿט, בייא טאג האבען זייא מורא זייערע פֿיינד זאללען זייא ניט בעפֿאללען אונ מאכֿען פֿון זייא אַ תל. אנדערע פֿייגעל, וואס פֿליהען נישט גיך, געהען זיך פשוט אמאל

דורך

דורך עטליכֿע וויארסט צו פֿוס, שפּרינגען אונטער אביסעל, שווימּען אביססעל איבער טייכֿען, טוען אביסעל א פֿליה, וויא גאט האט זייא געהאלפֿען, אונ רוקקען זיך אזוי ביסלעכֿווייז ווייטער ביז זייא קומען אויף זייערע אָרטער. דער וואכֿטעל-קעניג (קאראסטעל) האט זעהר געזונדע פֿיסס אונ זעהר שוואכֿע פֿליגעל, ער שליפֿט מעהר אפּ זיין וועג, אלס ער פֿליהט. דאס אייגענע איז מיט דער פּראסטע וואכֿטעל (פּערעפּאל) אויך. גאנצע הונדערטער וויארסט געהען זייא אב צו פֿוס. מען האט זייא בעגעגענט אין עגיפּטען, הישפּאניען, גריכֿענלאנד, אונ דייטשלאנד, אזוי געהען צו פֿוסס. איבער דעם, וואס זייא פֿליהען נישט גוט קאנן מען זייא גרינג חאפּען, אונ מענשען פֿערניכֿטען זייא אין טויזענדער. אויף דעם דייטשען מעער איז פֿערהאנן איין אינזעל „העלהאלאנד". איבער דעם אינזעל פֿלעגען פֿיל הונדערט יאהר דורכֿאיינאנד דורך פֿליהען יאהר-יאָהרליך וואכֿטעל. דיא איינוואהנער פֿון דארט זיינען געווען זעהר צופֿרידען פֿון דער עהרע, וואס דיא וואכֿטעל האט זייא בעוויזען, אונ האבען זייא בעזוכֿט. זייא פֿלעגען זייא חאפּען טויזענדער-ווייז אונ האבען געהאט גרויססע פֿערדינסטען פֿון האנדעל מיט דיא וואכֿטעל. אפילו דיא דייטשע פּאסטארס (גלחים) זיינען אויך געווען פֿון זייא צופֿרידען, אז עס פֿלעגט זיך מאכֿען, אז דיא וואכֿטעל פֿלעגען אנקומען זונטאג, סאמע אין דער צייט, ווענן דער עולם איז געוועזען אין קירכֿע אונ האט געהערט דעם פּאסטאר'ס רעדע (דרשה), פֿלעגט דער פּאסטאר אליין, וואס שטעהט אויף דער בימה אונ זעהט בעססער, וואס טוט זיך אין דרויסען, פֿון דעם גאנצען עולם, אנזאגען דיא בשורה; ער פֿלעגט לאזען אין מיטטען דער דרשה, געזאגט: „כן יהי רצון אמן" אונ פֿלעגט אויסלאזען מיט דיא ווערטער: „מיינע פֿרוממע צוהאָרער, צוהאָרער! דיא וואכֿטעל זיינען געקוממען צופֿליהען!"

דיא וואססער-פֿייגעל זעהען זיך צו געפֿינען אַ וועג, אין דיא לאָנדער וואו זייא ווילען זיך איבער-קלייבען, איבערן וואססער. דיא גאנארעס, שטייגעס, וואססער ווארענעס (באקלאנעס) זוכֿען זיך אלץ אַ וועג אין דיא ווארעמע לאָנדער איבער טייכֿען. מעהר שווימּען זייא איידער זייא פֿליהען. זייא שווימּען זעהר גוט אונ איבער דעם געדויערט זעהר איבער-קלייבען זיך וועניג. קיין זאך שטערט נישט אזוי דיא פֿייגעל וויא דער ווינד. אז עס מאכֿט זיך זייא שלעכֿטע ווינדען אויפֿ'ן וועג, מוזען זייא זיך אבשטעלען אונ איבער ווארטען ביז דער ווינד וועט אויפֿהערען, אז נישט זיינען זייא מסוכן מיט דעם לעבען. דער ווינד קאן זייא פֿערטראגען ווייט פֿון דעם ברעג אין מיטטען ים. מען בעגעגענט אמאל אויפֿ'ן ים אזוינע פֿייגעל, וואס דער ווינד האט זייא נעביך פֿערטראגען פֿאר 100-טער וויארסט פֿון ברעג: דיא וואס פֿאהרען אויפֿ'ן ים דערצעהלען, אז זייא האט זיך געמאכֿט צוזעהען

אין

אין מיטען ים אזוינע פֿערבלאנדזעטע פֿייגעל, וואס האבען זיך געזעצט אברוהען אויפֿ'ן שיף. אט אזוי פֿליהען איבער אסך פֿייגעל פֿון איין לאנד אין דאס אנדערע אללע יאהר. זוממער קומט זייא אוים צו לעבען אין איין ארט, און ווינטער פֿאר טויזענדע וויארסט אין איין אנדער ארט. עס קומט זייא געניג געזונד אב אין דיא איבער קליבונגען.

נאר דער פֿאר בלייבען זייא חאטש לעבען און זיינען זיך מציל פֿון הונגער און פֿון קעלט. אט אזוי פֿיהרט זיך דאס צווישען דיא פֿייגלען פֿון אייביגע יאהרען אן. און זייא זיינען שוין אויסגעוואקסען, געוואהנט מיט דעם איבערקלייבען זיך פֿון איין ארט אין דעם אנדערן, אזוי אז עס קומט דיא צייט קאנען זייא גאר ניט איינזיצען רוהיג אויף איין ארט, פונקט וויא עפעס ציהט זייא און שפארט זייא אהינצו — אין דיא וויטע ווארעמע לאֶנדער. אנדערע פֿייגלען מאכֿט זיך אין לעבען אמאל צוואנציג און מעהר צו מאכֿען אזוינע רייזען (נסיעות) פֿון אונזערע קאנטין אין דיא ווארעמע לאֶנדער. זייא ווייזען שוין דיא וועג דיא אינגערע פֿייגעלעך, איבער דעם, אַ פנים, פֿליהען זייא שטענדיג אין איינעם, דיא אינגערע קוקען וויא דיא עלטערע פֿליהען, און פֿליהען זייא נאך. דיא עלטערע פֿייגלען ווייזען אויך דעם וועג צוריק, זייא דערקענען דיא אלטע ערטער אזוי גוט, אז יעדער פֿייגעלע זוכֿט זיך אָפּ דעם נעסט וואס זיא האט פֿאר אַ יאהרען אויסגעפלאכֿטען. דיא שטארכֿען, שוואלבעלעך און נאך אסך אנדערע פֿייגלען לעבען נאר אין דיא זעלביגע נעסטען וועלכֿע זייא האבען פֿריהער געלעבט.

דער שלאף ביים טהיערע.

ניט אלע טהיערע וואנדע־ין אוועק אויפֿ'ן ווינטער צוא זוכֿען זיך בעססערע ערטער צום לעבען. מאנכֿע שלאפֿען איבער דיא שלעכֿטע צייט. זייא פֿערקלייבען זיך ערגעץ אין אַ פֿארבארגענעם ארט און לעבען אַ גאנצען ווינטער אין שלאפֿען, ביז עס וועקט זייא אויף דער ווארעמער פֿריהלינג. אז עס קומט דער הערבסט (אסיען, יעסען) אזוי וויא עס ווערט נאר קאלט אין דרויסען פֿערזאמלען זיך דיא פֿלעדערמייז, דיא וועזלאקס, דיא מורמעל טהירע, אין זייערע נארעס און דרעמלען איין. דאס הארץ קלאפט אין זייא אזוי שטיל גלייך זייא וואלטען גאר נישט געאטהעמט, דער גאנצער קערפער ווערט וויא פֿערקיהלט און פֿערגליווערט. זייא קנייטשען זיך איין און קארצען זיך צוזאמען וויא אַ קנויל און ליגען וויא דיא טויטע, ניט ריהרענדיג מיט קיין איינציגען גליעד. אויף דיא הויכֿע אלפענבערג וואו דער שנעע צוגייט ניכֿט אפילו אין דיא גרעסטע זוממערדיגע

היטצען

הימצען לעבען אזוינע מורמעל חיה'לעך וואס שלאָפֿען גאנצע 8 חדשים אין יאהר.

אז עס קומט די שלאָפֿצייט גראבען זייא אויס אזוינע קונציגע נארעס, וואס ציהען זיך גאנץ אָפֿט אויף פֿופֿציג ארשין אין דער ערד. דעם אריינגאנג אין דער נארע מאכֿען זייא זייער שמאל אונ פֿארשטאפּען איהם מיט הייא אונ גראז. אין נארע גראבען זייא אויס אַ געלעגער אינ בעטטען איהן אויס מיט הייא, וואס זייא האבען זיך אנגעגרייט זוממער. דאס מורמעל חיה'לע נעהמט זיך קיין הייא, וואס מענשען האבען שוין דער בייא געארבייט, אליין מיט זיינע ציינדאלאך גריזעט דאס אונטער זיך אין גראז, לאזט עס ליגען אויף דער זונן, עס זאל זיך אויסטריקענען, אונ אז עס ווערט שוין פֿון גראז — הייא, טראגט זיא אין נארע אריין.

אַ גאנצען זוממער האט עס געגעססען אונ איז פֿעטט געווארען, צונד קוממט אַ שלאָפֿעדיקער תענית אויף גאנצע 8 חדשים אונ עס ווערט זיך אויסהונגערען. אין איין נארע פֿערקלייבט זיך אַ גאנצע פֿאמיליע, צו שיטצען זיך פֿאר שונאים, ווערט דיא נארע ביים אויסגאנג פֿערשטאפּט גאנצע דרייא ארשין דיא לאַנג מיט ליים, שטיינדעליך אונ הייא. האט מען דאס גיענדיגט, טוללען זייא זיך צונויף איינער צום אנדערן, אַ קעפּעלע צו אַ ווידעלע אונ שלאָפֿען איין. אונ שלאָפֿען שוין ביז דער פֿריהלינג קומט, אונ דיא זונן הייבט אָן דורך צו ווארעמען דיא ערד. דעמאלט האפען זייא זיך אויף פֿון שלאָף. צום ערשטען שטייען אויף דיא יונגערע אונ שטארקערע חיה'לעך, דער נאך דיא עלטערע אונ דיא שוואכֿערע. —

דיא פֿלעדער-מויז מאכֿט זיך ניט קיין נארע אויף ווינטער, זיא איז יוצא מיט וואס עס איז, נאר אַ ווינקעל ערגעץ אויף אַ בוים, אין אַ קעללער, אדער ערגעץ צווישען שטיינער אין אַ שפּאלט, אונ ווערט דארטען איינגעשלאָפֿען.

פֿרעש (זשאבעס), שלאנגען אונ יאשטשערקעס שלאָפֿען אויך איבער דעם ווינטער, זייא פֿארקלייבען זיך אונטער אַ שטיין, אין מאָך, אדער ערגעץ אין אַ לאָך פֿון איין אויסגעפֿוילטען בוים אונ ווערן דארט איינגע-שלאָפֿען. מאנכֿע שלאָפֿען ביחידות, איינציגע פארשווינען פֿאר זיך, מאנכֿע — בצבור — עטליכֿע צוזאממען. גראבענדיג אונטער דער ערד, האט מען אַ מאל אנגעטראָפֿען אַ גאנץ פעקיל שלאנגען, וואס זיינען געשלאָפֿען צוזאממען געוויקעלט וויא דיא קנוילען צווישען דיא ווארצעלען פֿון בוימער.

וואונדערליכֿע מעשות דערצעהלט מען פֿון דיא פֿרעש (זשאבעס). ענדע ווינטער האט מען זייא געזעהן פערפֿרוירען ווערען צוזאממען מיטען וואססער, וואס האט בעגאססען דעם מאָך אויף דעם ארט, וואו זייא האבען געשלאָפֿען, נאר וואו עס איז ווארעמער געווארען אונ דאס אייז, אין וועלכֿען

זייא

זייא זיינען געווען פערקאוועט, איז אפגעגאנגען, איז מיט איהם צוזאממען אפגעגאנגען דיא פרעש אונ זייא זיינען געווארען לעבעדיג.

אַזוינע מעשות דערצעהלט מען וועגען אַנדערע בעשעפניש אויך. דיא פֿיש, חאטש זייא ווערען ניט איינגעשלאָפֿען ווינטער, אונ ראטעווען זיך פֿון דער קאָלט דער מיט, וואס זייא שווימען אראפּ אין דיא טיפֿסטע אָרטער פון טייך, וואו עס קומט ניט צוא קיין קאָלט, פֿון דעסטוועגען מאכט זיך אַ מאל, אז זייא ווערין פֿארפֿרארען אויף אַ גאנצען ווינטער, אונ דערנאך געהען זייא אפ אונ ווערען צוריק לעבעדיג.

אללע פֿישער, וואס חאפען ווינטער פֿיש, ווייסען עס. פּיאווקעס ווערעמלאך, אללערליי זשוקעס אונ פֿליגען, שנעקען (אוליטקעס) אונ נאך פֿיל קליינע חיה'לאך ווערין אויך איינגעשלאָפֿען ווינטער. וויא עס ווערט קאָלט בעהאלטין זיך דיא אללע בעשעפֿענישען, יעדערע וואו עס דערטאפּט איין ארט — אין דער ערד, ערגעץ אין אַ שפּאלט אדער אין מאָך אונ ווערען דארטען איינגעשלאָפֿען ביז עס קומט דער ווארעמער זוממער. אין דיא קאלטע לאָנדער וויא אין נארד-סיביר איז דא אַזוינע טייכלעך, וואס ווערען פֿארפֿרארען ווינטער ביזען גרונד. דיא אללע פֿיש, פֿרעש אונ אנדערע לעבעדיגע בעשעפֿנישען, וואס לעבען אין יענע טייכען האבען אין ערגעץ ניט וואוהין צוא אנטלויפען, זייא האבען איין ברירה צוא בלייבען דארט אונ פרירין. אַ סך ווערען דערפֿרארען אויף טוידט, נאר אַ סך אנדערע לעבען איבער דעם ווינטער אין אייז אונ אז עס קוממט דער זאממער ווערען זייא צוריק לעבעדיג. מענשען וואס האבען גערייזט איבער סיביר דערצעֶהלען, אז זייא האבען אליין געזעהן קאראסען, וואס זייא זיינען געלעגען אַ גאנץ ווינטער דערפֿרארענע, זיינען פריהלינג צייט צוריק לעבעדיג געווארען. נאטירליך איז דער שלאף דאס איינציגע מיטטעל זייער לעבען צוא דער-האלטען, ווארום ווען ניט דער שלאף וואלטען דיא אללע מינים אויסגע-שטארבען פֿאר קאָלט אונ פֿאר הונגער.

נאר דער זאממער קען אין אייניגע אָרטער זיין געפֿאָרליך פֿאר דיא טהירע וויא דער ווינטער, ווארום דיא היץ קאן זייא גלייך שאדען וויא דער פֿראסט!

מיר האבען אויף דער ערד אזוינע הייסע לאָנדער וואו זוממער טריקענען אוים אללע טייכען אונ עס בלייבט ניט קיין וואסער אויך צוא טרינקען. ביימער אונ אלערליי געוויקסען ווערען פֿערטריקענט, אונ דיא טהירע אונ לעבעדיגע בעשעפֿענישען פֿון יענע געגענדען וואלטין קיין מאל ניט אויסגעלעבט דאס יאהר. אין דער טרוקענער צייט וואלט אין דער געגענד אללעס אויף איינמאל אויסגעשטארבען. נור דיא טהירע רעטטען זיך פֿון דער היץ מיט דיא אייגענע מיטטעל, וויא פֿאר דיא קאָלט, מאנכע וואנדערען

אוים

אוים און טראגען זיך אויף אייניגע הויכע און טרוקענע אָרטער, און נאך אנדערע, וואס עס רעטטעט זייא דער שלאף. פונקט אזויא וויא אַ טהייל טהירע שלאפֿען אין דיא קאלטע לאַנדער ווינטער, אזויא שלאפען זייא דארט אין דיא הייסע לאַנדער איבער דעם זוממער מיט זיינע היצען, ביז עס וועקט זייא אויף דער הערבסט מיט זיינע רעגענם. זייא דערפיהלין דיא פייכטיגקייט, האפען זייא זיך אויף און הייבען אָן ווייטער לעבען.

אויף דער אינזיל מאדאַגאסקאר (בייא דעם מורח פֿון אפֿריקא) לעבט אַ מין קליינע יאזשיקעס, וואס זיינען גיראטין אין אונזערע. דיא יאזשיקעס קענען זעהער ניט ליידין קיין היטצען; און קוים מאכֿט זיך אַ היטץ פערקלייבין זייא זיך אין דיא נארעס, ווערין וויא פאר חלשט, שלאפין איין, און שלאפין איבער דיא היטץ פונקט וויא אונזערע יאזשיקעס שלאפֿען איבער דעם ווינטער!

אין דיא הייסע לאַנדער פון אפריקא און אמעריקא געפינען זיך אזוינע שרעקליכע לאנגע העקדיסין מיטין נאמען קראקאדילין און קיימאנעס, וואס האלטין אַ פֿינף אדער זעקס ארשין דיא לאַנג; קראקאדילין און קאי מאנעס זוממער פערגראבין זייא זיך אין גראז לעבין אַ טייך און ווערען זייא פאר חאלעשט און שלאפֿען איין; מענשען גייען פֿאר בייא און עס פֿאלט זייא גאר ניט איין אז זייא טרעטין אויף אזוינע שרעקליכע ברואים! עס טרעפֿט אז יעמאנד פֿון דיא וואנדערער פֿאלט און שטארבט פֿאר שרעק דער זעהענדיג זייא. ענדע זוממער האפט זיך דער קראקאדיל אויף, ער הייבט זיך אהן ריהרען און שטרעקט ארוים פֿון אונטערין גראז זיינע שרעקליכע צאָהן!

דיא קראקאדילין שלאפין אַ 2—3 חדשים! מאכט זיך אַ מאהל און זייא האפין זיך פֿאר דער צייט אויף, דאס הייסט, בשעת עס איז נאך שטארק היים, דאס גראז איז נאך פֿאר דארט און דיא לופט צוא טרוקען; לאזין זייא זיך דעמאלט גיין זוכֿין קילערע ערטער, זייא לייגין זיך אויף אַ טייך און שווימען ניט ריהרענדיג מיט קיין גליד אין מיטין וואססער וויא דיא העלצער.

אין אפריקא און אין אמעריקא אין דיא טייכין וואס טריקענען זוממער אוים גיפינען זיך וואונדערליכֿע פישין. זייא האלטין דיא לייגג העכֿער איין ארשין און אטהעמען ניט נור מיט דיא פֿלוספֿעדערין וויא אנדערע פיש, נאר מיט אַיין עקסטרא פענהיר, וואס דיענט זייא אנשטאט לונגען, אָט דיא גרויססע פֿישין מוזען אז טייכען טריקענען אוים לעבען עטליכֿע חדשים אָן וואסער אויף דער טרוקענער ערד. דעמאלט גראבין זייא זיך איין אַ ביסיל אין גראז, וואס וואקסט אויפֿין גרונד פֿון טייך, ווערין פֿארחלשט און שלאפֿין איין; דאס הארץ קלאפט אין זייא קאם — קאם און זייא אטהעמען

שטיל

שטיל מיט דער הילף פֿון פענחיר. עס מאכט זיך זייא אט אזויא אפ צוא שלאפֿין העבֿער אַ האלב יאהר ביז עס ווערט וואססער.

דיא פיצעלעך בעשעפֿעניסין וויא פליגען, זשוקעלעך, ווערעמלעך, שנעקען און נאך פֿיל אנדערע קליינע חיות זיינען אויך אזויא בעשאפֿין גיווארין אז זייא זאלין קאנען לעבען אַ צייט אָהן וואססער.

איהר ווייסט געוויס אז דיא אללע פליגעלעך אונ זשוקעלעך געפינען זיך זייער אַ סך אין דיא בלאטעס, קאלויזשעס אונ אין אללע קויטיקע פֿייכטע ערטער. דארט איז פאר זייא דער רעכֿטער ארט צום לעבין, אַ ריינע שמאלץ — גרוב. אין דיא הייסע געגענדין זיינען זייא דא נאך מעהרער וויא בייא אונז אונ לעבען נאר אין דיא בלאטעס.

וויא דיא בלאטעס הייבין אָן אויס צוא טריקענען ווערין זייא אויך איין גידארט אונ פֿאר טריקענט וויא דיא בלעטליך פֿון דיא ביימער;

דער ווינד האפט זייא אונטער אונ פאר טראגט זייא גאנץ וייט אויף הונדערטער וויארט; נור טרעפֿט זיך אז ער פארוואדפֿט זייא אין וואססער אריין ווערין זייא אללע צוריק לעבעדיג, הייבין אָן זשווען גלייך וויא עס איז גאר ניט גיוועו.

וויא לאנג קאנען לעבענדיגע בעשאֶפֿעניש שלאפֿין אונ לעבען אזויא אהן עססען אונ טרינקען? איך וועל אייך דערצעהלין אַ מעשה:

דיא מצריים פֿלעגען פאלמעסין אונ פֿערבאלזאמירין טוידטע מענשען, אז זייא זאלין קאנען אפ ליגין טויזינדער יאהרין אונ ניט פֿוילין. זייא פֿלעגין ארויס נעהמען דאס הארץ, דיא לונג-אונ לעבער אונ אללע איינגעווייידין (קישקעס) אונ אויף זייער ארט אנגיסין אהינצו אזא מין שמעקעדיגע גע־דיכטע סמאלע אונ אנגעפֿיהלט מיט אזוינע שמעקעדיגע גראזען אונ קרא־טאכֿער. דער נאך פֿלעגין זייא ארומשמירין דעם טוידטין מיט סמאלע, איינוויקלען אין אַ ליילאך אונ נאך אַ מאהל ארומגיסין מיט סמאלע אונ בע־האלטין אין אַ הייל. דיא הייל פֿלעגט מען פֿערמויערין אזויא, אז עס זאל אין דער הייל קיין פֿרישע לופֿט ניט אריין, אזויא פֿלעגין דיא עגיפטער (מצריים) באגראבין זייערע קעניגען אונ גרויסע לייט וואס זיינען אזויא דער נאך פֿערשטיינערט גיוואָרין פֿארהארטעוועט גיווארין וויא ביין.

דיא קברים הייסען פיראמידין, אין איינער פֿון דיא פיראמידין האבין ענגלאֶנדער גיפֿונען אין אַ זארג (טרונע) אַ פֿארבאלזאמירטען קעניג פֿון מצריים וואס האט גילעבט צוריק מיט 3000 יאהר.

זייא האבין גיבראכט דיא טרונע מיט דעם קעניג קיין ענגלאנד. דארטין אז מען האט גיעפֿינט דיא טרונע, פאמעליך גינומען פֿארנאנדער וויקלען דאס לייליך אין וועלכען דער קעניג איז געווען איינגעוויקעלט — האט מען בע־מערקט אַ שנעק אַ פֿארדארטין אונ אַ פֿארטריקענטין וואס איז געלעגען

אינעווייניג

אינעווייניג אין ליילאך. מען האט גינומען דעם שנעק, אונ אריין געלאזין אין וואססער אריין אונ ער איז אויפגעלעבט געווארין.

מען האט שוין נאכדעם נאך עטליכע מאהל געפונען אין אזוינע היילען פערטריקענטע שנעקען, וואס זיינען לעבעדיג גיווארין אז מען האט זייא אריין גילאזט אין וואססער אריין. דערפון זיינען גילערענטע מענשען גיוואהר גיווארין אז דאס לעבען אין איינינע בעשעפענישין קאן זיך אפשטעלען אויף עטליכע טויזענדער יאהרין אונ דער נאך זאל דאס לעבען ווייטער זיך אומקערין צוא זייא. —

2-טעם קאפיטעל.

וואס אזויא דיא טהירען הארעווען אויף פרנסה.

נישט נור דער מענש ארבייט אזויא שווער אויף זיין ברויט; בייא טהירע גייט כמעט דאס גאנצע לעבין אוועק אויף שטיללען דעם הונגער. יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש ארבייט לויט זיינע קרעפטין, יעדעס טהיר וויא מיט מעהר אדער וויינעגער פערשטאנד, שטענדיג פיהרין קריג מיט זיינע פיינד, מיט אנדערע טהירע וואס לויערין אויף זיין לעבין אונ אהן אויפהער זיך ווערען געגען היץ אונ קאלט, דארשט אונ הונגער. מען דארף גינוג ארבייטין מען זאל האבין וואס צוא עססען. דיא פייגיל ארבייטין מיטין שנאבעל, מיט דיא פיסלאך אונ מיט דיא פליגעלעך, דיא אפפען (מאלפעס) מיט דיא פיר לאנגע הענד וואס זייא האבין אונ דער צוא מיטין וויידיל, שלאנגען מיטין גאנצען קערפער, זייא רינגלען, וויקלען אונ דרעהען זיך וויא א שרויף מיטין גאנעצען לייב ארום דער אומגליקליכער בריאה וואס זייא דערטאפין אונ דערדריקין אונ שלינגען איין.

ניט אלע עססען אלץ איינע זאכען; טהייל קענען ניט עססען קיין גראז ווייל זייא האבין שטומפפיגע ציין אונ קאננען דאס גראז ניט צוא רייבין; אנדערע עססען ניט קיין פלייש, ווייל דער מאגין זייערער קאכט דאס ניט, אונ עס איז דא אזוינע, וויא דער מענש, וואס עססען אי דאס אי יענץ וואס מאכט זיך.

אויף יעדען שטיקעלע שפייז זיינען פערהאנדין א סך בעלנים, איבער דעם זיינען אללע לעבעדיגע בעשעפענישען שטענדיג פערטראגין, פארטומעלט; יעדערער זוכט זיך אזא עססען וואס טויג איהם.

פון דיא גרעסטע חיות, פייגלען, פישין, שלאנגען ביז דיא קלענסטע ווערעם אונ פליגין, זיינען אללע פערנומען מיט דאגת פרנסה. אונ צוא

פרנסה

פרנסה מוז מען האבין פֿערשטאנד, אונ קראַפֿט אונ געוואנהייט, אונ איבער-לייגונג, מען דארף זיין געשיקט אונ ריהרענדיג, מען דארף האבין אַ פנים, אויגין אונ אויערין אונ זעהען אונ הערין וואס טהוט זיך ארום זיך; מען מוז קאנען בענוטצען דיא סעקונד אונ דער צוא צושפרינגען אונ צוא חאפין, אונ אין דער צייט אפצושפרינגען אונ אנטלויפֿין.

איבער הויפט דארפֿין האבין דיא מעלות דיא פֿלייש-פֿרעססער וואס שפייזען זיך מיט אבר מן החי, ווארום געגען גראז אונ אלערליי געוויקסען דארף מען וויינינגסטענס קיין קראַפֿט ניט בענוטצען!

יעדעם טהיר האט זיינע פיינד: גרעססערע אונ גיזונדערע טהירע, וואס ווילּלען פֿרעססען. אויפֿין האז לאקערען: וועלף, הינד, קעטץ, מארדערס, אדלער, פֿוקסין, לוקסין (אַ מין ווילדע קעטץ) פֿילינעס קארשאקעס אונ ווראַנעס. דער גרויסער עלענהירש האט אויף זיך: וועלף, בערין אונ לוקסין דער וואלף פֿארצוקט דעם עלענהירש מייסטענס ווינטער, אין דיא טיפֿע שנעען. דער בער געהט נאך דער סטאדע אונ קוקט אויס עס זאל איין עלענהירש בלייבין הינטערשטעליג, ער זאלל איהם שטילל צוא רעכט מאכין, דער לוקס לאקערט אויף אַ בוים אין דער הייך; בעוויזט זיך אויף דער ערד איין עלענהירש — שפרינגט ער אויף איהם פֿון בוים אראָפּ אונ רייסט איהם אויף מיט דיא צאָהן דעם רוקען מיט דיא בלוט אדערין, דער עלענ-הירש פֿערבלוטעט אונ פֿאלט, דעמאלט מאכט זיך דער לוקס פֿון איהם אַ סעודה!

נאך דיא הירשען, וויא נאך דיא פעשטרושקעס, וויא איהר ווייסט שוין, גייען אויך נאך חיות וואס חאפין אינ פרעססען. דיא זשוקעלעך האבין אויף זיך פֿייגיל וואס מאכין פֿון זייא אַ תל, פֿייגלען וואס עסען דיא זשוקעלעך האבין ווייטער אויף זיך טהירען, שנעע ווילען אונ נאך פֿיל אנדערע חיות וואס דער געהען זייא דיא יאהרין. אַט אזויא גייט דאס אַ לאנגע קייט: דיא קלענערע חיות האבין אויף זיך גרעסערע אונ דיא נאך גרעססערע, שטארקערע עססען דיא שלאַפֿערע אונ עם געפֿינט זיך נאך שטארקערע וואס עססען ווייטער דיא שטארקע.

אין געצעלט צוא אַ רייזענדען אויפֿין האלב-אינזעל פֿלארידע, אין זיד-אמעריקע איז אריינגיפֿלייגין אַ שיינער גרינער מאי-קעפֿער מיט זיין רויב אַ קליין פֿליגעלע אונ ער האט זיך גענומען צום עססען מיט גרוים אפעטיט, ער האט זיך פֿערטיפֿט אין דער אכילה אונ גאר ניט בעמערקט וויא נאך איהם איז אריין שטילל (אין גיצעלט) אַ פֿראש. אין אַ רגע ארום איז דער מאי-קעפֿער שוין אויף דער וועלט ניט גיוועזן — דער פֿראש האט איהם איין גישלונגען.

דער רייזענדער האט שוין גיוואלט ארוים שמייסען דעם ראש, נאר פלוצלים האט ער דערזעהען, וויא אַ שלאנג קריכט שטילל אריין אין גיצעלט זיא האט זיך אפּ גישטעלט אַ רגע, זיך אוים גיבויגין אונ אַ שפרונג גיטאהן צום פֿראש, וואס האט זיך איינגעקארטשעט אין דרייען. דיא שלאנג האט גיעפֿענט דעם מויל, אַ ביסס געטאהן דעם פֿראש, אריינגעלאזט דעם גיפֿט אונ האט זיך אפּ גערוקט אָן אַ זייט אונ רוהיג געווארט, אומזיסט האט דער פֿראש גיפּראובט שפרינגען אונ אנטלויפֿין, ער איז שוין גיוועזן פֿערסמט; אין עטליכע סעקונדין ארום האט ער אָן גיהייבין צוא ציטערין, האט זיך אויסגיצייגין אונ גיפֿאללין; דיא שלאנג איז ווייטער צוא גיגאנגען, גיעפֿענט דאס מויל אַ האפּ געטאהן דעם פראש אונ גינומען זיך שלינגען (איהר דארפֿט וויסען אז אַ שלאנג קאנן ניט קייען זיא מוז אלצדינג וואס נאר זיא האפּט איינשלינגען גאנצער הייד וויא עס איז) דער־פֿראש איז גיוועזן אַ היבשער אונ דיא שלאנג האט זיך באדארפט אַ ביסעל מאטערין ביז זיא האט איהם אראפּגישלונגען, דער נאך איז זיא גאנץ רוהיג ארוים פֿון געצעלט, נור באלד ביין ארויסגאנג איז אָנגיפֿלייגין אויף איהר אַ שטארך, האט איהר דער לאנגט אַ פאטש מיט דיא פֿליגעלעך אונ אַ פיק מיטין גרויסין שנאבעל. אומזיסט האט דיא שלאנג זיך גידרייט, גיעפֿענט דאס מויל אונ געוואלט אַ ביס טאהן דעם שטארך, אומזיסט האט זיא זיך גידרעהט, אונטער גישפרונגען אונ גיווארפֿען מיטין וויידיל; אין אַ מינוט ארום האט איהר דער שטארך נאך אַ מאהל אַ פיק גיטאהן אונ איבער גיחזרת אזויא לאנג ביז ער האט זיא דער פיקט.

דער נאך האט ער זיא אנגיחאפּט מיטין שנאבעל, אויפֿגיהייבין אונ גיוואללט אוועק פֿליהען, נאר ער האט ניט געקאנט; דיא שלאנג איז גיוועזען צוא גרוים. דער שטארך האט זיך אפּ גישטעלט אויף אַ רגע גלייך ער האט אַ ישוב גיהאט; דער נאך האט ער זיא נאך אַ מאהל אנגינומען מיטין שנאבעל אונ איז מיט גרוים מיה אונ מאַטטער געפֿלויגין מיט איהר אזויא נידעריג, אז אַ האלבע שלאנג האט זיך איהם נאכֿגישלעפּט אויף דער ערד.

דער רייזענדער האט גיזעהען וויא אזויא דער שטארך האט זיך קאם צוא גישלעפּט צוא אַ אויסגיהיילטין ביים אונ דארט האט זיא זיך גינומען צוא דער אַכֿילה. נור אונטער דעם אייגענעם ביים זיינען געזעססען צווייא קראַפּ־געגז־פעליקאנען. דיא פעליקאנען זיינען גרעסער אלץ אונזערע היימישע גענז אונ האבין לייגערע אונ ברייטערע שנאבלען, נור דער עקר צייכֿענען זייא זיך אוים מיט דער לעבעדיגער שפייז־אַלמער וואס זייא טראגין מיט זיך, דאס איז אמין בייטיל פֿון דער הויט, וואס היינגט זייא אונטערין שנאבעל. פֿון דעם וואס זייא שלינגען איין גערהט אַ טהייל אין

ארויין

מאגען אריין צום פֿערדייען, דיא רעשט (אויב עס איז דא) בלייבט ליגין אין בייטיל אויף שפּעטער ;

שפּייזין — שפּייזין זיך דיא פעליקאנען מיט פֿיש, פֿראָש אונ שלאנגען אונ בשעת דער שטארך איז צוגיקאממען צום בוים, זיינען דיא בייטיל גיוועזען לעער! דיא פעליקאנען האבין זיך באלד צוא גיחאפּט צוא דער שלאנג, נור דער שטארך וויל „זיין שטעדטיל בעשטעהען" — דער שטארך שלאגט מיט דיא פליגיל אונ שרייט, דיא קראפּ-גענז טהוען אויך דאס גלייכין, קלאפּין מיט דיא פליגעל אונ שרייען, דאס הייסט „אָביאוועט אַ קריעג" אונ באלד דערנאך איז גיווארין געשלעגין מיט פֿליגעל אונ אַ פּיקערייא מיטן שנאָבלען! אין דער היץ פֿון דער מלחמה האבין זייא דערווייל גאר פארגעססען אָן דיא שלאנג ; זיא האט בענוצט דיא מינוטען אונ איז דערווײלע צוא גיפּייזשעט נאָהנטער צום ביים אונ גיוואללט מאכין פלטה. נור דעמאלט האט זיך ארוים גירוקט פֿון לאך אין ביים, אונ האט זיך גיוויזין עמיצענס אַ לאפּע האט אנגעהאַפּט אונ ארייגגיצייגין דיא שלאנג. דיא פֿייגעל האבין עם דערזעהען אונ אפּלאזענדיג איינם דאס אנדערע צוא גילאזט זיך אפּשלאגין זייער רויב נור עס איז שוין גיוועזען צוא שפּעט דיא שלאנג איז שוין גיוועזען אין לאך, וואס איז פאר דיא פייגעל צוא שמאל אונ ענג גיוועזען! אונ זייא זיינען אוועק גיפֿלייגין מיט גאר נישט. דער רייזענדער איז צוגיגאנגען צום ביים, אונ האט אריין גיקוקט, אינעווייניג אין חלול, אונ האט גיזעהען וויא אַ גרויסע סאווע האט זיך געקוויקט מיט דער שלאנג, ער האט גיוואלט שיסען, נאר פלוצלים האט ער זיך פֿאר זיך אליין פֿערשעמט ער האט גיטראכט: עס איז אַ קייט פֿון רציחות, פֿון פֿערדארבין, דארף זיך צוא מאכֿין נאך אַ רינג צוא דער קייט? נאך ווייניג? אונ עס איז באמת אַ קייט! אדער בעססער אמת'ר הד-גדיא. יעדע בריאה האט אונטער זיך שוואכערע, אונ איבער זיך שטארקערע, אין איין זייט עסט, זיא אין צווייטער — ווערט זיא גיגעססען. איין אייביגע מלחמה דאס לעבען צוא דער האלטין.

דיא פרנסה בייא לייבען אונ טיגער.

דער לייב, איז דער קאָניג פֿון דיא חיות, אונ דער טיגער וואס טרעהט איהם מיט ווייניג אפּ — דארפֿין פֿערשטעהט זיך אַ סך האבין, אזוינע שטארקע חיות מוזין אַ סך עססען! אויף אַ געוויסין ארט אין נארד-אמעריקע אין דעם יאהר 1855, האבין גילעבט 30 לייבין אונ האבין אויף גיגעסען פֿיה, קיה, אָקסען, פֿערד, שאף אונ ציעגין פֿאר 45 טויזנד רוביל; דורכֿבאנק האט יעדער איינציגער לייב אויפֿגיגעסען פֿאר 1500 רוביל;

דיא

דיא גוט-בעזיצער אין אלושיר (נארד-אפֿריקע) בארעכֿענן, אז יעדער לייב קאסט זייא ביז 8000 רוביל אַ יאהר, אזוי פֿיל פֿרעססען זייא אויף — פֿון לעבענדיגע אינווענטאר אונ איהר דארפֿט וויססען אז דארט איז פֿיה וואלוועל. אין 1856 האבין דארט דיא לייבין פֿערצוקט 10000 שטיק פֿערשיידענע פֿיה! נאר דאס איז נאך ניט דיא גאנצע פרנסה פֿון לייב! וואו זיינען דיא טהירע וואס ער פֿערצוקט אין וואלד? אויף זיין רויב גייהט דער לייב ארוים בייא נאכט. ער גייט טריט בייא טריט, דיא אויגין פֿינקלען איהם אונ לייכטין אין דער פֿינסטער, וויא פֿייערדיגע רינגען. צייטין וויז לאזט זיך הערען וויא אַ דונער, ער טהוט אַ ברום, ווערט אנטשוויגין אונ ברומט וויטער.

דיא סטאדעס, אז זייא דערהערין זיין שטיממע, הייבין אָן ציטטערין פֿאר שרעק; דיא הינד וואס היטין דיא סטאדעס, צוא לייפֿין מיט יעממערליך געבעלעריי, בעהאלטין זיך וואו זייא קאנען אונ אללע חיות אין וואלד בלייבין שטיל פֿאר פחד! דער לייב גייט זיך גאנץ רוהיג צום ארט, וואו דאס פֿיה שטעהט. דיא סטאדע וואס דער הערט איהם שלאגין זיך צוא זאממען אין איין הופֿין; דערשראקענע אונ פֿערציטטערטע טולען זייא זיך איינס צום צוויטין אונווארטין אויפֿין טוידט; עס דויערט אַ רגע אונ דער לייב איז איבערגישפרונגען איבערין העכסטין פארקאן, געחאפט דעם גרעסטין אָקס, אדער דיא גרעסטע קוה מיט דיא פֿאדערשטע פֿיס, געטיידט אונ מיטין רויב שפרינגט ער צוריק איבער דעם פלויט אונ לאזט זיך שוין געשווינדער אין זיין נארע אריין וואו ער וועט גאנץ רוהיג אויף עססען אונ פֿערדייען זיין וועטשער.

אַ רייזענדער האט גיזעהען וויא פֿינף יעגער (אהאטניקעס) האבין אויף געזונדע פֿערד נאכגעיאגט אַ לייב, וואס איז גילאפֿין מיט אַ קאַלבעלע אין דיא צאָהן און האבין איהם ניט גיקאנט דער יאגין. דער לייב פֿאלט אַ מאהל אָן אויף אַ מענשען אויך. אַ פאסטוך האט אַ מאל גיטריבין צום וואססער אַ סטאדע אָקסין, פלוצלינג דער זעהט ער אַ לייב, ער האט זיך מישב גיוועזען זאל דער לייב בעססער צוא נעמען איין אָקס איידער אַ מענש. ער איז אריין אין דער מיטט סטאדא, אונ גערעכֿענט אז דער לייב וועט האפין דעם ערשטין גרויסין אָקס אונ אוועק גיין. האט זיך אבער מענשין-פֿלייש פֿערגלוסט דעם לייב! ער האט זיך גילאזט אין דער מיטין אריין אונ דער פאסטוך איז קאם ארוים מיטין לעבין; ער איז אין דער רגע ענטלאפֿין; צום גליק איז נאהענט גיוועזען אַ ברייט פֿערוואקסענער בוים מיט גרויסע נעסטין פֿון פֿויגיל. דער פאסטוך איז ארויף אויפֿין בוים אונ האט זיך בעהאלטין הינטער דיא נעסטער, דער לייב איז איהם נאכֿגישפרונגען, נור אויפֿין בוים האט ער נישט גיקאנט ארויף, ער איז צוריק אראבגיפֿאלין

אויף

אויף דער ערד! נאך גילאזט האט ער ניט! עטליכע מאל איז ער ארום־גיגאנגען ארום בוים, אויפֿגיהייבין דעם קאפּ אונ בייז ארויפגיקוקט. דער נאך האט ער זיך אַ נידער גילייגט לעבען בוים אונ בעלעגערט דעם פאסטוך. אזויא איז ער גילעגען אַ גאנץ מעת־לעת אויף איין ארט. ענדליך, האט זיך איהם פֿערוואללט אַ טרונק אונ ער איז אוועק צום טייך. וויא דער פאסטוך האט דאס דערזעהען, איז ער געשווינד אראב פֿון בוים אונ גענומען לויפֿען אהיים. אבער דער לייב האט דאס בעמערקט אונ האט זיך נאך איהם נאכֿ־געיאגט. ער האט זיך אומגיקעהרט ערשט, ווען עס איז שוין מעהר ניט געבליעבען וויא 300 טריט צום פֿאסטוך'ס היים.

צוא איינעם אַ קאלאניסט איז אמאל אריינגעקומען אַ לייב אונ האט זיך רוהיג גילייגט אויף דער שוועל פֿון שטוב, וואו זיינע קליינע קינדער האבין זיך געשפיעלט. דעם קאלאניסט'ס ווייב האט דאס דערזעהען אונ איז שיער ניט גישטארבין פֿאר שרעק. צום גליק איז אפֿפֿען געוועזען דאס פֿענסטער אונ ביים פֿענסטער האט גיהאנגען איין אנגעלאדענער ביקס. דער קאלאניסט וואס איז דאמאלסט גיוועהן אין דרויסען, האט דורך דעם פֿענסטער דערזעהען דעם לייב, ער האט אראפּ גיחאפּט דיא ביקס, גיציעלט צום לייב אונ אויסגישאסין! דיא קויל איז דורך גילאפֿין לעבען דיא קינדער, געטראפֿין דעם לייב גלייך אין שטערען אריין אונ אַ נידער געלייגט איהם אויפֿין ארט! אין דיא געגענדין, וואו עס האלטין זיך אויף לייבין איז דאס מענשליכע לעבען אין סכנה! מען כאפּט גאנץ אפט אויף זייא אבלאווע, נור דאס זיינען געפֿעהרליכע זאכין, אונ מאססען מענשען קומען אום! געווענליך מענשען זיינען אומגיקומען אין געיאָג אויף לייבין. אין סודאן (אין מיטטין אפֿריקא) ווערט גענוצט געגען דעם לייב אַ געוויססע קמיע מיט אַ פסוק פֿון קאָראַן (דיא מאחמעדאנישע תורה) קמיעות. קויפֿט מען פֿאר גוטע געלד בייא דיא מוללא'ס (מהמדאנישע מורי הוראות) אונ מען הייגנט אויף אויפֿין פלאטץ וואו עס פֿיטטערן זיך דיא בהמות! מען גלויבט אז דער לייב דער שרעקט זיך פֿאר דער קמיע, דער לייב טהוט אפילו זיין זאך אונ הערט דיא קמיע וויא אין טראק, אבער דעננאך הערט מען ניט אויף אין דיא קמיע צוא גלויבען.

דער לייב, ווייסט איהר שוין פֿרעסט אי היימישע פֿיה; אי ווילדע חיות. צוא דעם אללעם האט ער גינוג כח אונ פֿערשטאנד. היימישע פֿיה תאפּט ער אונ טיידט אויף איין אופֿן אונ ווילדע טהירע אויף איין אנדער אופֿן.

דער לייב בעפֿאלט אדער אין קאמפאניע מיט אנדערע לייבען, אדער ער אליין היט אב ביז עס בעוויזט זיך לעבן איהם אַ טהיער. אז עטליכֿע לייבין האפין צוזאמען אַ ווילדע ציעג אדער איין אנדערע טהירע צוא טיילין זייא זיך באלד...

דער

דער לייב האט שכל צוא געהען שטילער הייד, אונ זיך אונטערבייגין אונטער זיין רויב אנטקעגין דעם ווינד כדי דאס טהיער, וואס ער וויל חאפין, זאל ניט דער הערין זיינע טריט. קומט ער צוא נעהענטער, טהוט ער אַ שפרונג אונ דערשלאגט דאס טהיער אויפֿין ארט. אַ רייזענדער האט אַ מאהל צוגיזעהען אזא געיאָג.

אַ קליינע סטאדע זוברעס (אַ מין פֿערד) האבין זיך געפיטערט (געפאסעט) אויפֿין פֿעלד. זייא האבין גאר ניט אָן גיהייבין פֿיהלען אָדער הערען, אז עס גנבנען זיך אונטער צוא זייא צווייא לייבען, אַ „ער" מיט אַ „זיא", אזויא שטילל האבין זיך דיא רוצחים צוגערוקט אין הייכין גראז.

ערשט אז דיא לייבין זיינען צוא גיקומען אויף עטליכע שריט, האט זייא דער עלטערער זובער — דער פֿיהרער פֿון דער סטאדע בעמערקט אי'נ האט אַ הירזשע געגעבין אלס צייכין פֿון גיפֿאהר, דיא סטאדא זאל אנטלויפֿין, נאר עס איז שוין געווען צוא שפעט. איין זובער איז שוין גיבליבין אויפֿין ארט.

נאך שרעקליכער פֿארין לייב איז דער טיגער, ער איז גיזונדער פֿאר איהם אונ פֿרעסט מעהרער אויך. אבוואהל דער טיגער איז קליין, קלענער וויא 3 ארשין אין דער לאַנג, פֿון דעסט וועגין פֿאלט ער אָן אויף אלערליי טהירע, אפילו יונגע עלעפֿאנדין אונ האָרנ-נעזער זיינען אייך ניט בעווארנט פֿון זיינע נעגיל. ער גנבעט זיך, שפרינגט אונ פֿאלט אָן אויף זיין רויב גיט ערגער פֿון לייב; נעגעל האט ער לאנגע אונ שארפֿע, אונ מיטין פֿוס דערלאנגט ער אזא גיזונטען פאטש אז עס ווערט אַ וואונד אויף 5 צאהל טיעף.

טיגערין געפֿינען זיך מאססענהאפֿט אין אינדיען. מען דערצאָהלט אפילו אז אַ טיגער האט אַ מאל גישלאגין צטויד איין עלעפאנד! אין איין נאכט האט אַ מאל אַ טיגער אויפֿגיגעסען דרייא סאלדאטין, וואס זיינען גישטאנען אויף וואכט (קאראול) אונ האבין גיהאט ארום זיך ביקסען מיט געוועוג פולווער

עס מאכט זיך אַ מאהל, אז דיא טיגערין לויפֿען אריין אין אַ דארף אדער אין אַ שטאט אין שיינעם העללען טאג, חאפין אַ מענש פֿון גאסס אונ אנטלויפֿין.

אין איין משך פֿון 2 יאהר האבין אַ מאל דיא טיגערין פֿון איין דארף אוועקגיטראגין אונ אויפֿגעגעסען 80 מענשען! דער טיגער איז שרעקליך שלעכט אונ באז, אונ אז מען פֿאלט אריין צוא איהם אין דיא לאפעס, איז שוין שווער זיך ארויצורייסען, מען דער צייהלט למשל אזא מעשה, וואס איז גיוועזען אין אינדיען.

איין ענגלאָנדער אפֿיצער איז גיפֿארין רייטענדיג אויף אַ עלענפאנד.

דער

דער וועג איז געוועזען פֿארוואקסין פֿוןביידע זייטין מיט הויבע אונ געדיכטע גראז וואו דיא טיגערין קאנען זיך בעהאלטין. אין מיטין וועג האט זיך בעוויזין אַ טיגער אונ איז גלייך ארויפֿגעשפרונגען אויפֿין עלעפאנד. דער ענגלאַנדער האט ניט אוספייעט זיך ארומקוקען וויא דער טיגער האט איהם אַ חאפ גיטאהן אונ אוועק געשלעפט אין גראז אריין.

דעם ענגלאַנדערס חברים וואס האבין איהם גאַבגעריטין האבין עס פֿון וויטין דערזעהען. נור שיססען האבין זייא מורא גיהאט זייא זאלין נאך דעם אפֿיציער ניט טרעפֿין. זייא האבין זיך מיאש געוועזען פֿון חבר אונ געוואלט פֿאהרין ווייטער; נור דער וויל האבין זייא פלוצלים דער הערט אַ שאָס אין גראז פֿון אַ פיסטאלעט, איין מאל אונ נאך אַ מאל. זייא זיינען באלד צוא גילאפֿין אונ האבין גיטראפֿין דעם טיגער גישאסין אונ אויף איהם דעם אפֿיצער אין חלשות. זייא האבין איהם דער מינטערט אונ ער האט זייא דער צאָהלט וויא אזוי ער האט דער שאסין דעם טיגער.

ער האט אדוים גישלעפט פֿון הינטערין גארטעל דעם פיסטאלעט אין דער צייט, ווען דער טיגער האט איהם געשלעפט איבערען גראז, אונ האט צווייא מאל אוים גישאסין. צום ערשטין מאל האט ער נישט גיטראפֿין, נאר דיא צווייטע קויל איז גלייך אריין דעם טיגער אין הארצין אונ האט איהם געטוידט.

דיא געיאָג אויף טיגרען איז גיפֿאָהרליכער וויא אויף לייבין. דיא אינדישע ראדזיש (פֿירשטין) האבין זייער ליעב זיך צוא פֿארנעהמען דער מיט.

זייא טרייבין צוניף טויזענדער מענשען ארוים צוא טרייבען דעם טיגער פֿון דיא שטרייכען (קוסטען) וואו ער בעהאלט זיך. מען יאגט איהם פֿון אללע זייטען צום ארט וואו דיא ראדזישווארטין גרייט צו שיססען. מאנכֿע ראדזיש האבין אזויא ליעב דיא געיאָג אויף טיגערין, אז זייא פֿארווערען דאס אנדערע צוא טאהן.

אין מאנכֿע פראווינציען טארין דיא איינוואהנער קיין טיגער ניט בע-פֿאללען, כדי דיא ראדזשעס זאלין האבין מיט וואס זיך צוא בעשעפֿטיגין... דער ווילע מאג דער טיגער אנמאבען דיא גרעססטע שאדין!

דיא טיגרען בעווייזען זיך אויך אין רוססלאנד אויף אַמור אונ אין מיטין אזיען.

בייא דעם סטאן קאזלאווסק, למשל, האט זיך אין 1866 בעוויזען אַ שרעקליכער טיגער. אין צייט פֿון עטליכֿע טעג האט ער ארוים גיחאפט 25 הינד אונ 3 שטיק פֿיה. פאר מענשען האט ער זיך וויניג וואס גישראקין. ער פֿלעגט קומען בייטאג אונ פֿאר אלעמען אין דיא אויגין צוא רייסין דיא הינד.

דאס האט גיווארפֿין אזא שרעק אויף דיא איינוואהנער, אז בייא נאכט

האט

האט קיינער ניט גיוואגט ארויס צוא גיין אַ טריט פֿון שטוב. ענדליך האבין 16 קאזאקען איהם ארום גערינגעלט אונ געטײדט. אַ אנדער טיגער איז אַ מאל דורך גיגאנגען פֿאר בייא אַ הויז אונ דער זעהען אַ מענשען שלאָפֿען בייא אַ אָפֿענעם פֿענסטער. ער האט גיוואלט ארייַנשפרינגען, נור דער פֿענסטער איז גיוועזען צוא שמאל אונ דער וואס איז בייא דעם פֿענסטער גישלאָפֿין האט זיך דער וויל אויפֿ-גיחאפט אונ אנגיהייבין שרייען, אונ אויף זיין גישרייא זיינען מענשען צונויפֿגילאָפֿין אונ קאם אוועק גיטריבין דעם רוצח.

וועגען דעם לוקס!

דיא לייבין אונ דיא טיגרען לעבען נאר אין דיא הייסע לאַנדער אונ בייא אונז אין איירָאפע זיינען זייא ניטא. דעם לוקס בעגעגענט מען אין שוועדען, אין דייטשלאנד אויף דיא הויכע בערג, אונ אויך אין רוסלאנד.

דער לוקס איז קלענער פֿון טיגער, ער האט נישט מעהר וויא $1^{1}/_{2}$ ארשין דיא לאַנג, נור דאס שאדט איהם ניט צוא זין מערדעריי אונ ער איז שרעקליך פאר'ן היימישין פֿיה.

ער פֿרעסט ציעגען, שאף, אונ הירשען אפילו אויך. מען דער צאהלט אז איין לוקס האט אַ מאל אין איין נאכט צוריסען 30 שטיק שאף.

הונגעריגערהייד בעפֿאלט ער שאף אונ בהמות, נור ער עסט זייא ניט אויף אזויא פֿיל וויא פֿיל ער צוא רייסט. ער האט זייער ליעב צו טרינקען דאס ווארעמע בלוט. ער האט שוין זיינע תנועות אונ זיינע מיטלען וויא אזויא צו פֿאנגען זיין רויב. ערגעץ אין געדיכטען וואלד קריכט ער ארויף אויף אַ ביים, וויא אַ קאטץ, זעצט זיך אויף אַ צווייג אונ לויערט אויף זיין רויב. געהט דורך אַ ווילדע ציעג אדער איין אנדער טהיער שפרינגט ער אויף זיא ארויף אויפֿין רוקען אונ צוררייסט איהר בלוטאדערן.

דער לוקס שפרינגט זייער קונציג. ער טהוט אַ שפרונג אויף אַ 6 ארשין אונ טרעפֿט כמעט שטענדיג אָן וואוהין ער ציעלט זיך. אז ער שפרינגט ארויף אַ הירש, בייסט ער איהם פֿעסט מיט דיא צאָהן אין קארק. ער לאזט אריין טיף אין פֿלייש דיא נעגעל אונ זיצט אויפֿין הירש אזויא לאנג, ביז ער געהט אויס.

אין אַ שוועדישען דארף איז אַ מאל אַ סטאדע ווילדע ציעגען פֿון וואלד ארויסגעלאָפֿין. זייא האבין זיך געדרעהט אונ געווארפֿין אויף אלע זייטין וויא פֿערטשאדעטע.

מענשען האבין גאר ניט גיקאנט פֿערשטעהען וואס עס האט זיך מיט דייא גיטראָפֿין אועלבעס, ביז מען האט דערזעהען, וויא אויף איינע פֿון דיא

ציעגען

ציעגען ליעגט אַ לוקס, ער האט זיך איינגידרעהט אונ איינגיטשעפּעט אין דער ציעג אונ האט אין איהר פֿלייש אזויא טיעף אריינגעלאזין זיינע נעגיל, אז ער האט זייא שוין צוריק ניט גיקאנט ארוים רייסין. דיא ציעג האט איהם אזויא נאך מיט גישלעפּט אין דארף אריין.

דיא דארפֿסלייט האבין זיך גינומען צום לוקס, נור ניט אזויא לייכט האבין זייא איהם, גיחאפּט וויל דיא ציעג האט זיך מיט איהם גיווארפֿין אויף אללע זייטין, קוים, קוים האט מען געהאפּט דיא ציעג אונ גיקאנט שיססין דעם לוקס.

וויפיעל דארפין דיא וועלף אויף עססען!

דיא לוקסין ווערען ביסלעבֿוויז פֿערפֿאלען אונ אין אַ טהייל לענדער טרעפֿט מען זייא אומגעהייער זעלטען, דער פֿאר האבין מיר נאך אַ גערעטעניש אויף וואָלף וואס טהוען דיא גרעססטע שאדין.

עס איז זיך שווער פֿארצושטעלין וויפֿיל פֿיה אַ וואלף פֿטערט אוועק דורך אַ יאהר!

אין ליפֿלאנד אליין האבין דיא וואָלף אין 1823-טען יאהר אויפֿגיגעסען 15000 שאף, 1800 קיה אונ אָקסען, פֿערד דאס גלייכען, 3250 לאַממער אונ ציעגען, 4000 חזרים, 700 הינד, 2000 גענז אונ הינער! אין גאנץ רוססלאנד עסען אויף דיא וועלף יאהר-יעהרליך ביז 180,000 שטיק גרויסע בהמות, 5,600,000 שטיקליך קליין-פֿיה, 100,000 הינד, אויסער היימישע אונ ווילדע פֿייגיל, וואס מען וויים גאר ניט קיין צאהל, וויא פיל זייא עסען אויף, צום וויינינגסטענס עסען אויף דיא וועלף יעדער יאהר פאר אַ 25 מילליאן רוביל פֿיה. דער וואלף איז זעהער בעז, ווען ער איז הונגעריג דעמאלט, ווארפֿט ער זיך אויף אַ מענשען אויך.

דיא וועלף געהען אַ מאל איינציגוויים אונ אַ מאהל אַ סך צוזאממען, אז זייא גייען ארוים אויף געיאָג אין קאמפּאניע לאזין זייא זיך אין אַ לאנגע שורה-איין וואלף נאך דעם אנדערין-נאשפּיטץ.

זייא ווארפֿין זיך ארויף אויף זייער רויב, ניט קוקענדיג ווער עס איז. איז איין וואלף וויניג, לויפֿין צוא מעהר אדער אלע.

פֿאלט אַ וואלף, פֿרעסען איהם אויף דיא לעבעדיגע וואָלף, נור כל זמן זייא לעבען העלפֿען זייא זיך איינער דעם צווייטין, וויא עס דארף צוא זיין!...

אז דיא אמעריקאנישע וועלף בעמערקען אַ סטאדא הירשין טהיילין זייא זיך פאראנאנדער, איין טהייל וועלף בעהאלטין זיך אין וואלד ביים וועג, דאס צווייטע יאגין נאך דיא הירשען אונ טרייבין זייא צום וועג וואו יענע ליגין בעהאלטען

אונ

און האפין ארוים צוא איינציגע אדער צוא צוויא פון דיא דורך לייפיגע הירשען.

איינער האט דאס זעלבע געזעהן אין אַ געיאָג אויף ציעגען. צווייא וועלף האבין בעמערקט אַ סטאדא פון ציעגען. זייא האבין זיך פריער אפ גישטעלט וויא איין עצה צוא האלטין, דערנאך האט זיך איינער בעהאלטין אין אַ גרוב און דער צווייטער איז אוועק גיגאנגען אַ שטיק וועג און האט זיך אָן אַ זייט צוא געלאזט צוא דיא סטאדא און האט זייא צוגיאגט צום גרוב וואו זיין חבר איז גילעגין, אַ טהייל ציעגען איז אוים געקומען צוא לייפין גאר נאהענט צום גרוב, און איינע פון זייא איז שוין גיחאפט גיווארין. ווען דיא וואָלף זאלין ניט זיין אזוי הינטער ליסטיג אין דער בייא ניט העלפען איינער דעם אנדערין וואלטין זייא קיין ציעג וואס לייפט גישווינד קיין מאל ניט גיחאפט.

וועגען דיא וועלף און זייער הינטערליסטיגקייט דערצאהלט מען פיעל וואונדערליכע מעשות.

דיא אמעריקאנישע וועלף האבין אפילו שכל צוא בעגנבנן דיא פישער. ווינטער צייט האפט מען דארטין אויף דיא גרויסע טייכין פיש אונטערין אייז. צוא דעם צוועק ווערין אין דעם אייז אויסגעהאקט לעכער און אריין גילאזט לאנגע שטריק מיט קרוקעם אויף וועלכע עם ווערען אויף־גישטאָכין ווערעם, שטיקלאך פלייש, אדער אנדערע עסענוווארג אויף וועלכע דיא פיש זיינען שטארקע בעלנים; דער צווייטער עק שטריק ווערט צוגיבונדען צוא אריינגישלאגענע העלצער, דיא פיש זאלין זיך ניט קאנען אריין שלעפען אין וואסער.

דיא דארטיגע גרויסע און גישמאקע פיש האפין זיך זייער לייכט אויף דעם אויפין און דיא פישער וואס פאהרען זיך צוזאמען צוא דיא טייכען מאכין גוטע געשעפטען. נור גאנץ אפט בעמערקען עם דיא וועלף. זייא ווארטען אב ביז דיא פישער גייען אוועק און לאזען איבער דיא נעצען; דעמאלט שפרינגען זייא צוא, רייסען אוים דיא העלצער מיט דיא ציין און אנטלויפין מיט דיא העלצער אין מויל. דער שטריק שלעפט זיך ארוים, און דיא וועלף עססען אויף דיא געחאפטע פיש אדער דאס עססענוווארג וואס מען האט פאַר זייא אנגיגרייט.

בערין.

דיא זעלבע קונצען קאנען דיא בערין אויך. אין קאמטשאטקע רייניגין זייא אוים און ליידיגין אוים דיא נעצען, וויא דיא אמתע גנבים. אז זייא בעמערקין ערגעץ אַ נעץ ציען זייא זיא ארוים פון וואססער און שלעפען ארוים אללע געפאנגענע פיש.

זייא

זייא זעצין זיך אנידער אויף איין ארט, וואו עס איז דא אַ סך פֿיש אונ האפּין זייא מיט דיא לאַפּעס. זייצוא שארען אונ צוא ווארפֿין דיא נארעס פֿון מוראשקעס (מילבען) אונ עססען אויף דיא מוראשקעס, זייא קלעטערין אויף ביימער מיט בינשטאקעס אונ עססען אויף דעם האניג. פֿאר דיא בינען אונ זייער גיפֿט איז דער בער געשיצט מיט זיין האריגע פֿעל; טרעפֿין מיט אַ שטאך קאנען זייא איהם נור אין דער גלאטע נאז אריין; עס טהוט איהם וועה אונ ער הייבט אהן בורטשין אונ ווארפֿין מיטין קאפּף. דער בער האט ניט פֿיינד קיין פֿלייסיגין ביסען אויך.

עס זיינען פֿערהאנדין אזוינע בערען, וואס בעקאָסטיגען זיך נור אויפֿין חשבון פֿון אנדערע פֿיה.

זייא האלטין זיך צוא דעם צוועק ניט וויט פֿון אַ סטאדא אונ גיעבען אכטונג אונ קוקין ארויס, טאמער וועט עמיצער זיך אפּרוקען אָן אַ זייט, מען זאל איהם צוא רעכט מאכען!

אַ מאל גערעט עס דעם בער גאר לייכט אונ זיין רויב פֿאַלט איהם כמעט אין מויל אריין, נור עס מאכט זיך אויך גאנץ אָפֿט אז ער באצאהלט דער פֿאר צוא טייער.

איידער עס גערעט איהם אוועק שלעפּען אַ קוה פֿאַלט אויף איהם גאנץ אָפֿט אָן דיא גאנצע סטאדא, דיא אקסין יאגין זיך צוא מיט דיא גרויסע הערנער אונ נישט יעדער בער קאן גענען זייא בעשטעהען! עס טרעפֿען זיך אבער אזוינע בערען וואס הערען דאבייא אין כעס אונ צערייס'ען אנשטאט איינעם עטליכע אקסען!

דער הונגעריגער בער בעפֿאַלט אַ מאל דיא שטאל אויך.

קאָן ער נישט אויפברעכען דיא צוא שטארקע טיהר, קריכט ער ארויף אויפֿין דאַך, ברעכט איהם איין אונ שפּרינגט אריין אונ פֿרעסט זיך אָן אונ גייט זיך צוריק ארויס אַ זאטער.

דיא איינוואהנער פֿון דיא אַלפּען דערצאהלין, אז דער בער שלעפּט אָפֿט ארויס דורך דעם איינגיבראכענעם דאך אַ געטויטע בהמה.

פוקסען.

איינינע טהיערע לעבען זיך מיט כח, אנדערע אבער מיט זייער איינפֿאליגקייט, קלוגשאַפֿט אונ פֿערשטאנד!

איבער הויפּט איז בעריהמט דער פֿוקס פאר אקלוגען. עססען עססט ער אליץ וואס עס מאכט זיך: הינער, האזען, מייז אונ אפילו פֿליגין אונ מאי-קעפער אויך.

ער איז שטענדיג געשיקט, פֿלינק אונ קלוג.

איינער האט גיזעהען וויא אַ פֿוקס האט גיחאפּט אַ שטאבֿעל-שוויין (יאָזשיק). אז דער יעזשאק דער זעהט, אז מען וויל איהם חאפּין קאייקילט ער זיך צוא נייף וויא אַ קנויל, דעם קאפּף אונ דיא פֿים בעהאלט ער אונטער זיך אונ שטעלט ארויס זיינע האר, וואס זיינען שארף, שפּיציג וויא נאדלין: געגען דיא האר קאן זיך געוויינליך דער פוקס קיין עצה געבען.

אזויא איז דא אויך גישעהן: דער פֿוקס האט דאס שטאבעל-שוויין געחאפּט, ער האט איהם אין דיא לאפּעס, נור עססען קאן ער נישט: עס לאזין נישט דיא נאדלין. לאנג האט ער זיך געמאטערט מיט איהם, נור צום סוף איז ער גיפֿאלין אויף איין המצאה: ער האט איהם מיט דער לאפּע פֿארזיכֿטיג צוא גיקייקילט ביז צום טייביל, וואס איז גיוועזען ניט ווייט פֿון דארטין אונ האט איהם ארייַן גיווארפֿין אין וואססער.

דער שטאבֿעל-שוויין האט זייער מורא פֿאר וואססער, קוים האט ער דאס וואססער דער פֿיהלט, האט ער באלד ארויס גישטעקט דיא קאפּ אונ אנגעהייביןווארפֿין מיט דיא פֿיסלאך. מעהר האט דער פֿוקס ניט גיוואלט: אין דער זעלבער סעקונד איז דער יאָזשיק גיוועזען בייא איהם אין דיא צאהן.

איין אנדער פֿוקס האט זיך בעגאנגען מיט אזא יאזשעק איינפֿאבֿער; ער האט איהם אפּ גיגאסין מיט זיין אומריינקייט.

קונציג האפּט דער פֿוקס פֿייגיל! ער מאכט זיך מכלמרשט טויט אונ ליגט ניט ריהרענדיג זיך מיט איין אבר אויסגיצייגין אויף איין ארט אזויא לאנג ביז אַ פֿייגעל פֿליהט צוא גאר נאהענט צוא איהם אום אַ פיק צוא טאהן. נאטירליך אין דער אייגענע רגע ווערט דער פֿוקס לעבעדיג, טהוט אַ שפּרונג אונ חאפּט אריין דעם פֿייגעל אין מויל אריין. נישט וועניגער קונציג מאכט ער זיך אַ גאנג-וועגעלע אין שטאל אריין אדער צוא שטייגין מיט עופות. מען שטעלט אפילו פֿאללען (קאפּקאנעס), כדי פטור ווערין פֿון זיינע אפּטע וויזיטין, נור עס העלפֿט ניט. דער פֿוקס וויים שוין וויא אזויא זיך צוא בעגעהן מיט דיא פֿאלל. אַ פֿוקס, פאר וועלכען מען האט אויפֿגישטעלט אַ פֿאלל מיט לאקונג שפּייזע, פֿלעגט יעדער מאהל אויפֿעססען, וואס מען האט איהם אנגעגרייט אונ זיך זעצען לעבען דער פֿאלל אונ מיט פֿערגעניגין דרעהען מיטין ווידיל, ער פֿלעגט שוין געפֿינען אַ מיטעל וויא ארויסצושלעפּען פֿון פאסטקע דיא שפּייז אונ איז קיין איינציג מאל אין דער פֿאלל נישט אריין.

איין מאל האט זיך גימאכט, אז אַ קאטץ האט זיך פֿערגלוסט פֿערזוכען דיא נאשעריי, וואס מען האט אויפֿגישטעלט פֿארין פֿוקס אונ איז אריין אין

דיא

דיא פאסטקע. דיא פאסטקע האט זיך גליך פערהאקט אונ דיא קאטץ איז גיבליבין איינעוויניג.

אז דער פוקס איז דערנאך גיקומען אונ האט דער זעהען דיא קאטץ אין דער פאסטקע האט ער זיך אַ דרעה גיטאהן מיטין ווידיל פאר שמחה אונ האט, וויא ער טהוט אלע מאל, ארוים גינומען אי דיא קאטץ אי דעם גוטין ביססען אונ אויפגיציעהרט.

איין אלטער וואלד-היטער (ליעשניטשי) האט צוגעריכט צום גוטען ביסען איין אנגעלאדענען ביקס מיט דער לאך צום ארט וואו דער גוטער ביסען איז גילעגען. פון שלאס פון דעם ביקס, איז גיגאנגען אַ שטריקיל ביז צום ביססען כדי ביים ערשטען שלעפ זאל דער ביקס אוים שיסין אונ טרעפין; עס איז פילל מאל בייא פערשידענע טהירען גערעטין: זייא האבין ביים צוא שלעפען דעם עססען אליין זיך דערשאסין; איינער אַ פוקס איז אויך אזויא דער נאך אריין גיפאללין, נור דיא אנדערע, זעהט אוים זיינען דער פון געוואהר געווארין אונ איינער איז גיפאלין אויף אזא המצאה: ער האט זיך אונטער גיגראבין אונטערין שנעע און פון אונטען ארוים געשלעפט דעם עססען. דער ביקס האט אוים גישאססין, נור דעם פוקס נישט גיטראפין.

איין אנדער פוקס איז גיפאלין נאך אויף אַ בעסערין שכל; ער האט פשוט פריהער איבער געביסען דעם שנירעל.

איינער האט גיזעהען אז צוויי פוקסין האבין גיוואלט חאפין איין האז. איין פוקס האט זיך בעהאלטין אונטער אַ שטיין אונ דער אנדערער האט גינומען יאגין דעם האז צום שטיין.

וויא נור דער האז איז גיקומען צום שטיין האט זיך דער בעהאלטענער פוקס אַ ווארף געטאהן אויף איהם, נור דער האז האט זיך אַ דרעהגיטאהן אָן אַ זייט אונ גימאכט אַ פלטה.

דער פוקס איז געבליבין וויא איין אָפּ געשמיסענער, אז דער אנפירער איז צוגיקומען אונ דער זעהען דעם ביטערין סוף האט ער זיך צוא בייזערט אונ אָן גיהייבין שלאגין זיין חבר, וואס האט ארוים גילאזין דעם האז פון זיין לאפע. יענער האט ניט גישוויגין אונ זייא האבין זיך אזויא לאנג גישלאגין ביז מען האט צייט גיהאט ביידען צוא שיססין.

מארדער אונ טחוירען:

עס איז דא אויף דער וועלט אזוינע קלייניגקע ווילדע חיה-לאך וואס אין פרעססין, דרייסטיגקייט, געשיקטקייט אונ שכל שטעהען זייא ניט אפּ פון גרויסע חיות.

דער

דער מאַרדער, צום ביישפּיל, איז ניט קיין גרויסע חיה, ער איז אין גאנצין לאנג עלף ווערשאק.

אין סיביר איז נאך דא זייער אַ סך מארדער, חאטש יעדעס יאהר ווערען פֿילע פֿון זייא גיטייטעט צוא ליעב דיא פֿעללכֿלאך.

דיא איינוואהנער פֿון סיביר דערצאֶהלין, וויא אזויא דער מארדער געפֿינט זיך זיין אויסקומען. ער געהט ארויס בייא דער נאכט זוכֿין זיך עססען. ער קלעטערט געשווינד אונ קונציג אויף בוימער, לויפֿט אויף דר׳ערד אונ חאפּט אלץ וואס עס מאכֿט זיך: פֿייגעל, מייז, האזין.

דער מארדער קאן שווימען אויך. ער ווארפֿט זיך אריין אין טייך אונ פֿאנגט דיא וואססער־מייז. ער צוא שאַרט אונ צוא ווארפֿט נעסטין אונ בינשטאקין; ער עסט קירשען, בערנעס אונ אנדערע פֿרוכטין אויך.

ער איז זייער פֿלינק אונ פֿאלט אָן אויף דעם האַמסטער אויך, ווייל דאס פֿלייש פֿון האַמסטער שמעקט איהם זייער גוט.

וועגין דיא טחיירען דערצאֶהלט מען, אז זייא זיינען אזויא דרייסט וויא דיא מארדער.

אין אפֿריקא פֿאנגט מען טחוירען, אונ מען לערינט זייא אויס, וויא בייא אונז דיא הינד, צוא געהן אויף געיאֶג. זייא לערנען זיך אויס ארויס טרייבין דיא פֿוקסין פֿון זייערע נארעס. דער טחויר וויא קליין ער איז האט ער גאר קיין מורא ניט אנצופֿאללין אויף אַ פֿוקס.

מען דערצעהלט, אז ער פֿאלט אָהן אַ מאהל איף אַ מענש אויך.

אין אַ דייטשישער קאלאניע האט זיך גימאכט אזא מעשה....

צווייא יונגע קינדער האבין דארט אונטערין דארף אויפֿין וועג זיך געשפּילט. איין קינד איז אלט געוועזען אַ יאהר 6 אונ דאס אנדערע 2 יאהר. פֿריהער האט דער עלטערער ברודעריל געהאלטין דעם קלענערין אויף דיא הענד אונ האט זיך געשפּילט, דער נאך, אז דאס איז איהם מיאוס גיווארין האט ער איהם אַ נידער גילייגט אויף דער ערד לעבין קאנאל וואס איז גיוועהן גיגראבין ביים זייט אונ איז אליין אוועק גילאפֿין אן אַ זייט קלייבין יאגדעס. וויא ער האט זיך נאר אבגעקעהרט, זיינען ארויס פֿון גראבען (קאנאל) דרייא טחוירין אונ האבין זיך אַ ווארף גיטאהן אויף דעם קליינעם קינד, איינער האט זיך איינגיטשעפּעט איהם אין קאפּ, דער אנדערער האט זיך פֿון אַ זייט אויף איהם ארויפֿגיווארפֿין אונ דער דריטער איז איהם ארויפֿגעקראכֿין אויפֿין פּנים׳ל אונ זיך גישטעלט מיט דיא פֿיסלאך אויפֿין שטערין. דאס קליין קינד האט אָן גיהייבין שרעקליך צוא שרייען, איז צוא גילאפֿין דאס עלטערער ברודעריל, וועלכער האט דער הערט דעם גישריי, אונ גיוואלט אוועקטרייבין דיא דרייא טחוירליך, נאר אין אַ רגע ארום זיינען ארויס פֿון גראבין נאך עטליכע טחוירלעך אונ געוואלט זיך נעמען צום עלטערין.

איף

אויף דיא קינדערס גליק זיינען אנגילאָפֿין פֿון פֿעלר צוויי פויערים, וואס האבין פֿון וויטין דער הערט דעם גישרייא. זייא האבין אפאר טחוירליך דער הרגעט אונ דיא איבעריגע זיינען זיך צוא לאָפֿין.

אזא מין מעשה האט זיך גיטראָפֿין אין ריגא אויך. אַ טחויר איז דורך גיקראָכֿין דורך אַ לאך אין פאדלאגע פֿון שטוב, וואו עס איז גישלאָפֿין אַ קליין קינד אין אַ וויגעלע. דער טחויר האט איהם דער ווארגין אונ אָן גיהייבין צוא פֿרעססען.

אגדערע טחוירין זיינען אזויא בייז אונ דער צוא אזויא געשיקט אונ דרייסט אז זייא פֿאלין אָן אַ מאל אויף אַ עלטערין מענשין אויך, עס האט זיך גימאכט אז אַ טחויר איז אנגיפאלין אויף אַ פאסטוך, נאטירליך איז בייא גיקומען דער פאסטוך אונ דער קליינער טחויר האט פֿאר דיא הָעזע מיטין לעבין בעצאהלט.

דער טחויר האפט מייז, קראטין, שצורעס, גייט ארום ברעג טייך אונ האפט פֿיש אַ מאל גנבט ער זיך אריין אין אַ שטאהל פֿון הינער אויך. ער בעפֿאלט אויף דיא ערשטע הוהן, דערוואָרגט זיא אונ טראגט זיא צוא זיך אין נארע אריין.

דער נאך קעהרט ער זיך אום אונ האפט נאך איינע. אזויא מאַכֿט ער עס עטליכע מאל איבער אין דער נאכט. בייא זיך אין נארע האט ער אַ בעזונדערין שפייכלער, וואו ער בעהאלט אלע מייז, הינער, פֿרעש, אונ אייער וואס ער האפט צונויף.

וועגען דעם שניי-וויזעל.

נאך קלענער פֿארין טחויר איז דער שניי-וויזיל; אבער אויף גענאָג איז ער מעהר דרייסטיג פֿאר איהם. ער לעבט אין אויסגעהיילטע בוימער, צווישין שטיינער אדער גאר ערגעץ אין אַ גרוב. ווינטער בעהאלט ער זיך ערגעץ אין אַ שטאהל, אין אַ שפייכלער, אַ קאממער אדער אין אַ קעלער. דער שניי-וויזעל האט אמאל דיא הָעזע אונ האפט זיך אין שטאט אריין אויך.

ער בעפֿאהלט אללע חיה-לעך וואס עס מאכט זיך איהם נור. ער פֿערקלייבט זיך אין דיא נארעס פון דיא קראטין אונ וואָרגט זייא דארטין, יאגט זיך נאך דיא מייז אונ נאך דיא שצורעס, שפרינגט אין וואססער אריין אונ האפט פֿיש, קלעטערט אויף דיא ביימער אונ האפט פֿייגעל. ער האט אפילו קיין מורא ניט פֿאר אזא גרויסין פֿייגיל, וויא דער פֿילין.

איינער דערצאָהלט, אז ער האט אַ מאהל גיזעהען וויא אזויא

אין

אַ פֿילין האט פֿליהענדיג איבערין פֿעלד אויף דער ערד בעמערקט אַ שניי-וויזעל. ער האט זיך אראפ גילאזט אויף דער ערד, אַ חאפ גיטאהן דיא חיה-לע צווישין דיא פֿיס אונ אנגיהייבין פֿליען מיט איהר צוא זיך אין נעסט אריין. דער מענש האט זיך צוגיקוקט וואס וועט זיין ווייטער.

אין אַ רגע ארום האט ער דערזעהען, אז דער פֿילין פֿליהט אלץ שוואכֿער אונ שוואכֿער, ער האט זיך אנגיהייבין דרעהען, הוידין, ווארפין זיך אין דער לופֿטין אזויא לאַנג, ביז ער איז אין גאנצין אראפ גיפֿאללין אויף דער ערד. דער מענש האט ניט פֿערשטאנען וואס דאס בעדייט. ער איז צוא גילאפֿין צוא דעם ארט, וואו דיא פֿייגיל איז אראפ גיפֿאללין אונ האט דערזעהען, אז דער פֿילין ליגט טויט: דער שניי-וויזעל האט איהם פֿליהענדיג אין דער לופֿטין צוביסין אַפֿוס אונ האט איהם דורך גיביסין עטליכע אדערין, דער פֿילין איז אבגעפֿלייצט געווארען מיט בלוט אונ דיא שניי-וויזעל איז געבליבין לעבעדיג.

דיא קראהען זיינען גרויסע בעלנים אויף דיא שניי-ווילען אונ האבין אפטער אַ מיאוסין פסק דער פֿון; עס טרעפֿט אז אַ שניי-וויזעל פֿאלט אָן אויף אַ מענשען אויך, נור ער בעצאהלט פֿאר דיא העזה מיטין לעבין. נור זייער ליב האט ער צוא שפילען זיך מיט אַ פֿערד אונ פֿערמאטערין איהם אויף טוידט, ביינאכט גייט ער אַ מאל ארויס פֿון זיין נארע, חאפט זיך ארויף אויף אַ פֿערד, אונ נעמט איהם דראפען, קיצלען אונ ארומלייפֿין אויף איהם, דער פֿערד הייבט זיך אָן ווארפֿין, אונ קאן זיך גאר קיין ארט ניט גיפֿינען, אונ דער שניי-וויזעל טהוט זיך זיינס, דאס פֿערד ווארפֿט זיך אין אללע זייטין גלייך וויא עס איז איהם דיא שרעקליכסטע חיה בעפֿאלין! מיט דער צייט ווערט ער מיד, הייבט אָן שוויצין אונ בעדעקט זיך מיט אַ שאם פֿון שוויים אונ דער קליינער שניי-וויזעל לייפֿט אלץ ארום אונ קיטצעלט אונ מאטערט דאס פֿערד. אז מען קומט אין שטאל אריין פֿערשטעהעט מען גאר ניט, וואס מיט דעם פֿערד איז גישעהען, פֿיעלע בעלי-בתים ווייסען גאר ניט פֿון דער שניי-וויזעל אונ עס פֿאלט זייא גאר ניט איין אז אזא מין חיהלע לעבט בייא זייא אין שטאל. קיינער איז אין שטאהל ניט גיוועזען אונ דאס פֿערד איז דאך פֿערמאטערט אונ דיא גריווע איז בייא איהם צופלאנטערט. ניט ווייסענדיג דיא אורזאכֿע דערפֿון רעכֿענען זייא אז ניט אנדערש אז אַ ניט גוטער, אַ שרהאט זיך צוא זייא פֿערקליבין....

וויא אזויא ווידרעס אונ ווייסע בערין חאפין פיש.

עס איז דא אזוינע חיות פֿון וועלכע עס ליידין זעהער דיא פֿיש. אין סיביר, אויך בייא אונז אין רוססלאנד לעבט אַ קליין חיה — דיא וואססער ווידרע

זיא האלט אין דער לאַנג עפעס מעהרר פון איין ארשין, לעבט לעבען וואססער אונ האט דיא פרנסה אויך פון וואססער.

זיא שווימט אונ טוקעט זיך אונטער אין וואססער אזויא פלינק אז זיא קאן דעריאגען אונ חאפין פיש.

ניכט לייכט קומט אָן דיא פיש אוים צוא דרעהען זיך פון זייער פיינד. זייער גאנץ גליק איז וואס דיא ווידרע אטהעמט ניט אין וואססער אונ קאן דעריבער לאנג ניט אויסהאלטין אָהן לופט. זיא מוז אללע מאהל ארויף שווימען אונ אבחאפין דעם אטהעם. דיא ווידרע שווימט ווינטער אויך אונטער דעם וואססער.

זיא זוכט זיך שוין אפ אַ שפאלט אין אייז פון פערפרארענער טייך אונ לאזט זיך אראפ אונ זוכט, אום אָן צוא בייסין גאר אָן שרעק פאר'ן קאלטין וואססער.

דיא ווידרע יאגט גיוועגליך צוא דעם פיש, וואס זיא וויל פאנגען נאָהענטער צום ברעג, וואו עס איז איהר לייכטער אלע מאל אויפצו-שפרינגען אונ צוא חאפין אטהעם. צוא דער רעכטער צייט לאזט זיך דיא ווידרע אראפ אונטערין פיש אונ האפט איהם אָן ביים בויך.

עס מאכט זיך אז נאך אַ גרעססערין פיש, וויא נאך אַ לאקס, יאגין זיך 2 ווידרעס מיט אַ מאהל. איינע שווימט אונטער דעם לאקס אונ דיא אנדערע פון אויבין. זייא יאגין איהם אזויא לאנג ביז דער פיש ווערט מיד אונ בלייט אָן קרעפטין.

בייא טייכען וואס זיינען רייך אין פיש, ווערט דיא ווידרע אַ גאנצע מיוחסת אונ נעהמט נור גוטע ביססין אין מויל אריין. איבערין טאג חאפט זיא אָן זייער פיעל פיש, נאר פון יעדען גריזעט זיא אפ צוא קליינע פיצלעך, וואס שמעקען איהר אַם בעסטען אונ ווארפט דיא רעשטע אוועק.

אין ענגלאנד אונ אין רוססלאנד איז דא אַ סך אזוינע טייכין וואו בויערין טארין ניט חאפין קיין פיש, ווייל דיא טייכין גיהערען צוא דיא פריצים נור דיא פירצים קאנען דאס ניט פאר ווערען דיא ווידרעס. אונ דיא בויערין זיינען דארט פון דיא ווידרעס צוא פרידין. יעדער טאג גאנץ פריה, וויא עס הויפט נור אָן טאגין געהען דיא בויערין ארוים צום טייך צונויפקלייבין דיא אבגעגריזשיטע פיש.

איהר זעהט אז בייא געוויססע בעדינגונג קאן אַ ווידרע אויך נוצליך זיין.

נאר שאדען האט מען פון זייא מעהר. זייא טוידטין מאססין פיש, זייא חאפין פייגלאך, צוא ווארפין אונ מאכין אַ תל פון זייערע נעסטין אונ טרינקען אוים דיא פריש-געלייגטע אייער. אין איין ארט האט אַ ווידרע אויפגיגעסען טאג-טעגליך עטליכע ענטען (קאטשקעס), אַ מאל 6—7

אַ טאג . זיא פֿלעגט דאס מאַכֿען אזויא קונציג אז אַ לאנגע צייט האט מען גאר ניט גיוואוסט וואס פֿאר אַ טהיר פֿרעסט זייא אפּ דיא קעפּלאך .

דער ווייסער בער איז אויך אַ מאסטער פֿיש צוא חאפּין . דיא ווייסע בערין לעבען אַין דיא קאלטע לענדער . מען בעגעגענט זייא אפּט לעבען דעם אייז מעער (ים הקרח) מען בעגעגענט זייא לעבין ברעג אויף שטיקער אייז אויף וועלכע זייא לאזין זיך שווימען איבער'ן ים . פאר וואססער האט דער ווייסער בער קיין מורא ניט . דיא וואס פֿאהרין אויפֿין ים דערצעֶהלין אז זייא האבין גיזעהען ווייסע בערין שווימען אויפ'ן אייז עטליכע הונדערט ווערסט פון ברעג . דיא בערין האבין קיין מורא ניט פֿארין אריין פאלין אין וואססער, וויל זייא שווימען ניט ערגער פֿון דער ווידרע . זייא שווימען זייער געשווינד .

איין ענגלענדער האט גיזעהען אַ ווייסין בער אויפֿין ים וואס איז איינגישוואומען 5 ווערסט אין אַ שטונדע .

פֿארין קאלטער וואסער האט ער אויך קיין מורא ניט, וויל ער האט אונטער דער פֿעל זעהער אַ סך שמאלץ, וואס לאזט ניט צוא צוא איהם דיא קעלט, אונ ער ווערד קיין מאהל ניט פער פֿרארין .

דער ווייסער בער קען זיך זעהער לאנג האלטין אונטערין וואססער .

ער שווימט אפּ אַ פאר 100 ווערסט אונ מען זעהט נור דעם קאפּף ארוים פֿון וואססער . ער שווימט ניט נור אויפֿין וואססער, נאר אונטערין וואססער אויך .

ער שפּרינגט זייער קונציג אונ חאפּט אונטער דעם וואססער פֿיש .

דיא וואס פֿאהרין אויפֿין ים דער צעהלין אז זייא האבין גיזען וויא דיא בערין האבין ארוים גישלעפּט גרויסע לאקסין פֿון טייך .

דיא ווייסע בערין יאגין זיך קונציג נאך דיא ים-הינד אויך .

דיא ים-הינד לעבען מעהר אין וואססער, אונ גייען ארוים אויפֿין ברעג ניט אויף לאנג . ווינטער גייען זייא ארוים דורך אַ לאך אין אייז אונ לייגין זיך אויפֿין אייז . קוים בעמערקין זייא גיפֿאהר, שפּרינגען זייא צוריק אין וואססער אריין .

נור דער ווייסער בער אז ער דער זעהט זייא אויפֿין אייז זוכט ער זיך אוים אַ לאך אין אייז, לאזט זיך אין וואססער אריין אונ שווימט אונטערין אייז צוא דעם שפאלט פֿון וואנען דיא ים-הינד זיינען ארוים . ער שפּרינגט דארט ארוים אויפֿין אייז אונ בעפֿאלט דעם ים-הונד, וואס האט שוין ניט וואו אהין צוא ענטלויפֿין .

ווענן דיא פלעדער-מייז!

אללע האבין גיזעהען, אדער גיהערט, ווענן דיא פֿלעדער-מייז. אויף דער נאכט פֿליהען זייא ארום שטיל לעבען וואסער אונ האפין מאי-קעפֿער אונ דאס גלייכין. עס זיינען פֿאראן מענשען, וואס האבין פאר פֿלעדער-מייז מורא. אומזיסט האבין זייא מורא פֿאר זייא. דיא פֿלעדער-מייז ברייגנען אונז גרויסע נוטצין, ווארום זייא פֿרעסען אויף אונ מאבֿין אַ תל פֿון אללע שעדליכע מאי-קעפער אונ קאמארעס. זייא פטרין פֿון זייא גאר אַ סך.

אַ גרויסע פֿלעדער-מויז זיא זאל זיך אָנעססען צוא זאט מוז זיא אויפֿעססען 12 מאי-קעפֿער, אונ אַ קליינע פלעדער-מויז — 60 פֿליגין, קאנט איהר פֿערשטעהען וויפֿיל פֿליגין אונ מאי-קעפער עס עססען אויף דיא פֿלעדער-מייז איבערין זאממער.

נור אין דיא הייסע לענדער וויא אין זיד-אמעריקא גיפֿינען זיך פֿלעדער-מייז וואס זייגין בלוט בייא מענשין. זייא רופֿט מען וואמפירין. זייא שלייכין זיך צוא שלאפֿעדיגע הינער אונ בייסין זייא איין דעם קאם אונ זייגין פֿון זייא אויס דאס בלוט. אט אזויא בייסען זייא אויך פֿערד, אייזיל, קיה אונ זייגין אויס דאס בלוט. פֿאלען אָן אויף מענשען אויך וואס שלאפֿען אויפֿין פֿעלד, דער מענש פֿיהלט גאר ניט בעת מעשה, ווען עס בייסט איהם דער וואמפיר. דיא וואונדין אונ דיא סמנים פֿון זיין ביס זייגען זייער קליין, נאך קלענער פֿון דער וואונד וואס אַ פיאווקע מאכֿט, איינער דערצאהלט אז אַ פֿלעדער-מויז האט איהם אַ מאהל אַ ביסס גיטאהן אונ האט אויס-גיטרונקען פֿון איהם בלוט העכער אַ טהע-גלאז. אין דער שטוב וואו ער האט זיך שלאפֿין גילייגט איז ארייגגיפֿלייגין אַ וואמפיר. צום ערשטין איז ער שטיל ארום גיפֿלייגין איבער'ן צימער, הין אונ צוריק זיך אויסגעדרעהט אונ דער נאך האט ער אנגיהייבין ארום פליהען ארום מענש. דער מענש האט זיך גימאכט ניט וויסענדיג, פֿערמאכֿט דיא אויגין גלייך וויא ער שלאפֿט, ער האט גיוואלט וויסין וואס וועט זיין ווייטער.

דער וואמפיר האט זיך אַ ביסיל ארום גידרעהעט ארום איהם, דערנאך איז ער צוא גיפֿלייגין נאֶהענטער, אונ אַ מאך גיטאהן מיט דיא פֿליגיל אָן אַ שום רעש. דער נאך האט ער זיך אַראפ גילאזט אונ גיזעצט זיך אויפֿין הארץ. דער מענש דערצאהלט אז ער האט געפֿיהלט ווען דער וואמפיר האט זיך גיזעצט בייא איהם אויפֿין הארצין, נור ער האט ניט געפֿיהלט וויא אזויא ער האט איהם דורך גיביססען דיא הויט אונ אָן גיהייבין טרינקען זיין בלוט. פֿריהער האט איהם גאר נישט וועה גיטאהן, נור אין עטליכע מינוט ארום האט ער דער פֿיהלט, אז עפעס בייסט איהם אונ

שטעכט

שטעכט איהם וויא אַ פּיאווקע . דעמאלט האט ער גיחאפּט דעם וואמפּיר אונ האט איהם גיטיידט .

נור דיא וואמפּירין געפֿינען זיך ניט אין אונזערע קאנטין אונ דיא פֿלעדער-מייז וואס מיר האבין דא, זיינען זייער נוצליך פֿאר אונז, אונ אנשטאט צוא טיידטען דארף מען זייא בעססער היטין אונ שיטצען, זייא זאלין אונז העלפֿין געגען דיא בייסענדע פֿליגין .

דער פילין אונ דיא קראה .

דיא פֿייגיל קומט אויך ניט אָן גרינג דיא פּרנסה. עס קאסט זייא אויך גינוג מיה אונ גיזונד, פֿערשטאנד אונ ליסט .

עס איז פֿאראן אַ סך מינים פֿייגעל, וואס עססען נאר פֿלייש, אונ צווישין דיא איז פֿאראן אזוינע וואס האבין קיין מורא אנצופֿאלין אפילו אויף אַ גרויסע חיה. למשל דער פֿילין האטש ער איז ניט קיין גרויסער (ער האלט מער ניט וויא 13 ווערשקעס אין דער לאַנג) פֿון דעסט וועגין איז ער אזויא פֿה־כטלאז אונ דרייסטיג, אז ער האט קיין מורא ניט אנצופֿאלין אפילו אויפֿין פֿוקס .

דער פֿילין געהט ארוים זוכין עססען נור בייא דער נאכט, ווייל בייא טאג זעהט ער גאר נישט. בייא טאג זיצט ער ערגעץ איבער, אין אַ לאך פֿון אַ בוים אונ אויב עס מאכט זיך אז מען טרייבט איהם ארוים פֿון דארט אויף דער ליכטיגער שיין קומט איהם אוים גאר שלעכט. עס בעפֿאלען איהם פֿון אללע זייטין אפילו דיא קראהען אונ דער שלאגין איהם אויף טוידט .

אַ יאֶגער (אחאטניק) האט גיזעהען וויא קראהען בעפֿאלין אַ פֿילין. עס איז גיוועזען נאטירליך בייא טאג. זייא האבין איהם ארום גינומען פֿון אַלע זייטין. דער פֿילין וואס איז בייא טאג בלינד אונ זעט ניט וויא אזויא זיך שיטצען האט זיך גילייגט אויפֿין רוקין אונ האט זיך געוועהרט מיטין שנאבעל אונ מיט דיא נאָגעל. דער יעגער האט אוועק גיעאגט דיא קראהן אונ איז צוא גיגאנגען צום פֿילין, ער איז גילעגין אזויא מיד אונ פֿערמאטערט אז מען האט איהם גיקאנט נעהמען מיט דיא הענד .

בייא נאכט אבער ווען דער פֿילין זעהט גוט איז גאנץ גיפֿערליך זיך מיט איהם אנצוהייבען. ער פֿאלט דעמאלט אן אויף אויער הענער, אויף ענטען, אויף האזין אונ נאך אויף אנדערע טהירע .

ער פֿרעססט אויך שלאנגען אונ פֿראָש. בייא נאכט רעכענט ער זיך שוין אפ מיט דיא קראהען. זייא קאנען זיך אין ערגעץ ניט בעהאלטין פֿון איהם. ער חאפּט זייא אפילו אויף דיא דעכער פֿון דיא הייזער אין שטאדט.

אז

אז ער האפט אַ טהיר אדער אַ פֿויגיל שפאלט ער זיא פֿריהער מיטין שנאבעל דיא קאפּ; קליינע חיה-לעך שלינגט ער איין גאנצער הייט. אַ מאהל האט מען גיפֿונען אין אַ בויך פֿון אַ פֿילין אַ שטאכעל-שווין.

דער פֿילין פֿאלט אָן אויף שאף אויך.

מען דערצעהלט למשל אז לעבין אַ פֿראנצייזישען דארף איז אַ פֿילין אנגיפֿאלין אויף אַ שאף, נור דעם מאהל האט דעם שלעכטען פסק גיהאט ניט דיא שאף, נור דער פֿילין: דיא שאף איז געלאָפֿען איבערין וועג נאך דער סטאדע גלייך אין דארף אריין. דיא האר פֿון דיא שאף איז גיוועןַ אזויא לאנג אונ געדיכֿט אז דער פֿילין האט ניט גיקאנט דער לאנגען צוא איהר לייב. ער האט זיך איינגיפֿלאנטערט מיט זיינע נעגיל אונ האט זיך ניט גיקאנט ארויס דרעהען צוריק. אויפֿהייבין דיא שאף אין דער לופֿטין אונ אוועקפֿליהען מיט איהר האט ער אויך ניט גיקאנט, אט אזויא האט איהם דיא שאף גיבראכט אין דאָרף אריין.

נור ניט שטענדיג איז דיא שאף אזויא גליקליך. עס מאכֿט זיך גאנץ אפֿט, אז דער פֿילין עסט אויף עטליכע ציגעלעך אונ שעפֿעלעך.

דיא קראהען נעמען זיך צונייף עטליכע אין איינעם אונ חאפין פֿילינס בייא טאג וויא איך האב דער צאָהלט. זייא יאגין זיך נאך דיא האזין אונ זייא זיינען זייער קלוג אונ געשיקט דער צוא.

מען דערצאָהלט למשל וועגען זייא אזא מין איינפֿאל.

אַ הונד האט גנגריזשעט אַ גרויסין ביין. צווייא קראהען האבין עס בעמערקט אונ האבין זיך אראפּ גילאזט אוועק צוא נעהמען דעם ביין בייא דעם הונד. איינע פֿון זייא האט זיך גיזעצט לעבען הונד אונ האט זיך גינומען דרעהען, קארקען אונ האט גיזעהען מיט אללע מיגליכקייטין דער הונד זאל זיך פֿערגעססען אַ רגע אָן ביין, זיך פֿארקוקין אויף איהר. נור דער הונד האט זיך ניט גילאזט נארין. דעמאלט איז גיקומען דיא אנדערע קראהע צוא הילף. זיא איז אונטער גיפלייגין הינטער דעם הונד אונ האט איהם מיטין שנאבעל דערלאנגט איבערין רוקען. דער הונד האט זיך איבער גידרעהט אונ זיא גיוואלט חאפין נור זיא איז באלד נעלם גיווארין אונ צוא דער אייגענער צייט איז דיא ערשטע אויך אנטלאָפֿען מיטין ביין צוא זאממען.

דיא קראהען פֿאלין אָן אויף יונגע שאָפֿעלעך, הינדעלעך, גענזעלעך אונ ענטין (קאטשקעס) אונ מאכין אונז אָן גרויסע שאדין דער מיט, נור מיר האבין אבער פֿון זייא נוטצען אויך; זייא פֿרעססען אויף אַללע פגרים וואס וואלטין גיפֿוילט אונ פֿארדארבין דיא לופֿט; וויא אויך שנעקען, ווערעם, פֿליגין, קאָפֿער אונ נאך אנדער שעדליכע פֿליגין. בכלל האבין מיר פֿון זייא מעהר נוטצין וויא שאדין.

אין אלטע ביכער איז פֿערשריבין אזא מין מעשה.

אפירש

אַ פֿירשט האט ניט ליב גיהאט דיא קראהען. ער האט ניט גיקאנט ליידין זייער קאַרקעריייא און האט זייא גיהאלטין פֿאר שעדליכע פֿייגיל, ער האט גירעכֿינט אז דיא קראהען פֿארוויסטין דיא פֿעלדער, פֿרעססען אויף דיא תבואה.

איין מאל האט ער ארויס גיגעבען אַ בעפֿעהל מען זאל אויס הרגענען אלע קראהען אין זיין מדינה. מען האט גימוזט פֿאלגין, מען האט אויסגיהרגעט גאר מאססין קראהען, נור פֿון דעם איז קיין גוטעס ניט ארויס גיקומען. איבער אַ יאהר האט זיך אין לאנד בעוויזען גאר אַ שרעקליכע מאַנגע פֿליגין אויף דיא פֿעלדער און אויף דיא גערטנער. דער פֿירסט האט גימוזט ארויס געבין אַ נייעם בעפֿעהל: ער האט גיהייסין זיינע איינוואהנער אז זייא זאלין זעהען איינצופֿיהרען בייא זיך אַ סך קראהען.

וויא אזויא דער אדלער בעשטעהט זיך זיין שטעדטיל.

דער אדלער איז זעהער אַ גיזונדער פֿייגיל. ער איז זייער שטארק פֿלינק און דרייסטיג. ניט אומזיסט האט מען איהם פֿארשריבין פֿאר אַ מלך אונטערין הימעל!

ער איז געשיקט אין פֿליהען, זעהט און הערט זעהר גוט פֿון וויטין; שטונדין וויים פֿליהעט ער ארום גאנץ הויך פֿון דער ערר, און קוקט אויס זיין ביסין, דרעהענדיג זיך און כמעט ניט בעוועגענד מיט דיא פֿליגעל. נאר קוים דער זעהט ער זיין רויב לאזט ער זיך אראפּ גאנץ שטיל און פאמעלעך נעהענטער צוא דער ערד און פלוצלונג ווארפֿט ער זיך אויף זיין רויב וויא אפֿייל פֿון בויגין. פֿון זיינע נעגיל קאן זיך קיין קליינע חיה ניט רעטטין. ער האט ליב יונגע ציגען, האזין, יונגע געגז, שעפֿעליך, פֿוקסין, קעטץ, מויל-וווירפֿע (קראטין), מייז, אלערליי פֿייגלין גרויסע און קליינע, היימישע א.ג ווילדע. קיין איינציגע פֿון זייא פֿליהט ניט אדער לייפֿט ניט אזויא געשווינד, זיא זאל קאנען ענטרונען ווערין פֿון אדלערס אפעטיט.

דער אדלער פֿיהרט זיין געיאָג מיט גרויס עקשנות און ליסטיגקייט. גאנץ אפֿט רייסט ער ארויס בייא דעם פֿאלקע (סאקאל) און ביים האביכֿט (יאסטרעב) דעם רויב פֿון מויל, וויטער עסט ער געפֿגרטע אויך. ער איז אזויא שטארק און געזונד אז ער קאן אויפֿהייבין אַ קינד אין דערלופֿטין און אוועק פֿליהען מיט איהם, אט אזא מעשה האט זיך גימאכֿט אויף דיא אלפּען. אין אַ דארף וואס געפֿינט זיך אוף יענע בערג איז גיקומען צוא פֿליהען אַ אדלער, האט אַ חאפּ גיטאהן אַ קינד פֿון אַ פּאָר יאהר און איז מיט איהם אוועקגעפֿלויגען. דאס קינד האט

זעהער

זעהער הויך געשריען אונ דער פֿאטער האט דערהערט פֿון וויטען דאס געשריי.

ער האט זיך ארומגעקוקט אינ דערזעהען, וויא דער אדלער פֿליעהט אין לופֿטין מיט זיין קינד. דער אדלער איז געפֿלויגין לאנגזאם; וויא עס האט אויסגעוויעזען, איז דאס קינד דאך געוועזען פֿאר איהם אַ צוא שווערע משא. דער פֿאטער האט געהאפּט אַ שטעקין אונ האט זיך געגומען יאגין נאך דעם אדלער. ער איז געלאָפֿען וויא אַ משוגענער, געשפּרונגען איבער שטיינער אונ האט געוואלט דעם מערדער דעריאגען. ענדליך האט ער דער-זעהען, וויא דער אָדלער האט זיך אָפּ געשטעלט אונ גענומען פּיקען זיין קינד!.. מיט דיא לעצטע כוחות איז דער אונגליקליכער פֿאטער צוגעלאָפֿען צום שטיין, וואו דער אדלער האט זיך אפּגעשטעלט, אונ האט איהם גענומען טרייבין מיטין שטעקין. אבער ער האט זיך גענוג אנגימוטשעט, געגוג קרעפֿטען אוועק געלייגט, איידער עס איז איהם געלונגען דען שרעקליכען פייגיל אוועקצוטרייבין, דער פֿאטער איז ארויפֿגעפֿאלען אויף זיין קינד, אונ איז פֿון שרעק שיער ניט געשטארבען, ווייל ער האט בעמערקט, דאס דער אדלער האט שוין בייא דעם קינד דיא אויגען אויסגעפּיקט, דאס קינד איז אין קורצען געשטארבען אונ דער אומגליקליכער פֿאטער האט אַ לאנגע צייט נאך דעם געלויערט דעם אדלער אום, איהם צוא שיססען. ענדליך האט ער איהם גע-פּאקט אלעבעדיגען, מען האט איהם גיטוידט אונ געמאכט פֿון איהם אַ-משוטשעלא (איין אנגעשטאפּטעס טהיר), וואס געפֿינט זיך ביז היינט אין דער שווייץ אין דער שטאדט ווינטערטהיר.

וועגען דעם לאממער—פּרעססער

אויף דיא אלפּען לעבט נאך אַ גרויסע רויבפֿייגיל, דער לאָממער-פּרעסער. ער איז הויך כמעט $1^1/_2$ ארשין, אונ איז נאך שטארקער פֿונ'ם אדלער.

דיא לאָממער-פּרעסער געפֿינען זיך אין אנדערע לענדער אויך, נור אין ערגעץ זיינען זייא ניט אזוי שעדליך וויא אויף דיא אלפּען בערג.

דער לאממער-פּרעסער איז אשרעקליכער פּ-עסער. זיין האלז איז אזויברייט אז ער קאן שלינגען גאנצערהייט דיא גרעסטע ביינער. בייא איין לאָממער-פּרעסער, צום ביישפּיעל, האט מען געפֿונען אין מאגען 5 אָקסען ריפּפּען, וואס זיינען געוועזען 2 צאל גראב אונ פֿון 6 ביז 9 צאל לאנג, דער צוא נאך אַ בונד האר אונ אַ גאנצע פֿוס פֿון אַ יונגען באק.

בייא איין אנדערין לאממער-פּרעססער האט מען געפֿונען אין מאגין אַ גאנצין ווידיל פֿון אַ פֿוקס.

דער לאממער-פּרעססער, גלייך וויא דער אדלער, הויבט זיך פֿריהער

אויף גאנץ הויך אין דיא לופֿט אונ פֿון דארטין קוקט ער אוים פֿיר זיך איין רויב.

ער עסט סיי גרויסע סיי קליינע חיה-לעך. אום צוא חאפין גרויסע חיות ברויכֿט דער לאממער-פֿרעסער אַ בעזאנדערען מיטטעל.

וויא ער בעמערקט ערגעץ אויף אַ הויכען בארג אַ ציעג אדער אַ שעפּס הייבט ער זייא אן צוא שרעקען, ער פֿליהט ארום זייא ארום, פּאטש מיט דיא פֿליגיל אונ טרייבט זייא אזוי ביסלאכוויז צוא צום ברעג פֿון בארג; קאם קומט דיא ציעג צום בארג, ווארפֿט ער זיך אויף איהר ארויף מיט אַ שרעק-ליכין געפילדער, דיא ציעג פֿאלט אראב אונ ווערד געהרגעט. דאן לאזט זיך צוא איהר אראפ דער לאַממער-פֿרעסער אונ פֿרעסט איהר אויף.

איין לאממער-פֿרעסער האט געוואלט מאכֿען דעם זעלבען קונץ מיט איין ווילדען אקס. ער איז עטליכֿע מאל ארויפֿגעפֿליגען אויפֿין אקס, אבער דער אקס איז גיט געוועזען פֿון דיא שרעקעדיגע. ער האט אראפּגעלאזען דעם קאפּ, זיך איינגעשפּארט מיט דיא פֿים אונ איז זיך אזוי לאנג רוהיג געשטאנען אויף איין ארט, ביז דער לאַממער-פֿרעסער האט געזעהען, אז ער וועט דא גאר נישט מאכֿין אונ איז אוועק גיפֿלייגין.

איין מאל האט אַ לאממער-פֿרעסער געוואלט חאפין אַ פֿוקס. ער האט איהם אנגענומען אונ זיך אויפֿגיהייבין מיט איהם אין דער לופֿט. אבער דער פֿוקס האט איהם איינגעביססען אין האלז, אונ דער לאממער-פֿרעססער איז אראב געפֿאלען אויף דר׳ערד אַ טוידטער.

דיא לאממער-פֿרעססער פֿאללען אַ מאל אָן אויף אַ מענשען. עס מאכֿט זיך גאנץ אָפֿט, אז דער לאממער-פֿרעססער בעפֿאלט אויף יאֶגער אונ שטעלט זיך אונטער זייא אראב צוא ווארפֿען פֿון בארג. אויף דיא אלפען האבין זיך אזוינע זאכֿין גיטראפֿין וויעפֿיעל מאל.

אַ אינגעל, אַ פּאסטוך איז גיזעסין אויפֿין ברעג בארג אונ אכֿטונג געגעבען אויף דיא ציגען, וואס האבין זיך דער בייא געפּיטערט. פֿלוצלונג האט זיך בעוויזין אַ לאַממער-פֿרעססער וואס האט אנגיהייבין צוא מאכֿין זיינע קונצין, פֿליהען ארום דעם פּאסטוך אונ פּאטשען מיט דיא פֿליגעל.

דיא איבעריגע פּאסטוכֿער האבין עס פֿון וויטין בעמערקט אונ זיינען צוגעלאפֿין רעטטען זייער חבר. זייא זיינען אבער צוא שפּעט גיקומען, דער לאממער-פֿרעססער האט איהם שוין אוספּייעט אראב צושטויסען פֿון הויכֿען בארג, אונ דער יונגער פּאסטוך איז שוין אונטען גילעגין טויט.

אין אַ דארף אין דער שווייץ האט זיך פּאסירט אזא מין געשיכֿטע.

אַ פּויער מיט זיין וויב זיינען גיגאנגען שניידען זייערע הייא, וואס האט גיוואקסין אויפֿין בארג, אונ האבין מיטגענוממען מיט זיך אַ קליין קינד פֿון אַ יאהר דריי, דאס קינד האבין זייא אַ נידערגעזעצט אָן אַ זייט אויפֿין גראז אונ ער איז באלד אנשלאפֿין געווארין. זייא האבין איהם צוגעדעקט

דעם

דעם פנים מיט אַ שטרויענע הוט אונ אוועקגעגאנגען ארבייטין. אין אַ קורצע צייט ארום האט זיך דער פֿאטער אומגיקערט צוא זעהען וואס דאס קינד טהוט. ער זעהט אבער — דאס קינד איז ניטא. ער האט אנגיהייבין זוכין אין אללע זייטין, נאר אומזיסט — זיין קינד איז ניטא, ער איז געלאָפֿין צוא זיין ווייב, דערצאהלט איהר דיא מעשה אונ האביןביידע אנגיהייבין זוכין דאס קינד. אבער זייא ביידע האבין אויך ניט גיפֿונען. דיא אומגליקליכֿע עלטערין האבין זיך שוין גאר מיאש געווען פֿון קינד, זייא האבין זיך גיזעצט אויף דער ערד אונ ביטטער גיוויינט. אין דער זעלבער צייט, בייא אַ האלבע ווערסט פֿון יענעם ארט, איז גיגאנגען אויפֿין בארג דורך אַ וויסטע שמאלע סטעשקעלע זייער ארבייטער מיכֿאל. דער ארט איז געוועזן זייער א וויסטער קיין מוטער מענש פֿלעגט דארט קיין מאל ניט זיין. פלוצלינג האט ער דער הערט אַ געשרייא אונ אַ גענויין פֿון אַ קינד. מיכאל איז צוגעלאָפֿין צום ארט פֿון וואנען עס איז געגאנגען דאס געשריי אונ האט באלד דערזעהען ניט וויט פֿליהענדיג אונ זיך דרעהענדיג אין דער לופֿט אַ לאָממער-פֿרעססער. ער איז שנעלל צוגעגאנגען צום בערגעל, פֿון וואנען דער לאָממער-פֿרעססער האט זיך אויפֿגעהייבין, אונ דא האט ער מיט גרויס וואונדער בעמערקט זיין בעל-הבית׳ס קינד, וואס איז געלעגען אויפֿין סאמע ברעג פֿון בארג. עס האט נור געפֿעהלט דאס קינד זאל טהאן איין ריהר, אונ עס וואלט כהרף עין אראבגעפֿאלען אונ עס וואלט פֿון זיינע ביינדעלאך אַ זכר ניט געבליבען!

צום גליק איז דאס קינד געבליבען לעבען אונ געזונד. דער פֿייגעל האט איהם נאר געקאלעטשעט דיא לינקע האנד פֿאר וועלכע ער האט איהם געחאפט מיט זיינע נעגעל.

דיעזער צופֿאלל האט געמאכֿט אויף דיא איינוואהנער פֿון דעם דארף אזא איינדרוק, אז דער פאסטאר האט איהם פֿארשריבען אין דיא קירכֿען ביכֿער.

דיא לאממער-פֿרעססער, וויא נאך פֿיעל אנדערע רויב פֿייגעל, ברענגען ניט נאר שאדען אויף דער וועלט, אבער מען האט פֿון זייא אַ נוטץ אויך.

זייא פֿרעססען אויף דיא געפֿאלענע טהירע (וואס ליגען בלייבענדיג וואלטין זייא גיפֿוילט אונ פֿערפעסט דיא לופֿט).

אנדערע פויגיל.

עס זיינען פֿערהאנדען פֿיעל פֿייגיל, וואס שפייזין זיך נור מיט מאי-קאָפֿער, פֿליגין, שמעטערלינגע אונ אנדערע אינזעקטין.

דיא

דיא גרעסטע שונאים האבין דיא אינזעקטין אין דיא פעלד-קראהעס, וואס עסען זייא אויף גאר אהן אשיעור. אויפין צוא אקערטין פעלד גייען דיא פעלד-קראהעס נאך דעם שניט פון דער סאחע און זוכין אויס דיא רויפען פון דיא מאי-קאפער און רייניגין אויס פון זייא דאס פעלד.

מיט 50 יאהר צוריק האבין דיא איינוואהנער פון אַ פראווינצע אין נארד אמעריקא זיך גינומען צוא פערטיליגין דיא פעלד-קראהען. זייא האבין געשטעלט אַ פרייז פאר יעדע גישאסענע קראהע, און עס האט זייא מאססין געלד גיקאסט צוא פארקלענערין זייער צאהל. נור איבער אַ יאהר זיינען דיזעלבע איינוואהנער גרייט גיוועזן צוא צאלין דאס דאפעלטע, מען זאל דיא קראהעס פארמעהרין. זייא האבין זיך ארום גיקוקט, אז דיא פליגין און מאי-קאַפער, וואס מאכין גרויסע שאדין אָן אין פעלד, האבין זיך אהן דיא קראהעס שרעקליך גימעהרט.

דער שטאַר (סקווארעץ) ברייננגט אויך אַ סך נוצין. אין איין ארט האט מען פערטיליגט דיא שטארן און עס האבין זיך באלד בעוויזען גאנצע פאלקען מאי-קאַפער, וואס האבין פערניכטעט אללע לאנקעס, אז מען האט גימוזט קויפען און ברייננגען פון אנדערש וואו הייא אויפין ווינטער.

דיא אמעריקאנער פיהרין זיך בכיון איין פערשידענע פייגיל גענגען דיא אינזעקטין. אין דיא הייזער האלטין זייא אַ געל פויגעל, דאס גאלד-דראזדיל, וואס חאפט דיא פליגין, וואס דאקוטשין דארט זייער. עס איז שווער זיך אַ בעגריף צוא מאכין, וויא גרויס דער נוץ איז וואס מיר האבין פון דיא פייגעל, דורך דעם וואס זייא פערניכטען דיא אינזעקטין. זייא רעטטען דער מיטט דיא פעלדער, דיא גערטענער, דיא וועלדער, דיא וויינ-גערטנער, און דיא לאנקעס. אין זיד (דרום) רוססלאנד ליידין דיא פעלדער זייער פיעל פון דעם היישעריק און אנדערע שעדליכע אינזעקטין, דאס גליק איז דאס צוגלייך מיט דיעזע אינזעקטין קלייבין זיך איממער צוא זאממען אפולע פויגעל, וואס פרעססען זייא אויף. מעהר וויא אללע פרעססען דיא דראזדען דיא היישעריקען; וויא עס פאלט אָן אַ היישעריק, בעווייזט זיך שוין דער דראזד און מאכט פון איהר אסוף.

דער שפערלינג (וואראָביי) ברייננגט אויך ניט וויינינ נוצען, ער פער-ניכטעט אויך אַ סך פליגין און רויפען (ווערימליך). מען האט בעמערקט, וויא איין פאר שפערלינגע האבין פיר זייערע קליינע קינדער אין איין וואך געפאנגען און געבראכט אין נעסט 3360 רויפען (ווערימליך) אדער 480 שטיק אַ טאג. הייגט האבין זייא דאך עפעס אליין אויך גיגעסען! און וויפיל פאר שפערלינג האלטין זיך אויף אין אַ געגענד?!

דיא שוואלבין שפייזין זיך נור מיט פליגעלעך און מאי-קאַפער. אז דאס וועטטער איז טרוקין פליהען דיא פליגעלעך ארום גאנץ הויך, אין אַ

פייכטען

פֿייכֿטען וועטטער פֿליהען זייא גאנץ נידעריג.

דאס זעלבע טהוען אויך דיא שוואלבין וואס יאגין זיך נאך זייא נאך; דעריבער קאן מען אימער וויסען פֿון דיא שוואלבען וואס פֿיר אַ וועטער עס איז: פֿליהען זייא אין דער הויך, איז אַ סמן אז דיא לופֿט איז טרוקען אונ עס וועט זיין שאָן וועטער; פֿליהען זייא אבער נידעריג איז אַ סמן אז דיא לופֿט איז פֿייכֿט אונ מען דארף ערווארטען רעגען.

איין ענגלאֶנדער האט געוואלט איבער צאֶהלין וויפֿיעל פֿליגין אַ שוואלב חאפט אין איין שטונד. ער האט זיך אוועק גיזעצט לעבין אַ שוואלבין נעסט אונ האט גיצאֶהלט וויפֿיעל מאל דיא שוואלב איז גיקומען שפייזין איהרע קליינע. זיא האט יעדעס מאל גיבראכֿט נור איין פֿליגעלע, אין פֿערלויף פֿון אַ שטונדע האט זיא געפֿאנגען פֿערציג פֿליגעלעך. יעדער מין פֿייגעל האט זיך שוין זיינע מיטעל וויא צוא חאפין אינזעקטין. דיא שפעכֿטין, למשל, פֿאנגען זייא ארויס פֿון אונטער דער קאָרע, וואוהין עס פֿערקלייבין זיך אָפֿט האָלץ-וואֶרים. אז דער שפעכֿט דערשפיהרט אין אַ בוים אונטער דער קארע האָלץ-וואֶרים אונ זשוקעס הייבט ער אן צוא פיקין מיטין שטארקין שנאבעל אין דער קארע ביז וואנען ער מאכֿט אַ לאך. דערנאך שטעקט ער אריין זיין לאנגע צונג אונ לעקט אויס דיא האָלץ-וואֶרים. אמאל טרעפֿט אז ער שטעכֿט זייא אָן אויפֿן צונג וויא אויף אַ שפילקע.

דיא פֿויגעל וואס פֿערטיליגין דיא אינזעקטין, אויסער וואס זייא רעטטען אונז דיא פֿעלדער מיט דיא לאנקעס, ברענגען נאך גרויס נוצין פֿיר בהמות.

ווער וויים ניט וואס פֿערד אונ קיה אונ היימישע טהירען ליידין זיך אָן פֿון פֿערשיעדענע בייסענדע פֿליגין? אַ קוה, וואס האט זיך פֿון דיא פֿליגין קיין ארט ניט גיפֿונען, איז אריין אין אקליין טייכיל, אין וועלכֿען עס האבין געשוואומען ענטען. קוים האבין דיא ענטען דערזעהען דיא פֿליעגען איבער דער קוה, זיינען זייא צוא געשוואומען אונ גימאכֿט אויף זייא איין אבלאווא.

איינער וואס איז געוועזען דערבייא דערצאֶהלט, אז ער האט געזעהען, וויא דיא קוה, איז גישטאנען גאנץ רוהיג אויף איין ארט, אזוי וויא זיא וואלט פֿערשטאנען, וואס פֿיר אטובה דיא ענטען טהוען איהר, חאטש דיא ענטען האבען איהר ארומגערינגעלט פֿון אלע זייטין אונ צייטענווייז אויך געפיקט.

פריינדשאפט צווישען פייגלאך מיט טהיערען.

אַ רייזענדער האט אמאל גיזעהען אין אפֿריקא אויף אַ לאנקע אַ גאנצע שטאדא בופֿלאקסין וואס האבין זיך גאנץ רוהיג געפֿיטערט.

אין דער זעלבער צייט איז בייא זייא דיא רוקענס פֿול געוועזען מיט

פֿייגלאך. דיא בופֿלאקסין האט עס ניט גיארט, אזוי וויא עס דארף אזוי זיין, אז פֿייגלאך זאלען שטעהן בייא זייא אויפֿ'ן רוקען און פיקען.

וויא נאר דיא פֿייגלאך האבען פֿון דער וויטען בעמערקט דעם רייזענדען האבען זייא אנגעפֿאנגען צוא שרייען, געמאכֿט אַ לארם. פֿון זייער געשרייא האבען זיך דיא בופֿלאקסין אויך דערשראקען, און האבין אנגיהייבין אנטלויפֿין. דער רייזענדער האט געוואלט וויסען וואס דיא פֿייגלאך האבען געטאהן בייא דיא בופֿלאקסין אופֿ'ן רוקען, און ער האט איין בופֿלאקס געשאסען. ער האט גינומען בעטראכטין דעם בופֿלאקס און האט בעמערקט, דאס איינינגע זשוקעס לייגען אין דיא האר און דיא לייב פֿון דיא בופֿלאקסין זייערע אייעלאך.

מיט דער צייט קומען פֿון דיא אייעליך ארויס רויפען (ווערעמליך), וואס מאכֿען דיא טהיערען פֿיעל שמערצען. אט דיעזע רויפען פֿרעסען אויף דיא פֿייגלאך. דעראיבער פֿערטראגין דיא בופֿלאקסען אזויא געדולדיג דיא פֿייגלאך בייא זיך אויף דיא רוקענס און עס קיממערט זייא ניט ווען אפֿילו זייא פיקען זייא.

דער קראקאדילען שומר.

נאך וואונדעליכער איז דיא פֿריינדשאפֿט צווישען דעם קראקאדיל און איינינגע קליינע פֿייגעלעך. אין עגיפטען (מצרים) איז דא זייער פֿיעל קראקאדילען. אין דיא הייסע טעג גייען זייא אפֿט ארויס פֿון טייך אויפֿין זאמד, זייא שטעלען ארויס דיא קאָפּף פֿון וואסער, עפֿענען פֿארנאנדער זייערע מוראדיגע מיילער וואס זיינען אָנגיזעצט מיט שרעקליך שארפֿע ציין און לייגין זיך ווארעמען אויף דער זון. דעמאלט בעמערקט מען גאנץ אפֿט, וויא לעבען קראקאדיל דרעהט זיך ארום אַ קליין פיצעלע פֿויגעלע, וואס טאנצט ארום בייא איהם אופֿ'ן רוקען און איבער דעם קאפף און רייניגט איהם פֿון פֿערשיעדענע רויפען (וואָרימליך) און שמוטץ. דאס זעלבע פיצעלע פֿייגעל האט אפֿילו קיין מורא ניט צוא צופֿליהען צום קראקאדילס אפֿענע מויל און רייניגט איהם דיא ציין. זיא האט אפֿילו קיין מורא ניט ארייַן צוא פֿליהען צוא איהם אין מויל אריין און זיא פֿיהלט זיך דארט אזויא גוט, וויא אין פֿרייען לופֿט. דער קראקאדיל וואלט איהר לייכֿט געקאנט איינשלינגען, נאר ער טהועט דאס ניט, וויל זיא איז איהם זעהר נוצליך. מען רופֿט דיעזען פויגעל „קראקאדילען-שומר".

דער האניג ווייזער

אין אפריקא געפינט זיך אַ קליין פייגעלע, וועלכע מען רופט האניג-ווייזער, ווייל דאס פייגעלע גיט צו וויסען, וואו די בינען בויען זיך זייערע בינ-שטאקען. דיעזעס פייגעלע שפייזט זיך מיט די רויפען פון די ווילדע בינען, אליין קאנן זיא אין בינשטאק ניט צוקומען; דעראיבער רופט זיא צוא דעם מענשען.

דער מענש צוא ווארפט דעם בינשטאק און נעמט ארויס די האניג, נאכהער קאן שוין דאס פייגעלע לייכט בעקומען איהר שפייז. אט אזויא קומט אויס, אז דאס פייגעלע טהוט אַ טובה דעם מענשען און דער מענש העלפט אויס דאס פייגעלע.

וויא קראפ-גענז פאנגען פיש.

דיא קראָפּ-גענז לעבען איבערהויפט פון פיש און זאבעס.

זייא פאנגען פיש אין קאמפאניע, זיך העלפענדיג איינער דעם אנדערן. צוא דיעזעם צוועק קלייבין זייא געוואהנליך אויס אַ שמאלען ארט אויפין טייך.

איין רייזענדער האט גיזעהען וויא 50 וויסע קראָפּ-גענז האבען זיך אויס-גישטעלט אין אַ לאנגע רייהע (שורה) אין מיטען טייך. זייא זייען געשטאנען ביז העלפט אין וואסער, יעדער פון זייא האט אויסגעצויגען דיא האלז און דעם שנאבעל, פערטיג צוא געבען אבים, זייא האבען נאר געווארט אויף אַ סיגנאל אום אנצופאנגען צוא טאהן. באלד האט איין אלטע קראָפּ-גאנז, דער אנפיהרער, געגעבען אגעשרייא און דיא גאנצע סטאדא קראָפּ-גענז האבען זיך גענומען בעוועגען און שרייען.

זייא האבען גענומען געהן נעהנטער צום ברעג, קלאפענדיג מיט דיא פליגלען איבערין וואסער און ארויס לאזענדיג יעדע ווילע דיא ברייטע לאנגע שנאבלען. דיא וואס זיינען געשטאנען בייא דיא זייטען, זיינען געגאנגען שנעללער, פונקט וויא עס טהוען דיא פישער, וואס טראגין דעם נעטץ. מיט איינעם ווארט, דיא פייגלאך האבען צונויפגעטריבען דיא פיש צום ברעג דורכ-אויס וויא וואהרע פיש פאנגער.

אנפאנגס איז איין פויגיל געשטאנען ווייט פון דעם אנדערן אויף דיא גאנצע לייענג פון דיא פליגיל מיט וועלכע זייא האבען גיארבייט. נור וואס ווייטער האבין זייא זיך אלץ מעהר צוא זאמען גערוקט, פון ענגשאפט האבען דיא פיש זאגאר גענומען שפרינגען פון וואסער אין לופטין.

דעמאלט האבין דיא קראפ-גאָנז זיך גינומען צוא דער ארבייט. 5–6 פייגיל, דיא גרעססטע פון דער גאנצער סטאדע, האבען גענומען ארויס שלעפען דיא פיש פון וואסער.

דיא קראפּ-געגז האבין אונטערין שנאבעל אַ בייטעל, וואס קאן זיך פֿערנאנדערציעהען אונ קאן בעהאלטין אַ גאנציין אוצר מיט פֿיש. זייא האבין אנגעהייבען חאפּין פֿיש אונ ווארפֿען אין בייטיל אריין, אין דער צייט וואס דיא איבעריגע קראפּ-געגז זיינען געשטאנען אונ געשלאגען מיט דיא פֿליגלען אונ צוזאממען געטריבין דיא פֿיש.

אנדערע פֿויגעל האבין דאס בעמערקט פֿון ווייטין, אונ זיינען צוזאממען גיפֿלייגין פֿון אלע זייטען אונ האבין גיווארט, אפֿשר וועט זייא אויך עפּעס אנקומען פֿון דעם פֿיש פֿאנג.

גאנצע וואלקין פֿון וואססער שוואלבין אונ מעווען זיינען גיפֿלייגין איבער׳ם וואססער אונ פֿליהענדיג געחאפּט קליינע פֿישעלעך.

מען האט געזעהן וויא קראהעס האבין זיך געשלאגין איבער עטליכֿע געגנבעטע פֿישעלעך. גאגארעס האבין זיך גאר אראפּ גילאזין אין רעכֿטען מיטין צווישען דיא קראפּ-געגז, אונ גיחאפּט פֿיש גלייך מיט זייא גאר אהן שום מורא.

ענדליך איז אַ גאנצע סטאיא רייהע (אמין פֿייגעל). אויך גיקומען צוא פֿליהען. זייא האבען אבער קיין מוטה ניט געהאט צונעהמען חאפּען פֿיש; זייא האבען זיך צוא זעצט אויף דיא ביימער אונ האבין גיקוקט פֿון ווייטען אונ געשריען. אז דיא קראפּ-געגז האבין גיענדיגט זייער ארבייט זיינען זייא ארויס פֿון טייך אויפֿין זאמד אונ האבין גינומען צווישען זיך טיילין דעם רויב. יעדע קראפּ-גאנז האט אוים גישפּייגין פֿון בייטיל גאנצער הייט דיא איינגישלונגענע פֿיש. דיא חברה האט זיך גינומען צוא דער אכילה, יעדע קראפּ-גאנז האט בעקוממען אגלייכֿען טהייל, אלץ איינס, צוא זיא האט נאר געיאגט דיא פֿיש אדער זיא האט אליין גיחאפּט. דיא טהיילערקע צווישען זייא איז גיוועזען דיזעלבע עלטסטע קראַפּ-גאנז, וואס האט אנגעפֿיהרט דאס פֿיש-פֿאנג. נאך איהר געשריי נאך האט יעדער פֿייגעל בעקוממען זיין טהייל.

דיא קיירא אונ רויב פייגיל.

אנדערע פֿייגעל טוקען זיך ארונטער אונטערין וואססער אונ חאפּין פֿיש, צום ב. ש. דיא וואסער ענטין אין דיא קאלטע לענדער, וועלכֿע מען רופֿט דעריבער: „דיא טוקערס" אדער „נורקעס". זייא לאזין זיך אראפּ ביז 30 ארשין דיא טיף אונ חאפּין פֿיש קונציג אונ געשייט. לעבען אייז מעער (ים הקרח) איז דא אַ פֿייגעל מיט דעם נאמען קיירא, וואס שווימט אויסגעצייכֿענט אונטערין וואססער. שווימענדיג ארבייט זיא מיט דיא פֿיס, אונ מיט דיא פֿליגלען. פֿריהער יאגט זיא אונ טרייבט צוזאממען דיא פֿישלעך אין איין ארט, דער נאך פֿאנגט זיא

זייא וויפיל זיא וויל. קייראס פאנגען אין וואסער הערינג, אבער ניט אלע מאל גליקט זייא דיא געפאנגענע הערינג צוברענגען צוא זיך אהיים.

אין דיא ערטער וואו דיא קייראס חאפין פיש, פליען צוניף מעווען. קוים בעוויזט זיך אַ קיירא איבערין וואססער מיט אַ פיש אין מויל לאזט זיך אויף איהר אראפ דיא מעווע און רייסט איהר דיא שפייז פון מויל ארויס.

עס איז פאראן אַ פייגיל וואס הייסט פאמאַרניק. דיעזער פייגיל קאן זאגאר אליין ניט חאפין קיין פיש, נאר ער לעבט פון גזלה, ד. ה., פון דעם וואס ער נעמט מיט געוואלט אוועק בייא אנדערע ים-פייגיל. נאטירליך, בעפאלט ער נאר פייגלאך וואס זיינען שוואכער פון איהם.

פייגלאך וואס לעבען פון גזלה, זיינען דא אומעטום — אין אלע לענדער. לעבען אָקאָאַן צום בייא שפיל לעבען צווייערליי מינים אדלער: "וויסקאָפיגע" און "פיש פאנגער".

דיא ערשטע רופט מען "וויסקאָפיגע", ווייל זייא האבין ווייסע קאפ. דיא אנדערע הייסען "פיש פאנגער", ווייל זייא חאפען אויסגעצייכענט פיש.

"דער פיש-פאנגער" חאפט דיא פיש, אבער עססען עססט זייא אויף דער "וויסקאָפיגער" אדלער.

דיעזער ראזבאָיניק זעצט זיך אוועק ערגעץ אויף אַ הויכען אָרט אויף אַ בארג און קוקט, אפשר וועט זיך בעווייזען וואו עס איז דער פיש-פאנגער אדלער. קוים דער זעהט ער איהם פון וויטען מיט אַ פיש, גיט ער זיך אלאָז נאך איהם. דער פישער ענטלויפט פון איהם און פליהט ארויף אין דער הויך, אבער דער וויסקאָפיגער פליהט נאך העכער ארויף. ער פליהט איבער דעם פיש-פאנגער און שרעקט איהם אזויא לאנג, ביז ער מוז ארויסלאזען דיא פיש פון מויל. אין דער אייגענער רגע לאזט זיך דער וויס-קאפ אראפ וויא אַ פייל פון בויגין און אימער אזויא געשיידט, דאס ער אוספייעט צוא חאפען דיא פיש נאך איידער זייא פאללען אראב אויף דער ערד, דערנאך פליהט זיך דער וויסקאפ אוועק אין וואלד און דער פישער מוז ווידער געהן הארעווען אויף זיין שטיקעל ברויט.

וויא אזויא דיא קראקאדילען קריגען פיר זיך שפייז.

שיינע מעשות דערצעהלט מען וויא דיא פערשיעדענע שלאנגען, עקדע-סען, און זאבעס ערווערבען זייערע שפייז. דיא רייזענדער איבער אינדיען האבען פיעל מאל געזעהן וויא דיא שרעקליכע קראקאדילען חאפען פיש. אין דעם טייך גאַנג געפינען זיך זעהער פיעל קראקאדילען. בייא טאג פלעגען זייא אפליעגען גאנצע שטונדען אויפן זאמד, אבער וויא נאר עס פלעגט ווערין אבענד,

פֿלעגען דיא קראקאדילען אוועק געהן פֿון ברעג אין אקליינעם טייכֿעל וואס פֿאלט אריין אין דעם גאַנג און וואס האלט נאר 9 קלאפֿטער אין דיא ברייט. דארטען האבען זייא זיך אויסגעשטעלט אין צווייא ציילען, ווייל פֿיר איין צייל איז דער ארט גיווען צוא שמאל. נאכֿהער האבען זייא זיך געלאזען לאנגזאם שווימען איבער־ן קליינעם טייכֿעל ארויף שטראם און טרייבען פֿאראויס דיא פֿיש אזויא לאנג ביז זייא פֿלעגען זייא צוטרייבען צוא אַ ברעג. דארטען פֿלעגען זייא דיא פֿיש אויפֿרעסען. דיא קראקאדילען זיינען שרעקליכֿע רויב טהיערע. זייא פֿרעסען טהיערען, פֿיש, בראקירען ניט מיט געפגרטע אויך. רייזענדער דערצאֶהלען אז זייא האבען געזעהן וויא קראקאדילען האבען געוואלט אוועק נעהמען רויב בייא לייבען. עס האט אויך געטראפֿען אז קראקאדילען זיינען אנגעפֿאלען אַף מענשען, וואס האבין זיך געבאדין אין טייך, און האבען זייא אויפֿגעפֿרעססען. —

שלאנגען.

אין דיא הייסע לאֶנדער געפֿינען זיך אזוינע שרעקליכֿע גרויסע שלאנגען וואס האלטין 9 ארשין דיא לאֶנג׳ און נאך מעהר: דער גרעסטער שלאנג איז דער ריעזענשלאנג (Удавъ). דיעזער שלאנג האט קיין גיפֿט ניט און זיין רויב דערשטיקט ער. איינער דערצעהלט וויא אַ „ריזענשלאנג" האט געהאפט אַ ציעג. וויא דער שלאנג האט דערזעהן דיא ציעג האט ער זיך געשטעלט אין אווינקעל און איינגעקארצעט און אנגעשטעלט דיא אויגען אויף דער ציעג.

נאכֿהער איז דער שלאנג פלוצלונג ארויפֿגעשפרונגען אויף דיא ציעג, האט איהר געהאפט מיט דיא צעהנער פֿאר דער מארדע און האט זיך ארומגעוויקעלט ארום איהר צווייא מאל און האט איהר אזויא צונויפֿגעקוועטשט דיא הארץ, אז דיא ציעגעלע האט באלד אויפֿגעהערט צוא אטהעמען. אזויא האט דער שלאנג איהר געשטיקט אַ מינוט אַכֿט. בשעת דיא ציעגעלע איז געשטארבען, איז דער שלאנג פֿון איהר אראב און האט איהר גענומען לעקען.

דער נאך האט ער איהר גאנצער־הייד איינגעשלונגען, אפֿריהער איז אריין צוא איהם אין מויל דער קאפף, נאכֿדעם דער רוקען, און צום סוף דיא פֿים. דעם שלאנגס מויל האט זיך אויפֿגעעפֿענט אזויא ברייט אז עס איז שרעקליך געוועזען צוא זעהען. זיין קאֶרפער איז וואס ווייטער געווארען גרעסער. אין דער צייט פֿון שלינגען האט דער שלאנג בענעצט דיא ציעגעלע מיט שלינע, כדי זיא זאל ווערען גליטציגער און זאל לייכֿטער אריין צואיהם אין מאגען. שלינע האט גערונען פֿון שלאנגס מויל דיא גאנצע צייט ביז ער האט זיין רויב אין גאנצען איינגעשלונגען.

דאס

דאס איינשלינגען האט געדויערט אַ ערך פֿון אַ פֿערטיל שטונדע. דער נאך האט זיך דער שלאנג אויס־עצויגען און האט זיך אַ צייט ניט גערירט פֿון ארט, אום צוא פֿערדייהען דעם עססען. פֿון דרויסען האט זיך געזעהן, וויא דיא ציעגעלע ליעגט בייא איהם. דער בויך איז בייא דעם שלאנג געווארען הויך וויא אנגעשוואלען.

דער ריזענשלאנג געפֿינט זיך אין זיד־אמעריקא. ער האלט זיך אויף אין וואַלדער. צייטענווייז קריעכֿט ער ארויף אויף אַ ביים און קוקט אויס וועמען צוא חאפען. ער עססט אללם דינג: מייז, קראליקען, פֿייגעל. אז ער שפרינגט ארויף אויף אַ מענשען און וויקעלט זיך ארום איהם ארום, איז דער מענש אויך אַ פֿארפֿאלענער. —

צוא קענען שלאנגען כשוף?

אנדערע שלאנגען זיינען גיפֿטיגע. זייא האבין אין מויל 6 גיפֿטיגע ציינער. דיא ציין דינען זייא נישט צום עססען, זייא בייסען נאר איין מיט זייא און לאזען אריין דעם גיפֿט, וואס איז אין זייא פֿארהאן. דער נאך שלינגען זייא איין דעם רויב גאנצער הייד. פֿיעל חיות האבען שרעקליך מורא פֿאר שלאנגען, דיא פֿייה צום בייא שפיל אז זיא דערזעהט אַ קלאפפער שלאנג ווערט זיא פֿון שרעק וויא משוגע. —

אַ רייזענדער איבער אמעריקא דערצאהלט אז ער האט איין מאהל געזעהן וויא אַ קלאפפער־שלאנג האט זיך צונויפֿגעדרעהט אין אַ קנויל און געלייגט זיך אונטער אַ ביים, אויף וועלכֿען עס איז ארומגעשפרונגען אַ בעלקע (פֿייה). וויא דיא בעלקע האט דערזעהען דעם שלאנג, האט זיא אנגעהייבין יאממערליך שרייען, זיא איז אומגעלאפֿען וויא אַ משוגענע אויפֿ'ן בוים ארוף און אראפּ, אזויא האט זיא געטאהן עטליכֿע מאל און יעדעס מאל איז זיא אלץ צוגעלאפֿען נעהענטער צוא דעם שלאנג. דער שלאנג האט דיא גאנצע צייט ניט ריהרענדג זיך פֿון ארט געקוקט אויף דיא בעלקע און האט פֿון איהר ניט אראפגעלאזען דיא אויגען. ענדליך איז דיא בעלקע צוגעשפרונגען הארד צום שלאנג, און דער שלאנג האט איהר געחאפט.

נאך איינער דערצאהלט אז פֿאר זיינע אויגען האט אַ שלאנג אויף דעם־זעלבען אויפֿן געחאפט אַ פֿייגעלע. דיא פֿייגעלע איז געזעססען אויף אַ בוים, אין אַ האלבין קלאפֿטער ווייטער איז געלעגען אַ גרויסער שלאנג. דער שלאנג האט אויסגעצויגען דיא האלדז, און אָנגעשטעלט דיא אויגען אויף דיא פֿייגעלע, און געקוקט אויף איהר אזויא לאנג ביז זיא איז צוגעשפרונגען הארד לעבען איהם און דער שלאנג האט איהר איינגעשלונגען. זעהענדיג אַ זעלכֿע זאכֿען

האבען זיך דיא רייזענדער שטארק געוואונדערט. זייא האבען נישט געקענט קלוג ווערען און פֿערשטעהן פאר וואס דיא בעלקע אדער דיא פֿייגעלע געהען אליין צום שלאנג אין מויל אריין. עס איז בייא זייא געבֿליעבען ניט אנדערש אז דא ליעגט עפּעס אַ מין צויבעריִיא, אז דער שלאנג קען בעצויבערן אנדערע טהיערע און זייא צוציהען צוא זיך. אז מען האט אבער דיא זאך בעססער בעטראכֿט, האט מען פֿערשטאנען אז דער שלאנג ברויכֿט גאר ניט קיין צובעריי און כשוף, נאר ער שרעקט אזויא שטארק איבער דיא ארעמע חיה׳לע דאס זיא ווערט צוא טומעלט און ווייס אליין ניט וואס זיא טהוט. דיא זעלביגע זאך פאסירט מיט פֿערד און שעפּסען וואס אין אַשרפֿה לויפֿען זייא אליין אין פֿייער.

דיא אכם פראש (זאבע).

דיא זאבעס וואס געפֿינען זיך אין אונזערע לאֶנדער נאָהרען זיך מיט פֿליעגען און מיט וואָרים. אין דיא הייס: לאֶנדער זיינען דא אועלכֿע גרויסע זאבעס, וואס עססען פֿייגלאך. אט וואס דערצאֶהלט איינער וואס האט געררייזט איבער נאָרד-אמעריקע: ביים ברעג טייך האבין זיך געשפּילט אַ גאנצע פֿאמיליע קליין פֿייגעלעך. פלוצים איז ארויסגעשפרונגען פֿון אונטערן קוסט אגרויסע פֿראש, און האט אנגעהאפּט אַ פֿייגעלע פֿארן פֿיסל און אריינגעשלעפּט אין וואסער. דיא פֿייגעלע האט זיך נעבעך געריססען מיט אלע כוחות, עס האט איהר אבער נישט געהאלפֿען, ווייל דיא פראש איז געוועזען פֿיעל שטארקער פֿון איהר. זיא איז געוועזען גרוים $3^1/_2$ ווארשאק און האט געוואויגען ביז 3 פֿונט. דיעזע פֿראש רופֿט „אָבם-פֿראש״ ווייל זיא קען אזויא גוואלדיג שרייען, וויא אונזערע זאבעס קאנען דאס נישט.

וועגען דיא היי־פישען.

אין ים (מעער) זיינען דא שרעקליך גרויסע פֿיש וואס הייסען: היי-פֿיש. דיעזע פֿיש זיינען זעהער גרוים; עס זיינען דא היי-פֿישען וואס זיינען גרוים 6 קלאפֿטער. דער היי-פֿיש איז אַ גרויסער פֿרעססער און אַ רויבער. דיא ים-פֿאהרער זאגען, אז פֿאר דעם היי-פֿיש דארף מען מורא האבען אויפֿין ים פונקט וויא פֿאר דעם וואלף אויף דער יבשה. גאנצע סטאדעס היי-פֿישען שווימען נאך דיא שיפֿפֿען, און קוקען אלץ

אוים

אויס, טאמער וועט אַ מענש אראב פֿאלען אין ים אריין. וויא עס מאכט זיך אזא מין אונגליק, שווימען זייא צוא אונ צורייסען דעם מענשען מיט דיא צאָהן. מיט 5 יאהר צוריק האט זיך געמאכט אזא מין אונגליק אויפֿין אָקעאן מיט אַ רוססישען אָפֿיצער. אז דער היי-פֿיש וויל ווערען חאפען, מוז ער זיך איבער קעהרען אויפֿין רוקקען, ווייל בייא איהם איז דיא מויל ניט אין פֿאדערסטען טהייל פֿון קאפ, נור פֿון אונטען. דעם היי-פֿיש גובר זיין קען מען נור דאמאלס, אז מען לאזט זיך אונטערן וואססער, אונ מען בעפֿאלט איהם פֿון אונטען. דיא אינדיאַנער זיינען גרויסע מייסטער דערצו, זייא לאזען זיך אראב טיעף אין וואססער אונטער דעם היי-פֿיש אונ שטעקען איהם אריין אַ מעססער אין בויך. דער היי-פֿיש האט זעהר אשרעקליכֿע מויל וואס איז אנגעזעצט מיט עטליכע צייליען שפיציגע אונ שארפֿע צאָהן. שווימענדיג נאך דיא שיפֿפֿען שלינגען דיא היי-פֿישען איין אלעס, וואס עס פֿאלט נור אראב פֿון שיף, אפילו לעדיגע פֿלעשער אויך.

איהר ווייסט מסתמא, אז ווען עס שטארבט אַ מענש אויפֿין שיף, איז מען איהם מקבר אין ים, ד. ה. מען בינדט צוא צוא איהם אשווערע משא אונ מען לאזט אראב אין וואססער אריין. אבער ניט אלע מאל ווערען אויך דיא טוידטע קאָרפער געשווינט פֿון דיא שרעקליכע צאָהנער פֿונ'ם היי-פֿיש.

דער היי-פֿיש שווימט ניט אליין איבער'ן ים, ער האט שטענדיג אַ געטרייען חבר וואס בעגלייט איהם אונ ווייזט איהם נאך דעם וועג אויך. זיין בעגלייטער רופֿט זיך דער לאָצמאן (מאטראס), ער איז אַ סך קלענער פֿון דעם היי-פֿיש, לעבט אונ שפייזט זיך מיט דיא ברעקליך וואס בלייבט, פֿון דעם היי-פֿיש'ס עססען. דער לאצמאן זעהעט אונ הערט בעסער פֿון דעם היי-פֿיש.

אז ער דערזעהט פֿון וויטען עפעס אַ סכנה הייבט ער זיך אן צו דרעהען אונ צו ווארפֿען. דער היי-פֿיש בעמערקט באלד דעם לאצמאנס אונרוהיגקייט אונ פארקערעוועט זיך צוריק.

דיא ים פֿאהרער דערצאָהלען זעהר אַ סך וואונדערליכע מעשות וועגען דיא רויבעריי פֿון דעם היי-פֿיש. דער היי-פֿיש, דערצאָהלען זייא, פֿאלט אן אויף דעם וואַלפֿיש אויך און קומט איהם בייא.

איין מאל זיינען אנגעפֿאלען אויף איין יונגען וואלפֿיש (קיט) עטליכע היי-פֿישען, זייא האבען איהם אזויא צוא ביסען זיינע פֿלוספֿעדערען אונ זיין ווידיל, אז בלוט האט גערונען. דער וואלפֿיש האט מיט זייא גאר ניט געקענט מאכֿען ווייל ער איז ניט אזויא פֿלינק אונ בעוועגליך וויא דיא היי-פֿישען. אין דער זעלבער צייט איז פֿערבייא געגאנגען אַ שיף. דיא מענשען

פֿון

פֿון שיף האבען געזעהן וויא דיא היי-פֿישען זיינען זאָגאַר ארויסגעשפּרונגען פֿון וואססער און זיינען אנגעפֿאלען אויף דעם וואללפֿיש פֿון אויבען. דער וואללפֿיש האט גאר ניט געוואוסט וואו-הין פֿון זייא צוּענטלויפֿען און איז ארונטער אונטער'ן שיף און האט זיך דארט בעהאלטען ביז דיא היי-פֿישען זיינען אוועקגעשוואומען.

אין דיא אקעאנען און אין דיא גרויסע מעערען לעבט נאך איין גרויססער רויב פֿיש וואס רופֿט זיך דער „שווערד-פֿיש", ווייל זיין נאז ווייזט אויס וויא אַ לאנגע און אַ שארפֿע שווערד. דער שווערד-פֿיש איז ניט קלענער פֿון היי-פֿיש און פֿאלט אָן אויף דעם וואלפֿיש צוזאממען מיט דעם היי-פֿיש. איין מעער-רייזענדער דערצעהלט, אז פֿאר זיינע אויגען האבען פֿיש איינגענומען אַ וואללפֿיש. דאס האט זיך געטראפֿען אויף דעם באַלטישען מעער, לעבן דיא העברידישע (Гебридскiе) אינזלען. עס איז דאמאלס געוועזען שטיל אויפֿ'ן ים, קיין ווינט האט ניט געבלאזען. דיא פֿאַרוסען (זעגלען) זיינען געהאנגען אויפֿ'ן שיף און האבען זיך אפֿילו קיין ריהר ניט געטהאן. ארום 2 אזייגער בייא טאג האבען דיא מעער-רייזענדע בעמערקט איין גרויסען וואללפֿיש, וועלכען זיינען בעפֿאלען 5-6 היי-פֿישען און 2-3 שווערד-פֿישען. דיא היי-פֿישען זיינען איהם בעפֿאלען פֿון אויבען און דיא שווערד-פֿישען פֿון אונטען. וויא נור דעם וואללפֿישעס רוקען האט זיך בעוויזען אויפֿ'ן וואסער, זיינען גלייך דיא היי-פֿישען אונטערגעשפּרונגען אויף אַ 3 ארשין אין דער הויך און זיינען אנגעפֿאלען אויף דעם וואללפֿיש און האבען איהם געשלאגען מיט זייערע לאנגע עקען. זייא האבען איהם אזויא שטארק געשלאגען אז מען האט געהערט דיא קלעפּ פֿון גאנץ וויט. עס האט אויסגעזעהן, וויא מען שיסט פֿון אַ ביקס, און אין דער זעלביגער צייט, וויא דיא היי-פֿישען האבען געשלאגען דעם וואללפֿיש פֿון אויבען, האבען דיא שווערד-פֿישען איהם געשטאָכען מיט זייערע שווערדען פֿון אונטען. דער ארמער וואללפֿיש האט זיך קיין ארט ניט געקענט געפֿינען וואוהין אנטלויפֿען. ער איז אבגעפֿלייצט געווארען מיט בלוט אז דאס וואססער ארום איהם איז געווארען רויט. אזויא האבען איהם דיעזע פֿיש געמאטערט עטליכע שעה. „מיט וואס האט זיך דיא מלחמה געענדיגט, האב איך ניט געזעהן, זאגט דער מעער רייזענדער, נור מסתמא האבען דיא פֿיש ענדליך פֿארט דערהרגעט דעם וואללפֿיש".

פֿיעלע פֿיש נאָהרען זיך מיט פֿליישיגע שפּייז. זייא פֿרעסען אלערליי מעער טהיערען, וואָרמליך, ראקושקעס, קליינע פֿישעליך, מיט איינעם ווארט אללע בעשעפּענישען וואס לעבען אין וואססער. איין פֿיש וואס רופֿט זיך דער „פֿיש פֿאנגער" חאפּט פֿיש אויף אזא'ן אַרט. ער פֿערגראבט זיך אין

דיא

דיא זאמד אויפֿין גרונד אונ שטעלט נאר אויס זיינע וואָנצעס. ער האט משונהדיגע וואָנצעס האס ווייזען אויס וויא וואָרם. ער ליעגט זיך אויפֿין גרונד אונ דרעהט זיך מיט דיא וואָנצעס. אנדערע פֿישען זעהען וויא אויפֿין גרונד קריעכֿען אין זאמד וואָרים, אונ זייא שווימען צוא חאפען דיא וואָרים אונ פֿאללען אריין צום „פֿיש-פֿאנגער" אין מויל.

וויא פישען פאנגען זייער רויב איבערן וואסער.

עס איז דא אזוינע פֿישען וואס חאטש אליין לעבען זייא אונטערן וואסער, דעננאך פֿאנגען זייא רויב איבער דעם וואסער. אין דיא הייסע לאָנדער געפֿינט זיך אזא מין פֿיש, וואס קענן שיסען מיט וואסער. דיעזער פֿיש רופֿט זיך „דער-שפייער". ער שווימט שטענדיג גאר פֿון אויבען אונ קוקט, טאמער וועט פֿליען איבערן וואסער אפֿליעג, אזשוק, אזומער-פֿייגעלע, וויא „דער שפייער" דער זעהט דאס, שווימט ער צוא נאָהנטער צוא דעם ארט וואו דיא פֿליעג, אדער דער זשוק דרעהט זיך ארום, אונ שיעסט אויף איהם מיט אטראפען וואסער. דיעזען טראפען וואסער שפייט ער ארויס פֿון מויל אונ אזויא קונציג, אז ער טרעפֿט שטענדיג אין ציעל אריין, וויא אגוטער שיעסער. דיא פֿליעג אדער דער זשוק פֿאלט באלד אראפ אין וואסער אונ „דער שפייער" פֿרעסט זייא אויף.

וויא פישען קריעכען אויף דער יבשה.

עס איז דא אזוינע פֿישען וואס שפרינגען ארויס פון וואסער אום צוא חאפען דיא פֿליעגעליך וואס פֿליען איבער'ן וואסער, עס איז דאך נאך אנדערע פֿישען וואס שטענדיג לעבען זייא אין וואסער, נאר זייא קענען אויף דער יבשה זוכען פֿיר זיך שפייז. אין אינדיע געפֿינט זיך אפֿישיל, וואס רופֿט זיך דער אנאבאס אדער דער קריבֿעדיגע אקען. אט דיא קליין פֿישיל קען ארויסגעהן פֿון וואסער אויפֿ'ן ברעג אונ דארטען אפ זיין עטליכֿע שעה. אין מויל בייא דער פֿישיל איז דא אזא זאָקיל (פוזיר) וואס זיא נעהמט איהם אן מיט וואסער ווען זיא וויל ארויסגעהן אויפֿ'ן ברעג. דיא זשאברעס בענעצט זיא דעמאלט מיט דעם וואסער וואס זיא האט אנגענומען אין דעם זאָקיל. דיעזע פֿישיל קען ניט נור ארום קריכען אויפֿן ברעג, זיא קריעכט אונ קלעטערט זיך אויף בוימער אויך. אנשטאט דיא פֿיס, ארבייט זיא מיט'ן ווידעל, מיט דיא פֿלום פֿעדערן, מיט דיא זשאברעס אונ האלט זיך גוט אויף דיא

בוימער

בוימער: דער אנאבאס האפט אויפ'ן ברעג פֿערשיעדענע ראקעס מיט וועלכֿע ער האדעוועט זיך.

וויא פליעגען אונ זשוקעם שפייזען זיך.

דיא פֿליעגען אונ זשוקליך, דיא בוקאשקעס אונ אלע איבעריגע אינזעקטען דארפֿען אויך זיך גענוג מיהען אויפ'ן עסען. איינינע אינזעקטען עסען נור טוידטע קערפער, אונ אנדערע דוקא לעבעדיגע. אז דיא טוידטע קאָרפער הייבען אָן פֿוילען, פֿאללען אָן אויף זייא פֿיעלע אינזעקטען (פֿליעגעלאך). צום ערשטען קומען דיא פֿליעגען וואס לאָכֿערן דורך דיא פֿעל פֿון'ם קאָרפער, נאכֿדעם דיא פֿלייש פֿליעגען, וואס לייגען אָן אויף איהם זייערע אייעלעך. אין אטאג אדער צוויי ארום קריכֿען ארויס פֿון דיא אייעלעך אַמענגע וואָרימלעך יעדער פֿליעג קאן לייגען ביז צוואנציג טויזענט אייעליך אונ פֿון יעדעם איי קריעכֿט ארויס איין וואָרימעל. דיא וואָרימליך וואקסען אזויא געשווינד אז אין אַ מעת לעת ווערן זייא גרעססר צוויי הונדערט מאל. דיא וואָרימליך פֿרעסען אויף זעהר פֿיעל פלייש אונ זעהר געשווינד. וואָרימליך פֿון אייעליך וואס דרייא פֿליעגען האבין געלייגט, קאנען אין עטליכֿע טעג אויפֿפֿרעססען אגאנצען פֿערד, פונקט וויא אַ לייב.

זשוקעם „קברים-גראבער”.

דיא פֿלייש-פֿליעגען פֿרעססען אויף דאס פֿלייש פֿון דיא טוידטע קאָרפער, אנדערע אינזעקטין דיא פֿעל, דיא האר, דיא הערנער, אונ לעקען אונ סמאקען אויס דיא ביינער. מיט איינעם ווארטע, יעדעס געפֿאללענע טהיער ווערד שנעלל פֿערצעהרט, בעזאנדערס אין דיא הייסע לאָנדער. עס איז דא אזוינע זשוקעס וואס בעגראבען דיא געפֿאלענע טהיערען אין דער ערד, דיעזע זשוקעם רופֿען זיך שוין אזויא אָן: „קברים-גראָבער”. ווען זייא געפֿינען ערגעץ אגעפגרטע מויז, אהוהן, אדער, אקאָרט הייבען זייא אָן גראבען אונטער זייא אַ גרוב, זייא גראבען צוזאממען אונ העלפֿען איינער דעם אנדערן. זייא ארבייטען זעהר פֿלייסיג, אונ טראגען ביסלאכווייז פֿון גרוב דיא אנגעגראבענע ערד. אהוהן קאנען זייא פֿערגראבען אין צווייא טאג, אמויז אין דרייא שטונדען. איינער דערצעהלט, וויא זשוקעס האבען בעגראבען אהוהן. איין זשוקל האט אויס געקייקילט פֿון ערד קוגעלאך אונ האט זייא ארויסגעטראגען פֿון דער גרוב וואס זייא האבען אונטער דער הוהן

געגראבען

געגראבען, איין אנדער זשוק האט אנגעהאפט דיא קוגעלאך אונ האט זייא ווייטער אוועקגעקייקלט. אזויא האבען דיא זשוקעס ביסלאבווייז זיך אונטער געגראבען אונטער דער הוהן; נאכדעם האבען זייא אונטער איהר הויט געלייגט אייעליך אונ פערשאטען דיא גרוב מיט ערד. דיא „קברים גראבער" שפייזען זיך אליין מיט דיא פערגראבענע פגירות אונ פערזארגען מיט דעם אויך דיא ווארימלעך וואס געהן ארויס פון זייערע אייעליך. אז דיא פגירות ליעגען פון אויבען אויף, פרעסען זייא פליעגען אונ אללע אנדערע זשוקעס אויך; דעריבער בעהאלטען זייא דיא „קברים-גראבער" אין דער ערד, קיין אנדערער זאל צוא דעם ניט קאננען צוקוממען. אגב פוילען ניט אזויא שנעלל דיא פגירות אין דר'ערד, וויא אופ'ן פרייען פעלד.

דיא קברים-גראבער ארבייטען זעהר פלייסיג אונ מיט פערשטאנד. איינער האט געזעהן, וויא דיא זשוקעס האבען געשלעפט אגעפגרטע הוהן פון איין ארט אויף דעם אנדערן. זייא האבען געפונען דיא הוהן אויף א שטיינערדיגען ארט אונ זייא האבען קיין קראפטען ניט געהאט איהר אויף יענעם ארט צוא בעגראבען. דעריבער האבען זיך צונויף געקליעבען אפולע זשוקעס צוזאממען אונ האבען אוועקגעשלעפט דיא הוהן אהינצו, וואו דיא ערד איז געוועזן אווייכע און אהן שטיינער. דיא ארבייט האט בייא זייא לאנג געדויערט, עס איז קענטיג געוועזן, אז עס איז זייא ניט גרינג אנגעקומען, נור פון דעסט וועגען האבען זייא אויסגעפיהרט זייערס אונ האבען סוף-כל-סוף איבערגעטראגען דיא הוהן וואוהין זייא האבען בעדארפט אונ האבען איהר פערגראבען. אז עס מאכט זיך זייא א צוגרויסע פגירה, צום ביישפיעל, אגעפגרטער פערד אדער אקוה — ארבעטין זייא אנדערש, זייא בייסען אפ פון דער פגירה שטיקלעך פלייש, אונ טראגען דאס אוועק אונ פערגראבען.

דיא פליעג צעצע.

איינינגע פליעגען עסען געפגרטע אונ זייגען בלוט בייא לעבעדיגע חיות. דיעזע פליעגען קאנען אלליין גרינג פערטראגען אללע פערפוילטע שפייז, אבער אז זייא גיעבען אבים אמענשען, פערפעסטען זייא איהם ביז טויד. עס האט זיך געמאכט, אז מענשען זיינען געשטארבען פון אבים וואס אשטוב פליעג האט זייא געגעבען. אנדערע אינזעקטין קאנען קיין פגירה גאר ניט עססען אונ ליעבען נאר פלייש פון לעבעדיגע טהיערען.

עס איז דא ברעמזען (אזעלכע פליעגען), וואס גיעבען זייערע קינדער אוואהנונג אונטער דער פעל פון א אכם אדער א הירש. קאמארעס, פליי, וואנצען

וואַנצען און פֿיה-ברעמזען טרינקען בלוט. אין זיד אמעריקע לעבט אַ פֿליעג וועלכע מען רופֿט „צעצע“. זיא איז ניט פֿיעל גרעסער פֿון אונזער שטוב-פֿליעג אונ וויזט גאר ניט אוים שרעקליך, אבער אין אמת ברייננט זיא זעהר פֿיעל שאדען.

פֿערד, הינד, שעפּסען אונ קיה שטארבען פֿון איהרען אַ ביס. זיא לאזט זייא אריין אונטערן פֿעל גיפֿט אין דער זעלבען צייט, וואס זיא טרינקט זייער בלוט. פֿון דיעזען גיפֿט שטארבען דיא טהיערע ניט מיט אמאל, נאר אין אצייט ארום. ווען עטליכע פֿליעגען מיט אמאל בייסען איין אַ פֿערד פגרט ער אוועק אין עטליכע טאָג ארום. פֿון איין פֿליעגס אַביס קראַנקען דיא טהיערען גאנץ לאנג איידער זייא שטארבען. צום ערשטען ווערן זייא מאגער, אויסגעדארט, דערנאך בעקוממען זייא בלוטשטורץ. פֿאַר דעם טויד ווערען זייא געשוואלען, הערען אויף צוא זעהן אינ שטארבען אוועק. דער גיפֿט פֿון דער פֿליעג צעצע ווירקט איבעריגענס, ניט אויף אלעמען. ווילדע חיות אונ אייזלען שאַדט ניט דער ביס פֿון דיעזער פֿליעג.

גאנצע וואָלקענס פֿון קאמארעס.

אַ קאָמאַר איז פֿיר דעם מענשען ניט געפֿאָהרליך, נאר אמאל בעווייזען זיך אויף איין ארט אזויא פֿיעל קאמארען, אז דער מענש קאן זיך בשום אופֿן פֿון זייא ניט אבוועהרען. — אין דיא זומפּען פֿון ארחאנגעלסקער גובערניע איז זומער אונמאָגליך צוא לעבען איבער זייא. סיי טהיערען, סיי מענשען אנטלויפֿען פֿון דארט, וויא עס קומט אן דער זומער. אנדערע יאהרען ווייזען זיך אזויא פֿיעל קאמארען, אז עס איז גאר ניט משער צוא זיין. אין 1813-טען יאהר, למשל, האט זיך געמאַכט אזא מין מעשה אין ענגלאנד. עס איז געוועזן אין כאנאט מאיי, ווען דיא קאמאַרעס היבען נאר אן זיך בעווייזען אויף דער וועלט. מיט אמאל האבען דיא איינוואהנער פֿון דער שטאדט נאריטש דערזעהען אויף דעם הימעל אַ געדיכטען רויך. פֿון וויטען האט אויסגעוויזען, אז דער רויך שלאגט פֿון אונטערן דאך פֿון דער קאַטהעדראל-קירכע. עס איז געווארען אַטומול אונ מען האט גענומען לויפֿען צוא דער קירכע לעשען דיא שרפֿה. באלד איז מען אבער געוואהר געווארען, אז עס האט גאר ניט אנגעהויבען צוא ברענען, אונ אז דער געדיכטער רויך, וואס האט זיך אלעמען אבגעדאַכט איז געוועזן אגאנץ גרויסע מחנה קאָמאַרען, וואס זיינען דורכגעפֿלייגען איבער דער שטאדט. אין דעם 1766-טען יאהר האבען זיך אמאל אין אקספֿארד (אויך אין ענגלאנד) בעוויזען אזויא פֿיעל קאמארען אז זייא האבען אויסגעוויזען וויא

אשווארצער

אַ שוואַרצער וואלקען. זייא זיינען געפלויגען גאַנץ הויך און האבען פערשטעלט די זון, צוליעב וואס עס איז געוואָרען פינסטער.

אין אלטע פאַרצייטיגע ביכער דערצעהלט זיך, אַז אויף דעם פערסישען קיסר סאַפאָרן זיינען אנגעפאלען קאמארען אין דער צייט ווען ער האט בעלאַגערט אַ געוויססע שטאדט. די קאמארען זיינען אנגעפאלען אויף זיין גאַנצען מיליטאֶר: אויף מענשען, פערד, עלעפאַנטען און אויף די לאַסט-טהיערען, אללע האבען פון די קאמארען אַזויא פיעל געליטען, אַז דער קיסר האט געמוזט צונויף קלייבען זיינע מיליטאֶר און אוועקגעהן פון דאָרט. די קאמארען האבען איהם בעזיעגט.

„טרייבער-מוראשקעס"

אין וועסט-אַפריקא לעבט אבעזונדערער סאָרט מוראשקעס, מען רופט זייא „די-טרייבער". זייא פערטרייבען אלע בעשעפענישען. זייא פרעססען אויף ניט אַזויא קליינע, אבער אפילו גרויסע טהיערע. פיעל מאָל האט געטראָפען, אַז די „טרייבער-מוראשקעס" האבען זאַגאַר אבעזיאנעס אויס-געראַמט. זייא פערקלייבען זיך אין שטאַלען און טייטען אויס די בהמות, וואס שטעהען דאָרט. הײמישע עופות פערטיליגען זייא גאר אהן אצאָהל. זייא בעגעהען זיך מיט זייער רויב אויף אַזאַ'ן אַרט, וויא מיר בעשרייבען דא אונטען.

טרייבער-מוראשקעס האבען אמאָל געהאַפט אַ הוהן. זייא זיינען איהר בעפאלען פון אלע זייטען און גענומען בייסען. די הוהן האט זיך נעביך געוואָרפען אהער, אהין, געקלאפט מיט די פליגלען, אבער זיא האט מיט די מוראשקעס גאר ניט געקאָנט מאַכען. זייא זייען געוועזען גאר אהן אַ צאָהל און עס איז אונמאָגליך געוועזען זייא בייצוקוממען. אַז די הוהן איז געפגרט, האבען זיך די מוראשקעס צוטהיילט אויף צוויא פאַרטיעס. איין פאַרטיע מוראשקעס האבען גענומען מאַכען אַוועג צוא זיך אין נעסט אריין. זייער נעסט איז געוועזען וויט פון דאָרטען נײנציג קלאַפטער. די מוראשקעס האבען אבגעראַמט און אויסגעגלייכט די גאַנצע לאַנגע וועג. אין דערזעלבען צייט האט זיך די אנדערע פאַרטיע מוראשקעס בעשעפטיגט מיט דער הוהן. פריהער פון אלעם האבען זייא איהר גענומען אבפליקען די פעדערען. צום ערשטען האבען זייא אבגערייניגט די קאָפּיל, נאָכדעם די האלז, די טולע און די פיסלעך, ענדליך האבען זייא איהר אין גאַנצען אַזויא ריין ארומגעפליעקט, אַזויא וויא עס וואלט געמאַכט אמענש. אַז זייא האבען דאס אבגעטאהן, האבען זייא גענומען טהיילען די הוהן אויף שטיקליך. דאס

האט

האט בייא זייא לאנג געדויערט, און דערנאך האבען זייא שטיקליכוויז די גאנצע הוהן אריבער געשלעפט צוא זיך אין מוראַשניק.

די „טרייבער-מוראשקעס" טיידטען אפילו שלאנגען אויך. צום ערשטען קריעכען זייא ארויף אויף דעם שלאנגס קאפ און נעהמען איהם בייסען די אויגען. אז זייא צוא בייסען איהם די אויגען און ער ווערד בלינד, נעהמען זייא זיך צוא זיין קערפער און עסען איהם אויף שטיקליך וויז לעבעדיגערהייט.

מענשען האבען זעהר מורא פאר די מוראשקעס פון דעם סארט. ווי מען דער הערט נור אין אַ דארף, אז עס זיינען אנגעקוממען די „טרייבער-מוראשקעס" אזוי הייבען אן פון דארט קליין און גרויס צוא ענטלויפען. מענשען קאנען אויך מיט זייא גאר ניט מאכען.

ווי די וועספע געהט אויף געיאג.

אנדערע אינזעקטען קאנען זעהר גוט געהן אויף געיאַג. די וועספע האפט איינע אליין גריללען, האטש דער גרילל איז פיעל גרעסער פון איהר. זי טיידט איהם ניט, זי בייסט איהם נאר איין מיט איהר שטאַכעל אין סאמע מאַרך, דער גריללן שטארבט ניט דער פון, נאר ער פאללט אין אהנמאַכט (חלשות). ער בלייבט אזוי ליעגען אונבעוועגליך, ביז עס עסען איהם אויף די רויפען (ווערימליך וואס דער נאך ווערד פון זייא אַ וועספע) פון דער וועספע. קיין טוידטע גריללען עססען ניט דיעזע רויפען. דעמזעלבען קונץ מאכען די וועספען מיט שפינען אויך. איינער האט געזעהן, ווי אַ וועספע איז צוגעפלויגען צוא אַנעסט פון אַשפין, האט זיך אבגעשטעלט בייא דעם אריינגאנג פון דעם נעסט און האט גענומען דרעהען מיט איהרע וואַנציליך, פונקט ווי זי וואלט בעטען דעם שפין, ער זאל צוא איהר ארויסגעהן. פון נעסט איז ווירקליך ארויס געשפרונגען אגרויסער שפינן, צוא זעהן וואס דארט טהוט זיך. ווי נאר ער האט זיך בעוויזען, איז אויף איהם ארויפגעפאללען די וועספע און האט אין איהם אריינגעשטאכען איהר שטאַכעל. דער שפין איז באלד אראפגעפאלען אויף דער ערד. נאכדעם איז די וועספע אריינגעקראכען צום שפין אין נעסט און האט דארט אויסגעהרגעט אלע קליינע שפינען, וועלכע זי האט איינציג ווייז איבערגעטראגען צוא זיך אין נעסט אריין.

נאך איינער דערצעהלט, ווי אַ וועספע האט זיך געיאגט ארום אַ שפין. פריהער האט זי איהם ארויסגעטריבען פון זיין נעסט. דער שפין איז ענטלאפען פון איהר און האט זיך בעהאלטען הינטער דעם אויסאַק פון פענסטער. די וועספע איז אויך באלד צוגעפלויגען צום פענסטער,

און

און גענומען לויפֿען הין און צוריק, פונקט וויא אהונד וואס שפּיהרט אויס דיא שריט פֿון אַ טהיער. עס האט פֿיעל ניט געדויערט, און דיא וועספּע האט אויסגעזוכֿט דעם שפּין. ער איז וויטער אַנטלאָפֿען און האט זיך בעהאלטען אונטער אַבעט, נור דיא וועספּע האט איהם דארט אויך געפֿונען און גענומען שטעכען מיט איהר שטאכֿעל. דער שפּין האט זיך ארויסגעריסען פֿון איהר און איז וויטער ענטלאָפֿען. דיא וועספּע איז איהם אבער נאך־געפֿלויגען און האט איהם געיאגט פֿון איין צימער אין דעם אנדערן, ביז זיא האט איהם פֿערטריבען אין אַווינקיל. דארט האט זיא שוין פֿון איהם געמאכֿט אסוף. דער נאך האט זיא איהם גענומען מיט איהרע אונטערשטע פיסליך און איז מיט איהם אוועקגעפֿלויגען צוא זיך אין נעסט אריין.

וויא דיא שפּינען גייען אויף געיעג.

דיא שפּינען פֿון זייער זייט האָפּען זייער קונציג פֿליעגען. צוא דיעזעם צוועק פֿלעכֿטען זייא אויס שפּינוועבס, וואס וויזט אויס וויא ציוג און אמאל עכֿט וויא אנעטץ. ניט וויט פון דיא שפּיננוועבס, געפֿינט זיך דעם שפּין'ס נעסט, דארט זיטצט ער אוןווארט אויף זיין רויב. פֿון דיא שפּינוועבס ציעהט זיך צוא איהם אין נעסט אריין אַ דינער פֿאָדימיל. וויא אַ פֿליעג ריהרט זיך נור אָן דיא שפּינוועבס אָן, אזויא טוהט זיך דיא שפּינבוועבס אטרייסעל און דער פֿאָדימיל טהוט זיך אשלעפּ. דערפֿון דערוויסט זיך גלייך דער שפּין, דאס אין זיינע שפּינוועבס איז ארייגעפֿאלען אפֿליעג.

דער גארטען־שפּין פֿלעכֿט זעהר קונציג זיינע שפּינוועבס. ער זעהט זיא זאל זיין וואס גרעסער און וואס שטארקער. ער פֿלעכֿט צונויף פֿינף, זעכס פֿאָדימליך אין איינעם, כדי אגרויסע פליעג זאל זיא ניט קאנען איבערייסען. דער שפּין ווארפֿט אריבער זיינע שפּינוועבס פֿון איין בוים אויף דעם אנדערען. אַלאנגע צייט האבען מענשען ניט פֿערשטאנען, וויא ער מאכֿט דאס. נור היינט וויים מען שוין. ער מאכֿט דאס אויף עטליכֿערליי אופֿנים. ער קלעפּט צונויף פֿון שפּינוועבס אקניילכֿיל און בעפֿעסטיגט איהם שטארק צוא דיא שפּינוועבס. דער ווינט חאפּט אָן דעם קניילכֿעל און טראגט איהם אפּ אָן אזייט. דער קניילכֿיל פֿערצעפּעט זיך ערגעץ אָן אַ בוים. מעהר וויא דאס דארף דער שפּין ניט. איבער דיא שפּינוועבס, אזויא וויא איבער אבריק, געהט ער אריבער אויף דעם נייען בוים און דארט וועבט ער וויטער שפּינוועבס. עס טרעפֿט אויך אמאל, אז ער בעגעהט זיך גאר אהן אקניילכֿיל. ער לאזט זיך אליין אראב פֿון דיא שפּינוועבס און בלייבט אזויא הענגען ביז דער ווינט ווארפֿט איהם ארויף אויף איין אנדער בוים.

אמאל

אמאל קלייבט זיך איבער דער שפין פֿון איין בוים אויף דעם אנדערן ניט אין דער לופֿטען, נור פשוט געהענדיג איבער דער ערד. מען האט בעגעגענט שפינוועבס פֿון זיבען קלאַפֿטער דיא לאַנג. אויף דעם אינזעל יאַוואַ וועבען אוים אנדערע שפינען אזא שטארקע שפינוועבס, אז עס פֿער-פלאנטערן זיך אין איהר אפֿילו קליינע פֿייגעלעך.

ווען דער שפין זעהט, אז זיין געוועב איז שלעכט אנגעצויגען, ציעהט ער איהר אָן שטייפֿער דורך קליינינקע שטיינדעלעך וואס ער הענגט אָן אויף דיא ברעגעס. איינער דערצעהלט, אז ער האט געזעהן, וויא אַ שפין האט שטייפֿער אנגעצויגען זיין געוועב. צום ערשטען האט ער זיך אויף אדינעם פֿאָדימעל אראבגעלאזען אויף דער ערד און האט אויפֿגעהייבען אקליין שטיינדעלע, דערנאך האט ער זיך צוריק אויף געהייבען צוזאמען מיט דעם שטיינדעלע און האט איהם אנגעהאנגען צום אונטערשטען ברעג פֿון זיין געוועב.

דער שטיינדעלע איז געהאנגען אזויא הויך אז מענשען האבען געקענט דורך געהן אונטער איהם און איהם ניט פֿערצעפען.

איין שפין האט אמאל געמאַכט זיין געוועב צווישען צוויי סלופעס און האט דעם אונטערשטען עק צוגעבונדען צוא אַ ניעדעריגען ביימעל. ער האט אבער איהם צוא נידעריג צוא געבונדען און מענשען פֿלעגען איהם ניט ווילענדיג איבעררייסען. דעריבער האט זיך דער שפין מישב-געווען און אויפֿגע-הערט צוא צובינדען צום ביימעל. אנשטאט דעם האט ער גענומען אקליין שטיינדעלע און האט איהם איינגעוועבט אין זיין געוועב. דער שטיינדעלע האט מיט זיין געוויכט ניט ערגער וויא פֿריהער אנגעצויגען דאס שפינוועבס.

בייא איין זייגער מאַכער איז פֿערפֿאללען געווארען אגאלדענער רינגעלע. דער זייגער-מאַכער האט גענומען זוכען, דאַן האט ער געפֿונען דעם רינגעלע איינגעדרעהט אין שפינוועבס אויפ'ן באלקען. דער שפין האט געגנבעט פֿון טיש דעם רינגעלע און האט איהם איינגעדרעהט אין זיין געוועב אנשטאט אשטיינדיל.

ניט שטענדיג עסען אויף דיא שפינען דעם רויב גלייך, וויא זייא האפען איהם. אָפֿט לאזען זייא עס איבער אויף שפעטער. אנדערע שפינען מאַכען צוליעב דעם בעזונדערע שפייכלערין און בעהאלטין דארט דעם רויב. איינער האט געזעהן, וויא אקליין שפין האט איבערגעטראגען צוא זיך אין שפייכלער אַ פֿליעג, וואס איז געווען פֿיעל גרעסער פֿון איהם. צום ערשטען האט ער פֿערוועבט מיט שפינוועבס דיא פֿליעגס קאפּ, נאכדעם איהר עק, דער נאך האט ער איבערגעביסען דיא שפינוועבס בייא דיא פֿליעגס קאפּ. דיא פֿליעג האט זיך דאן איבערגעקולעט און געבליעבען היינגען מיטין קאפּ אראב. יעצט האט דער שפין ווידער פֿערוועבט דיא פֿליעגס קאפּ און האט שוין

איבערגעביסען

איבערגעביסען דיא שפּינוועבס לעבען דיא פֿליעגס עק. דיא פֿליעג האט זיך וויטער איבערגעקעהרט אונ זיך אראבגעלאזען נאך נידעריגער. אט אזויא האט דער שפּין ווידערהאָלט עטליכֿע מאל, ביז ער האט געבראכֿט צושלעפּען דיא פֿליעג צוא זיך אין שפּייכֿלער אריין.

אז עס מאכֿט זיך, אז צום שפּין אין נעטץ פֿאלט אריין אַ צוגרויסע פֿליעג, אַביען אדער אַ וועספּע, וואס ער וויס, אז ער וועט איהר ניט בייא קומען, לאזט ער איהר וואס גיכֿער פֿרייא.

מען האט פֿיעל מאל געזעהן, וויא דער שפּין האט אליין איבערגעביסען דיא שפּינוועבס, כדי דיא פֿערפּלאנטעטע פֿליעג זאל וואס גיכֿער פֿרייא ווערין פֿון זיין נעטץ.

עס איז דא אזוינע שפּינען, וואס פֿלעכֿטען ניט קיין נעטצען. זייא לויפֿען פּראסט ארום איבער דער ערד אונ חאפּען רויב, וואו עס מאכֿט זיך. זייא רופֿען זיך דערויבער אָן בראָדיאַגעס. אנדערע שפּינען מאכֿען זיך אבעהאָלטעניש, פֿון וואנען זייא לויערן אויף רויב. זייא דרעהען צונויף אַ בלעטעלע פֿון וואס עס איז פֿיר אבלום, קלעפּען צונויף זיינע עקען מיט שפּינוועבס, זעטצען זיך אריין אינעווענינ אונ ווארטען אויף רויב. וויא עס קריעכֿט נאר פֿארבייא אַ פֿליעגעלע, פֿאלט דער שפּין אויף איהר גלייך ארוף אונ טיידט איהר. עס איז דא אזוינע שפּינען, וואס בעהאלטין זיך אין דיא בלומען גופֿא אונ פֿאנגען דארט פֿליעגען.

אין דיא הייסע לאֶנדער פֿון אמעריקע לעבט אגרויסער סארט שפּינען, וואס מען רופֿט זייא „דיא פֿייגיל-פֿרעסער״. דיעזע שפּינען זיינען לאנג כמעט אַ האלב ארשין. איינער וואס האט גערייזט איבער אמעריקע דערצעהלט, אז ער האט אַמאל געזעהן אויף אבוים אגאנץ גרויסען האָריגען שפּין. דער קאֶרפּער אונ דיא פיס פון שפּין זיינען געוועזען בעדעקט דורכאויס מיט האר. דער שפּין איז געוועזען פערטהאָן אין זיינע שפּינוועבס. „איך בין צוגעגאנגען נאֶהנטער, דערצאֶהלט דער רייזענדער, אונ איך האב דערזעהן אז צווייא קליינע פֿייגעליך זיינען געלעגען פֿערפּלאנטעוט אין דיא שפּינוועבס. דיעזע פֿייגעליך זיינען געוועזען גרוים וויא אַ ציזיק אונ דעננאך האבען זייא ניט געקאנט צעררייסען דיא שפּינוועבס. איינע איז שוין גיוועזן טוידט. דיא אנדערע איז געלעגען אונטער דעם שפּין קוים אלעבעדיגע. דער שפּין האט זיא בעשפּייט מיט זיין קויטיגער סלינע. איך האב אוועקגעטריבען דעם שפּין אונ צוגענוממען דיא פייגעלע, אבער זיא איז באלד געשטארבען״.

וויא טהיערען שיטצען זיך.

טהיערען, וואס נאָהרען זיך מיט פֿלייש, קאנען דאס זעהר געשיקט בעקוממען. ניט יעדעס טהיער קאן פֿון זייא ענטלויפֿען. אבער אללע טהיערען וויא קליינע אזויא גרויסע, לאזען זיך ניט גלייך געהמען אונ שטרייטען פֿיר זייער לעבען ביז דעם לעצטען טראפּען בלוט. דאס לעבען איז אללעמען טהייער אונ קיין טהיער גיעט ניט אוועק איהר לעבען אומזיסט.

יעדעס טהיער קאן בעשטעהן פֿאר זיך, אונ ווענדט אָן אללע קראַפֿטען זיך צוא רעטען פֿון איהר פֿיינד. ווער עס רעטעט זיך מיט זיינע גרינגע אונ לויפֿענדיגע פֿיס, ווער מיט זיינע שאַרפֿזיכטיגע אויגען, ווער דערמיט, וואס ער דער הערט גוט, דערשמעקט באלד, אונ ווער מיט וואס אנדערס. דער יאַזיק רעטעט זיך מיט זיינע נאדלען: אז ער דערפֿיהלט נאר אַגעפֿאהר, דרעהט ער זיך צונויף ווייא אַקנויל, דעמאלט וועט איהם שוין קיין וואלף, אונ קיין הונד ניט אנריהרען.

דער האז רעטעט זיך מיט זיין לויפֿען, ער לויפֿט אזויא גיך, אז קיין וואלף קאן איהם ניט דעריאגען. אויסער דעם, אבוואהל דער האז איז אַ שרעקעדיגער, איז ער דאך געשיידט אונ פֿלינק, ער קאן אזויא פֿער-פלאנטערן זיינע טריט, אז עס וועט ניט זיין קענטיג וואוהין ער איז ענטלאָפֿען. איין האז, וואס האט דערזעהן, אז נעבען זיין נארע דרעהען זיך ארום הינד אונ שפיהרען איהם, איז אליין ארויסגעלאָפֿען פֿון זיין לאך אונ איז אריין גע-שפרונגען אין וואססער: ער האט פֿערשטאנען, אז דיא הינד וועלען אונטערן וואססער זיינע טריט ניט געפֿינען. איין אנדער האז האט נאך מעהר פֿערשטאנד בעוויעזען. נאך איהם האבען זיך נאך געיאגט הינד. ער איז געלאָפֿען ווייא ער האט נאר געקאנט. ער האט שוין אבער מעהר קיין קראַפֿטען ניט געהאט צוא לויפֿען. מיט אמאָל האט ער דערזעהן אויף'ן וועג אַ נאָרע פֿון איין אנדער האז. ער האט ניט געמאכט קיין ישוב ודעת אונ איז גלייך ארייגגעלאָפֿען אהין. דאָרט איז געזעסען דער ווירטה פֿון דיא נארע, אבער אונזער האז האט איהם ארויסגעטריבען. דיא הינד האבען פֿון וויטען בעמערקט, אז עס איז אריינגעלאָפֿען אין נארע אַ האז אונ באלד צוריק ארויס געלאָפֿען, אונ האבען ניט פֿערשטאנען, אז דאס איז צוויי בעזונדערע האזען. זייא האבען זיך געלאזט יאגען נאך דעם ענטלאָפֿענעם האז, אונ צוא דער נארע זיינען דיא הינד גאר ניט צוגעגאנגען. דער ערשטער האז איז זיך אזויא געבליעבען אין נארע. דאָרט האט ער זיך אבגערוהט אונ איז אוועק צוא זיך אהיים. אדריטער האז האט זיך גערעטעט פֿון הינד דערמיט, וואס ער איז אריין געלאָפֿען אין אַ שטאלל פֿון שאָפֿסען אונ האט זיך צווישען דיא שאָפֿסען

בעהאלטען

בעהאלטען. אמאל, וויעדער, האבען הינד געיאגט אהאז. זייא האבען איהם שוין כמעט געהאפט, מיט אמאל האט ער זיך אַ ווארף געטהאָן צוא אסטאדע שאֶפסען, אונ איידער דיא הינד האבען זיך ארומגעזעהן, איז ער דורכגעקראכֿען בייא דיא שאֶפסען צווישען דיא פֿים אונ האט זיך בעהאלטען אין סטאדע. ניט דיא פאסטוכֿער, ניט דיא הינד, ניט דיא יאֶגער האבען איהם געקאנט פֿון סטאדע ארויסטרייבען. דיא שאֶפסען האבין זיך דערשראקען אונ גענומען לויפֿען, דער האז איז אויך געלאפען מיט זייא, אבער פֿון סטאדע איז ער ניט ארויס.

פֿיעל טהיערען זיינען זיך מציל פֿון טויד דורך ליסטיגקייט אונ פערשטאנד. אנדערע רעטען זיך מיט זייערע שפיציגע צאֶהנער אונ שארפֿע הערנער. אללע ווייסען וויא געפֿאֶהרליך עס איז דאס געיאֶג אויף דעם ווילדען חזיר. ער האט זעהר שארפֿע צאֶהן מיט וועלכֿע ער קאן זיך זעהר גוט בענוטצען. זיין שטייגער איז אבים צוגעבען זיין פֿיינד מיט דיא שפיטציגע צאֶהנער אונטען אין פֿוס אדער אין בויך. מעהר וויא אללע ליידען אויפֿין געיאֶג פֿון ווילדע חזירים דיא הינד. אלטע אונ שטארקע ווילדע חזירים האבען קיין מורא ניט אנצופֿאלען אויף פֿערד אונ אויף מענשען אויך.

אין אמעריקע לעבט אקליינעס שאֶנעס טהיערלע. דיעזעס טהיערלע איז עטוואס גרעססער פֿון אונזער קאטץ, נאר דיא לאפעס זיינען בייא איהר קירצער וויא בייא אקאטץ. צאֶהנער האט עס געוואֶהנליכֿע אונ זיינע נעגעל זיינען אויך ניט קיין געפֿאֶהרליכֿע. עס איז, דוכֿט זיך, ניט דא פֿיר וועמען מורא צוא האבען. דעננאך שרעקען זיך אללע פֿאר איהם, סיי מענשען, סיי טהיערען. דיזע טהיערלע אליין פֿערקעהרט איז גאר ניט קיין שרעקענדיגע עס האט קיין מורא ניט אפֿילו צוצולאזען גאר נאהענט צוא זיך. איין אמעריקאנער דערצעהלט, אז זיין קאֶבֿין האט עטליכֿע טאג נאך אנאנד בעמערקט אז אין קעלער ווערד בייא איהר פֿערפֿאללען פֿלייש. אין אנפֿאנג האט זיא געמיינט אז דאס איז דיא קאטצס ארבייט. זיא האט פֿערשפאַרט אונ פֿערשטאָפט אלע אֶרטער פֿון וואנען דיא קאטץ וואלט געקענט דורך קריעכֿען אין קעלער אריין, נור דאס האט אבער ניט געהאלפֿען. דעמאלט האט זיא זיך בעשלאסען אבצוהיטען דעם גנב. איין מאל ביינאכט האט זיא דערהערט, אז אין קעלער קלאפט עפעס, זיא איז אראב געגאנגען אקוק טהאן, וואס איז דארט אזעלכֿע, האט זיא דערזעהן אקליין חיה'לע, וואס איז געוועזן גרויס וויא אקאטץ. דער רוקען איז בייא דיעזע חיה'לע געוועזן אווייסער, אליין איז זיא געוועזן טונקעל-ברוין; דיא מארדע אויסגעצויגען. דיא חיהלע איז זיך געזעסען אונ האט רוהיג געקוקט אויף דיא קאֶבֿין. דיא קאֶבין האט ניט געוואוסט וואס דאס איז פֿיר אמין חיה. זיא האט געחאפט אשטעקין אונ האט איהר געגעבען אזעטץ, אין דער זעלבער מינוט האט זיך

דיא

דיא חיה׳לע אומגעקעהרט צוא איהר מיטן הינטען אונ האט איהר אשפריטץ געגעבען מיט עפעס גלייך אין פנים אריין. באלד איז געווארען אין קעלער אזא שטינקעריי, אזא שווערער גערוך, אז עס איז געוועזען דערשטיקט צוא ווערען. דיא קאַבין איז באלד ארויסגעלאָפען פֿון קעלער אונ איז אריין אין שטוב. אבער עס האט פֿון איהר אזויא געשטונקען, אז מען האט איבער איהר געמוזט פֿון שטוב ענטלויפֿען. דיא ארימע קאָבין האט זיך נעביך געוואשען אונ געזייפֿט אונ עס האט קיין זאך ניט געהאָלפֿען; זיא איז זאגאַר געלעגען עטליכע טאג קראנק. אלע שפייזען, וואס זיינען געשטאנען אין קעלער האט מען געמוזט ארויס ווארפֿען — אזויא האט פֿון זייא געשטונקען.

דיא שיינע חיה׳לע האט מען אנאמען געגעבען וויא זיא האט פֿערדיענט מען רופט זיא „דיא-שטינקערין". נעבען עק האט זיא אזעלכע זאָקליך, פֿון וועלכע זיא קאן שפריצען מיט זעהר אשטינקעדיגע פֿליססיגקייט. דורך דעם רעטעט זיא זיך פֿון איהרע פֿיינד. זאָגאַר טהיערען קאננען ניט פֿער טראגען דעם שווערען גערוך פֿון דיעזער פֿליססיגקייט. אַ רייזענדערד ערצעהלט, אז איהם האט זיך אמאל געמאַכט צונאָכטיגען אונטערוועגס אויף אַ הויף אונטערן פֿרייען הימעל. אויפֿ׳ן הויף איז געלעגען אגעקוילעטע שאָפֿס. בייא נאַכט איז פֿערקראָכען אין הויף דיא שטינקערין. דער הונד האט זיא דערזעהן אונ האט איהר ארויסגעטריבען. מיט אמאל איז געווארען אויפֿ׳ן הויף אזא שטינקעריי, אז דער רייזענדער האט געמיינט, אז אט ווערט ער דערשטיקט, אפילו דיא קיה האבען גענומען שרייען מיט אללע קראַפֿטען. דיא פֿערשפריצטע הינד האט מען עטליכע טאָג אין הויף ניט אריינגעלאזען.

אין דיא אָקעאַנען לעבען אזוינע וואָרים, וועלכע מען רופֿט דיא טינטען-פֿיש. בייא דיעזע וואָרים אין בויך איז דא אזא זאָקעלע וואס איז פֿול מיט שווארצע פֿארב. אז עס מאַכט זיך, אז זייא דארפֿען זיך רעטען פֿון אַ פֿיינד וואס שווימט זייא נאך אונ וויל זייא חאפּען, גיסען זייא ארויס דיא שווארצע פֿארב פֿון זאָקעל. דאס וואססער ווערט דערפֿון אזויא שווארץ, אז דעם פֿיינד איז אין אזא וואססער אונמאָגליך צו זעהן דיא טינט-פֿיש.

וויא טהיערען העלפֿען זיך איינער דעם אנדערן אונ שיטצען זיך מיט אלגעמיינע קרעפֿטען.

פֿיעל חיות רעטען זיך פֿון זייערע פֿיינד מיט אללגעמיינע קרעפֿטען. אנדערע טהיערען זיינען איינציג וויים גאר ניט שטארק אונ שרעקליך, נאר צוזאממען מיט איבעריגע קאָנען זייא זיך רעטען פֿון דיע גרעסטע רויבער אונ אמאל נאך אפֿילו איין נעהמען זייער פֿיינד, וואס איז גראָססער אונ שטארקער

שטארקער פֿון זייא. ווער וואללט גלויבען, אז קראָליקעס קאננען טוידטען אשטשור? עס איז אבער דאך אזויא. איינער דערצעהלט: „איך האלט בייא זיך אין שפּייכלער 30 אַזיאַטישע קראָליקליך. ניט לאנג האבען שטשורעס צוביסען עטליכֿע קראליקליך. אויף מארגען, אריינגעהענדיג אין שפּייכלער, האט מיין דיענער בעמערקט, אז אלע קראליקעס האבען זיך צונויף גע-שפּארט אין איין קופּקעלע אין אַווינקעלע. אז איך בין צוגעגאנגען צוא זייא נאֶהענטער, האב איך דערזעהן לעבען זייא צווייא" שטשורעס. איינער איז שוין געווען טוידט. דער אנדערער איז געוועזען צוביססען אונ צוריססען אונ קוים קוים אלעבעדיגער; ער האט שוין קיין קראֶפֿטען ניט געהאט אוועק צוגעהן פֿון ארט".

צווישען אייגענע אונ פֿריינדע איז פֿיר טהיערען, אזויא וויא פֿיר מענשען, אפּילו דער טויד אנגענעהם. צווישען אייגענע איז יעדעם טהיער מוטהיגער אונ קאן זיך בעסער שיטצען געגען פֿיינדע.

דיא אמעריקאנישע בופֿעל-אָקסען שיטצען זיך אויסגעצייכֿענט געגען וואָלף. אז זייא דערשמעקען, אז וואָלף געהען, קלייבען זייא זיך צוזאמען אין איינעם. דיא שלאָפּערע אונ דיא קאָלבער פֿעררוקען זיך אין רעכֿטען מיטען פֿון סטאדע אונ דיא שטארקסטע שטעלען זיך ארום אונ ארום מיט דיא הערנער פֿאראוים. דעמאלט קאננען דיא וואָלף אפּילו ניט צוטרעטען צוא זייא. ווילדע חזירים געהען אויך ארום סטאדעס-וויים אונ שיטצען זיך צוזאממען געגען זייערע פֿיינד. איין ענגלאֶנדער האט בעגעגענט אין וואלד אסטאדע ווילדע חזירים. זייא זיינען געשטאנען וויא אַ ראד, דיא קלענערע אין מיטען אונ דיא גרעסערע ארום אונ ארום מיט דיא קאֶפּ פֿאראוים. ער האט בעמערקט, אז נעבען דער סטאדע האט זיך ארומגעדרעהט אוואלף, וואס האט מיט אלע מעגליכֿקייטען געוואלט זיך אריין חאפּען אין סטאדע אונ אוועק שלעפּען אַחזיריל. דער ענלאֶנדער האט בעדארפֿט אוועק געהן. אין אשעה ארום איז איהם אויסגעקומען ווייטער דורך געהן פֿארביי דעם אייגענעם ארט. דיא חזירים זיינען שוין ניט געווען דעמאלט אונ אויף דער ערד איז געלעגען דער וואלף אצוריסענער אויף שטיקער. איין אנדער יאֶגער דער צאֶהלט, וויא היימישע שוויינען האבען זיך געשיטצט געגען צווייא וואָלף. דיא שוויינען האבען זיך אויסגעשטעלט וויא אקלין מיטין שפּיטץ פֿאראוים אונ זיינען מיט האַסט אנגעפֿאלען אויף דיא וואָלף. איין וואלף איז ענטלאפֿען אונ דער אנדערער האט זיך צוגעשפּארט צוא אבוים. ער האט געוואלט אריבער שפּרינגען איבער דיא חזירים, אבער עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. דיא שוויינען האבען איהם אניעדערגעווארפֿען אונ צוריסען.

טאבונעס פֿערד שיטצען זיך אויך אויף דעם אופֿן פֿון וואָלף. דיא

גרויסע אזיאטישע בופֿעל-אָקסען קאנען בייקוממען אפֿילו דעם שרעקליכען טיגער. אז אטיגער פֿאלט אן אויף אבופֿעל-אקס לויפֿען צוא דיא איבעריגע בופֿעל-אקסען אונ טרייבען געשווינד אוועק דעם טיגער. זאָגאַר דיא פאסטוכער וואס פֿיטערען דיא בופֿעל-אקסען האבען קיין מורא ניט זייא צוטרייבען טיעף אין וואלד, ווייל זייא ווייסען זעהר גוט, אז דיא בופֿעל-אקסען וועלען זייא שוין שיטצען געגען דעם טיגער.

איינער דערצעהלט, אז אמאל איז אטיגער אנגעפֿאללען אויף אפאסטוך פֿון בופֿעלאקסען. אבער וויא זייא האבען נור בעמערקט, אז זייער פאסטוך איז אין געפֿאהר מיט דעם לעבען, האבען זייא אלע זיך אוואָרף געטהון צום טיגער, וועלכען זייא האבען ארויפֿגענוממען אויף דיא הערנער אונ גענומען ווארפֿען איינער צום אנדערן וויא אפילקע. זייא האבען איהם אזויא צוקיילט אונ צובײלט אז ער איז אויף'ן ארט געפֿאללען טוידט. נאך ארייזענדער דערצעהלט, אז ער האט געזעהן וויא אסטאדע בופעל-אקסען האבען זיך מיט גרויס כעס נאך געיאגט נאך אטיגער אונ וויא זייא האבען איהם לאנג געזוכט צווישען דיא בוימער וואוהין ער איז אנטלאפֿען.

פֿייגלען פֿערשטעהען אויך זיך צושיטצען געגען פֿיינדע מיט אַללגעמיינע קרעפֿטען. איין מאל זיינען שווארצע דראָזדען (אזא מין פויגעל) בעפֿאלען אקאטץ, וואס האט זיך בעהאלטען אין קוסטעס. דיא קאטץ האט זיך קיין ארט ניט געפֿונען פֿון זייא. דיא דראָזדען האבען איהר געפיקט, געצופט אונ געשלאגען מיט דיא פֿליגעל. דיא קליינע וועבער-פֿייגעליך שיטצען זיך אויף דעמזעלבען אַרט געגען אבעזיאנעס. דיא מעער-שוואלבען פֿאלען אָן צוא-זאממען מיט אגאנצע סטאדע אויף דעם פֿייגעל פֿאָמאָרניק (ברעג-וואהנער). דיעזער פֿייגעל לעבט מעהר פֿון רויבעריי אונ אָפֿט בעליידיגט ער דיא מעער-שוואלבען אויך. אבער ניט אללע מאל לאזען זייא זיך בעליידיגען. זייא קאננען בעשטעהן פֿיר זיך. זייא קלייבען זיך צוזאממען אין גאנצע סטאדעס אונ פֿאללען אָן אויף דעם ברעג-וואהנער. דעמאלט קאן דיעזער גרויסער פֿויגעל אויך מיט זייא גאר ניט מאכען אונ ער פרייעט זיך, אז ער קאן אנטלויפען פֿון זייא.

צוא אפוללע טהיערען נעהרען זיך מיט פליישיגע שפייז?

איינינע טהיערען זיינען אזויא בעשאפֿען, אז חוץ פֿלייש קאנען זייא גאר ניט עסען. דער לייב אדער דער וואלף, צום ביישפיעל, קאנען ניט קייען קיין גראז, זייא וואלטען מיט גראז קיין מאל ניט זאַט געווארען. אנדערע

טהיערען, פֿערקעהרט, ווערלען בשום אופֿן ניט עסען קיין פֿלייש. אַ קוה, צום ביישפיעל, וועט זיך צוא פֿלייש ניט אנריהרען, עס מאג ליעגען לעבען איהר אַ גאנצען טאג. עס איז ווידער דא טהיערען וואס עסען אלץ, וואס עס מאכֿט זיך.

וועלכֿערליי טהירען איז דא מעהר אויף דער וועלט?

וועלכֿע שפייז עס איז מעהר דא, אזעלכֿע טהירען זייען מעהר דא. שפייז אבער איז דא אויף דער וועלט מעהר פֿון געוואַכסע, גראז, וויא פֿון פֿלייש.

אלעס וואס וואכסט אין וואַלדער, אויף לאַנקעס אונ פֿעלדער, אלערליי גראזען, ווארצלען, בלאַטער, צווייגען, פֿרוכֿט — דאס אלעס איז שפייז פֿיר טהיערען.

ווען קיינע טהיערען וואלטען זיך ניט נאַהרען מיט גראז אונ געוואַכסע אונ וואלטען נאר געפֿרעסען איינע דיא אנדערע, וואלט אויף דער וועלט אין אקורצע צייט קיין לעבעדיגע בעשאַפֿענים גיט געבליעבען. דיא גרעסערע וואלטען אויף געגעסען דיא קלענערע אונ דערנאך אז עס וואלט שוין ניט געבליבען ווענמען צועסען, וואלטען זייא אליין אויך אויסגעפגרט פֿון הונגער. אויף דער וועלט איז מעהר דא אזוינע טהיערען וואס נאַהרען זיך מיט גראז אונ געוואַכסע.

דיא פֿלייש פֿרעססענדע טהיערען דארפֿען האבען גענוג קראַפֿטען, געשיידקייט אונ פֿערשטאנד, אום זיך צוא פֿערשאפֿען שפייז, אבער פֿיר דיא גראז פֿרעסענדע טהיערען איז אויך ניט לייכֿט צושטילען זייער הונגער. זייא קוממט אויך גענוג שווער אַן זייער שפייז.

וויא דיא גראז פרעססענדע טהיערען שאפען זיך שפייז.

עס איז דא פֿיעל טהיערען, פֿישען, זשוקעליך, פֿליעגען, שלאנגען, שמעטערלינגען אונ אלערליי אנדערע לעבעדיגע בעשעפֿענישען, וואס שפייזען זיך מעהר ניט וויא מיט גראז אדער בלאַטער, מיט פֿרוכֿט אדער בלומען מיט האַלץ אדער קאַרע אונ עס איז דא אזוינע טהיערען וואס עסען אלץ, סיי גראז, סיי בלומען, סיי האַלץ, סיי קאַרע אונ ז. וו. יעדער גראַזועלע, יעדער שפראטצונג שפייזט ווענמען עס איז. איינער אגעלעהרנטער מענש האט געוואלט וויסען וויפֿיעלערליי מינים פֿליגעליך אונ זשוקעליך געפֿינען זיך אויף דעם גרויסען דעמבען בוים אונ אויף דיא קליינער קראפיווע. פֿון אַלערליי פֿליעגען אונ זשוקליך, וואס האבען זיך געפֿונען אויף דעם בוים אונ אויף דער קראפיווע האט ער געהאפט צוא איינע אונ האט אויפֿמערקזאם בעטראַכֿטעט

יעדערער

יעדערע בעזונדער. דיא ארבייט האט בייא איהם צוגענומען גענוג צייט. דער פֿאר אבער האט ער ערפֿאַהרען, אז אויף דעם בוים לעבען מעהר וויא 200 פֿערשיעדענע מינים פֿליעגעליך אונ זשוקליך אונ פֿון יעדער מין גאר אָהן אַשיעור. וויעדער האט ער בעמערקט אז 157 סארטען פֿון זייא שפייזין זיך נור מיט בלאֶטער אונ מיט קנאָספען, 15 סארטען עסען נור קאָרע, אונ 12 פֿון זייא שפייזין זיך נור מיט דיא איבערגעפֿוילטע טהיילען פֿון דעם בוים. נאך האט ער בעמערקט, אז צווישען דיא 200 סארטען פֿער-שיידענע בעשעפֿענישען איז געוועזן 50 מינים, וואס מעהר וויא אויף דעם דעמב זעהט מען זייא ניט אויף קיין בוים. זייא לעבען נאר אויף דעמבעס.

דיא קליינע קראפיווע בלאַט — האַלט אויך אוים 50 מינים בעשע-פֿענישען. יעדער מין קלייבט זיך אויס דאס וואס איהם איז בעסער אונ געשמאקער. איין מין האט ליעב וואָרצלען אונ עססט קיין אנדער זאך ניט וויא וואָרצלען; איין אנדער מין עססט נור דעם שטאנג פֿון בוים ד. ה. דעם בוים גופֿא אונ זיינע צווייגען; אַ דריטער מין שפייזט זיך נור מיט דיא בלאֶטער, אַ פֿיערטער נאר מיט דיא פֿרוכֿט אליין אדער מיט דיא זוימען אַ פֿינפֿטער עססט דוקא דיא בלומען אונ בליהונג, אונ אַ זעכסטער מין האט נאר ליעב שאָלאַכֿץ פֿון זוימען.

אונ אזויא איז מיט אַלע געוואַכסען: יעדער טהייל פֿון דעם געוואַכסע האט זיך זיינע פֿיינד, וואס זעצען זיך אָן אויף איהם אונ עסען איהם. קאָרן אונ ווייץ, צום ביישפיעל, האבען צעהנדליגע פֿיינד, פֿערשיעדענע זשוקעליך, וואָרימליך, פֿליעגעלעך, וואס לאזען ניט איבער אונ שוינען ניט נאך ניט איין טהייל פֿון דיעזע געוואַכסע. דיא וואָרצלען, דיא זאַנגען, דיא קאָרנער, דיא בליהונג, בקיצור קיין זאך איז ניט זיכֿער געגען דעם אפעטיט פֿון זייערע קליינע פֿיינדע, וועלכע זייען אין רוססלאנד גאנץ גוט בעקאננט. עס געהט נאך ניט אוועק אַ יאהר וואס זייא מאַכֿען ניט אומגליקליך דיא ערד-ארבייטער פֿון איין גובערניע אדער פֿון דער אנדער גובערניע. זייא מאַכֿען יאהר צוא יאהר חרב ניט טויזענדע, נאר צעהנדליגע טויזענדע דעסיאטינעס ערד; אָפֿט טרעפֿט, דאס צוליעב זייא ליידען הונגער טויזענדע מענשען. ביז היינטיגען טאג נאך — איז דער מענש ניט אים שטאנד זיך צושיטצען געגען זייא, אדער זייא בייא צוקוממען. עס איז פֿיר דעם מענשען אונמאָגליך צושטרייטען מיט פֿיינדע וואס זייען גאר אָהן אַשיעור.

*

וועגען דיא היישעריקען

צווישען אלע שאֶדליכע בעשעפּענישען זייען שרעקליכער פֿון אלע דיא היישעריקען. זייא זיינען דא זעהר פיעל און יעדער היישעריק בעזונדער איז אשרעקליכער פֿרעסער און ווערד קיין מאל ניט זאַט. דער היישעריק פֿרעסט אלץ, וואס נאר עס מאכט זיך איהם. ער בראקירט ניט מיט קיין שפייז. דיא היישעריקען קומען אמאל אין אזעלכע גרויסע מיינגעס, אז עס איז זיך גאר שווער פֿארצושטעלען. עס האט געטראפֿען, אז עס איז אנגעפֿאלען אזא שרעקליכע מיינגע היישעריקען, וואס האט בעדעקט אַ שטרעקע פֿון 1000 קוואדראטנע ווערסט אויף אנדערטהאלבען ארשין. אין יאהר 1784 האט זיך אין אלזשיר בעוויזען אונטער דעם הימעל אַ וואלקען פֿון היישעריקען, וואס האט געהאלטען 30 ווערסט אין דיא לאֶנג און 5 אין דיא ברייט. אזא וואלקען פֿון היישעריקען האט אמאל דער ווינד פֿערטראגען אין מעער, און זייא זיינען דערטרונקען געווארען, פֿון דיא טוידטע היישעריקען איז ביים ברעג דער גרונד פֿון מעער אויף אַ שטרעקע פֿון 70 ווערסט געווארען העכער אויף אַ האלבען קלאפטער. אין זיד רוסלאנד זעהט מען היישעריקען גאנץ אָפֿט, אבער אזעלכע גרויסע מאססען וויא עס בעוויזען זיך אין עגיפטען (מצרים) איז נאך בייא אונז אין רוסלאנד ניט געוועזען. אין עגיפּעט קוקט מען ביז היינטיגען טאג אויף דעם היישעריק וויא אויף אַ שטראף פֿון גאט. דיא היישעריקען פֿרעססען אויף יעדעס בלאַטעלע, יעדעס גראָזעלע. אין עטליכע שעה מאַכען זייא פֿון אגביר אקבצן. דער וואס האט אין דער פֿריה נאך געהאט שיינע פֿעלדער פול מיט תבואה, — קאנן זיך אמאל אויף דער נאכט לייגען שלאפֿען מיט גאר ניט: היישערי-קען זיינען בעפֿאלען בייטאג אויף זיינע פֿעלדער און האבען פֿון גאר דיא תבואות אַזוי ניט געלאזען. דיא איינוואהנער פֿון דאָרפֿער קלייבין זיך צוזאממען אין קאמפאניעס און שלאגען דיא היישעריקען מיט שטעקענס און מיט ברעטער, טרייבין אויף זייא ארוף בהמות, צינדען אן, ברענגען זייא מיט פייער, אבער עס העלפֿט קיין זאך ניט. דיא היישעריקען איז שווער זאט צוא מאַכען. גאנצע פֿעלדער און וואֶלדער זייען פֿיר אזא סטאַיע היישעריקען ווענינ אויף איין מיטאג.

אין פֿריינקרייך האבען אמאל היישעריקען אויף געגעסען אגאנץ גרויסע פֿעלד אין איין האלבער שעה. אז זייא האבען אויפֿגעגעסען גאר דיא תבואות, האבען זייא זיך גענומען צוא ארבעס און ווייגטרויבען. וויא זייא האבען געענדיגט דער מיט, האבען זייא גענומען פֿרעססען דיא בלעטער פֿון דיא בוימער וואס זייען דארט ניט ווייט געוואכסען. גאר נאך אלעמען

האבען

האבען זייא געגומען גריזען דיא קאָרע. עס טרעפֿט, אז זייא פֿרעססען אלסדינג אויף אונ זייא זייען נאך אלץ ניט זאַט. דעמאלט נעהמען זייא זיך פֿרעסען איינער דעם אנדערען.

אראב טרייבין אַשוואַרם היישעריקען פֿון אַ פֿעלד איז אונמאָגליך. ביז וואנען זייא פֿרעססען ניט אויף אלעס ביז אבראָקיל, געהען זייא פֿון ארט ניט. ווען דיא הויפט ארמעע היישעריקען געהן שוין אוועק פֿון פֿעלד, בלייבט נאך פֿון דעסטוועגען אפֿולע היישערקען איבער. דאס זיינען הונגעריגע היישעריקען; זייא קריעכען ארום אונ זוכען פֿיעלייכט וועלען זייא נאך עטוואס געפֿינען פֿיר זיך, פֿיעלייכט איז נאך עטוואס געבליעבען עס מאכט זיך, אז דיא ארמעע היישעריקען פֿער-נעהמט 7 קלאפֿטער אין דיא הויך. זייא פֿליען אמאל אזויא געדיכט אונ נאהנט איינער צום אנדערן, אז פֿון ענגשאפט ברעכען זיך בייא זייא דיא פֿליגלען, אזעלכע ארמעען היישעריקען פֿערשטעלען אפֿט דיא זונן. אין עסטרייך איז אמאל דורך געפֿליוגען האַרד איבער דער שטאדט אזא גרויסע ארמעע היישעריקען אז אויף 20 טריט ווייט האט מען שוין גאר ניט געזעהן.

דיא ארמעען היישעריקען קאנען פֿליען גאנץ ווייט. פֿון אראביען פֿליען זייא אין פאלעסטינע, פֿון פאלעסטינא אין עגיפטען. גאנץ אפֿט טרעפֿט, אז דער ווינד פֿערטראגט גאנצע ארמעען היישעריקען אין ים-אריין אונ דארט ווערען זייא דערטרונקען. אבער עס מאכט זיך אויך, אז דער ווינט טראגט זייא אריבער דורכ'ן ים אויף עטליכע טויזענדער ווערסט. איין ים-פֿאהרער, צום ביישפיעל, דערצעהלט, אז צוא זייא אויף-ן שיף האבען זיך אַ מאל גענומען לאזען גאנצע פאלקען היישעריקען. עס איז געווען אדרייא 1000 ווערסט פֿון ברעג אונ דיא היישעריקען האבען זיך אלץ געשאטען אויף-ן שיף אזויא וויא עס וואלט געהן ארעגען. דער ים ארום שיף איז געווארען געל, אונ דיא פאססאזשירען האבען ניט געוואוסט וויא פטור צוא ווערען פֿון דיא היישעריקען. פֿיעל מאל האט זיך געמאכט, אז היישעריקען זיינען אריבערגעפֿליוגען פֿון עגיפטען צוא אונז אין אֵייראפע אונ האבען וויסט געמאכט גאנצע לאַנדער.

אין אמאליגע אלטע ספֿרים איז בעשריבען וויא פֿיעל אומגליקען האבען דיא היישעריקען אנגעמאכט אויף דער וועלט. ניט איין מאל האבען דיא היישעריקען געבראכט אויף דער וועלט הונגער אונ געפֿאָהרליכסטע קראנקהייטען. דער הייליגער אווגוסטין דערצעהלט, אז איין מאל זיינען אין מעער דערטרונקען געווארען זעהר פֿיעל היישעריקען. דיא וועלען פֿון מעער האבען דיא טוידטע היישעריקען ארויסגעווארפֿען אויף'ן ברעג, וואו זייא האבען אנגעהויבען צוא פֿוילען. פֿון דעם איז געווארען אמגפֿה פֿון וועלכער עס איז אויסגעשטארבען מענשען גאר אָן אַ צאהל. אין איין מלוכה נור זיינען צוא שטארבען 800 טויזענט מענשען חוץ וואס אין

אנדערע לאַנדער. אזוינע אומגליקען האט עטליכֿע מאל אויך געטראָפֿען אין איטאַליען. אין װענעציע (אין איטאַליע) זיינען אמאל צושטארבען 30 טויזענט מענשען פֿון הונגער, אונ דער הונגער איז דארט געוואָרען צוליעב דעם װאס היישעריקען זיינען בעפֿאַלען אויף דיא פֿעלדער אונ האבען אויף געפֿרעססען גאר דיא תבואה, אונ רייכֿע מענשען האבען װעגען דיא ארעמע לייט ניט געזארגט. אין נאָרד-אפֿריקע איז דא אגרויסע פרוכֿטבארע לאנד מאַראָקע. דיא איינוואהנער פֿון דארט פֿערנעהמען זיך מיט האנדעל אונ מיט ערד ארבייט. דיא ערד איז דארט זעהר אַגוטע אונ עס וואכֿסט דארט שטענדיג אזויא פֿיעל תבואה, אז עס איז גענוג פֿאר דיא איינוואהנער אונ עס בלייבט נאך איבער ארויס צופֿיהרען אין אנדערע לאַנדער. אבער אין דעם יאהר 1778 איז דארט אנגעפֿאַלען אזא גרויסע ארמעע היישעריקען, װאס האט אין עטליכֿע טאג אויפֿגעפֿרעססען אלע תבואות אויף דיא פֿעלדער, גאר דיא גראז, אונ האט אפֿילו ניט געלאזען דיא קאָרע אויף דיא בוימער. אין עטליכֿע טאָג האבען דיא היישעריקען פֿערצעהרט אזויא פֿיעל, װאס װאלט פיר מענשען גענוג געװעזען אויף אגאנץ יאהר. מענשען האבען זיך געמוזט שפייזען מיט װארצלען. עס איז געוואָרען דער פֿון אשרעקליכֿע מגפֿה. טויזענטער מענשען זיינען צושטארבען פֿון קראַנק אונ פֿון הונגער. דער װאס האט בעדארפֿט דורך פֿאהרען יענע לאנד, האט געמוזט מיט זיך פֿיהרען עסען פֿון דער היים.

ביי אונז אין אייראפע שרעקט מען זיך נאך ניט אזויא פֿאר דיא היישעריקען וויא אין אפֿריקע אונ אין אזיען. מען טהוט ביי אונז אלע מאַגליכֿקייטען נאר פֿון זייא זיך צו בעפֿרייען.

מען טיידט אוים דיא היישעריקען אליין אונ מען מאכֿט צו נישט אפֿילו דיא אייעליך, וואס זייא לייגען אין דער ערד. אין פֿיעל אָרטער צאהלט מען אפֿילו דער פֿאר געלד. אין איין פֿראנצאָזישע שטאדט האט מען אמאל בעצאהלט 16 טויזענד רובעל דער פֿאר, וואס מען האט פֿערניכֿטעט דיא היישעריקען. מען האט געצאהלט צוא 2 קאפיקעס פֿאר אפוד היישעריקען אדער אייעליך פֿון היישעריקען, אונ דיא דארף איינוואהנער האבען צונויף געקליבען אונ פֿערניכטעט $7\frac{1}{2}$ טויזענד פוד אייעליך! דיא אייעליך פֿון היישעריקען זיינען גאנץ קליינינקע אונ וועגען זעהר וויניג; דער פֿון קאַן מען זיך פֿארשטעלען וואס פֿאר אסך אייעליך זייא לייגען.

אין דעם 1725-טען יאהר האט זיך בעוויזען אין איטאַליען אשרעקליך גרויסע ארמעע היישעריקען. דיא איינוואהנער האבען זיך קיין עצה ניט געקענט געפֿינען, וויא אזויא פטור צוא ווערען פֿון זייא. דאמאלס האט דער רוימישער פאַפסט זיך בעשלאסען צוא פֿערשילטען דיא היישעריקען. ער האט מיט גאנץ גרויסע צערעמאניען בעשווארען דיא היישעריקען, זייא זאלען

זיך

זיך אויף הייבען אונ זיך אריינווארפֿען אין ים. אבער זייא האבען איהם אזויא גיך ניט געפֿאלגט. זייא האבען פֿריהער אויף געגעסען אלע תבואות אונ אלע גראזען אונ ערשט דערנאך האבען זייא זיך אויף געהייבען אונ אוועק געפֿלייגען אונ דאך ניט אין ים, וויא דער פויפסט האט זייא געהייסען, נור אויף אנדערע פֿעלדער.

א בעפאלל פון אינזעקטען.

פֿאר צייטען האבען דיא היסטאריקער פֿערשריעבען, דאס זייא האבען געזעהן, אויסער ארמעען פֿון היישעריקען, אויך ארמעען פֿון אנדערע אינזעקטין. מען האט געזעהן ארמעען פֿון טאראקאנעס, פרייסען, גרילען אונ פיעל אנדערע מינים פֿליעגעליך אונ זשוקעליך. אין דעם 1847-טען יאהר איז אנגעפֿאלען אויף איין שטאדט אין ענגלאנד אַ גאנצע ארמעע גראז-לייז. עס איז געווען אזויא פֿיעל גראז-לייז, אז אלע בוימער, אלע קוסטען זיינען פֿון אויבען ביז אראפּ מיט זייא געוועזען בעדעקט אונ האבען אויסגעוויעזען שווארץ. זייא וואלטען חרב געמאכֿט אלע בוימער, אבער צום גליק האט זיך גלייך נאך זייא בעוויזען אגרויסע ארמעע פֿון „משה רבנו'ס קיהעליך", וואס האבען פערניכֿטעט דיא גראז-לייז. איינינע אינזעקטען עסען יעדעס געוואַכסע, וואס עס מאכט זיך נור. עס איז אויך דא אזעלכֿע וואס זיינען זעהר גרויסע „אויסטראכֿטער": מעהר וויא איין געוואַכסע װעלכֿער עס איז געפֿאַללט זייא ניט אונ עססען כמעט קיין זאך ניט אויסער איהם. דער פֿאר אז זייא בעקומען שוין דאס וואס זייא האבען ליעב, איז שוין דאס פֿערפֿאלען. אויף דעם אינזעל גראנאדע (בייא דיא אָסט ברעגען פון אמעריקע) האבען מיט 112 יאהר צוריק מוראשקעס אויף געגעסען גאר דיא צוקער-שטאָקליך. מען האט נאך דעממאלט ניט געקענט מאכֿען קיין צוקער פֿון בוראקעס אדער קארטאפליעס וויא היינט, מען פֿלעגט מאכֿען צוקער פֿון צוקער-שטאָקליך אונ גאנץ גרויסע פֿעלדער זיינען געוועזען פֿערזייעט מיט דיעזעם געוואַכסע. דיא איינוואהנער פֿון דעם אינזיל האבען פֿון דעם עסק זעהר גוט פֿערדיענט. אבער פלוצלים האבען זיך בעוויזען אהן אשיעור מוראשקעס. זייא האבען זיך אראב געלאזען פֿון דיא בערג, אזויא וויא טייכֿען וואססער. אלע פֿעלדער זיינען געווארען מיט זייא בעדעקט. דיא מוראשקעס פלעגען קריעכען אויף פֿערד, אויף קיה אונ פֿלעגען זייא אזויא שמערצליך בייסען, דאס דיא טהיערען פֿלעגען משוגע ווערען אונ פֿאללען. געגוג היימישע בהמות זיינען פֿון זייא דעממאלט אומגעקוממען. מייז, שלאנגען, זשאבעס האבען אויך פֿיעל געליטען פֿון זייא. זייא האבען פֿון פֿייגלען אפילו אויך אסך געפטרט. וויא עס פֿלעגט זיך נור

אראב

אראב לאזען אפֿייגעל אויף דער ערד זובֿען עסען , פֿלעגט גלייך אנפֿאללען אויף איהר אגאנצע פארטיע מוראשקעס אונ מאכֿען פֿון איהר אסוף . אין אקורצע צייט איז דער גאנצער אינזעל ארייגעפֿאללען אין געפֿיינגעניש צוא דיא מוראשקעס. מען האט מיט זייא גאר ניט געקאנט מאכֿען . זייא האבען קיין מורא ניט געהאט פֿאר פֿייער אונ פֿאר וואססער . זייא פֿלעגען אריבער שווימען גרויסע טייכֿען . דיא פֿאָדערשטע מוראשקעס פֿלעגען זיך ווארפֿען אין וואססער אריין אונ מפֿקיר געוועזן זייער לעבען , גלייך נאך זייא האבען פֿיעל אנדערע דאס זעלבע געטהאן . פֿון דיא בערג טוידטע מוראשקעס פֿלעגט ווערען אזויא וויא אבריק אונ דיא איבעריגע מוראשקעס האבען שוין געקאנט לעבעדיגע אריבערגעהן פֿון איין זייט טייך אויף דעם אנדערן . מענשען האבען זיך גאר קיין עצה ניט געקענט געפֿינען געגען זייא . מען האט געפרובט ווירקען געגען זייא מיט פֿייער , אבער זייא האבען פֿיר פֿייער אויך קיין מורא ניט געהאט . פולקען מוראשקעס פֿלעגען זיך ווארפֿען אין פֿלאממ אונ איינלעשען . מעהר פֿון אלץ האבען געליטען פֿון זייא דיא פֿעלדער פֿון צוקער-שטאָקליך . וויא פֿיעל עס איז נור געוועזן צוקער-שטעקליך האבען זייא עס צונישטשעט . זייא פֿלעגען אוים זייגען דעם זאפֿט , אויפֿפֿרעססען דיא בלאָטער אונ זיך אפֿילו אונטערגראבען אונטער דיא ווארצלען . עס האט פֿיעל ניט געדויערט אונ אויף דעם גאנצען אינזעל איז אפֿילו קיין זכר ניט געבליעבען פֿון צוקער שטעקליך . דיא איינוואהנער האבען גערעכֿענט , אז עס וועט שוין דארט קיין מאל ניט זיין מאָגליך צוא זייען צוקער שטאָקליך . קיינער האט ניט געוואוסט מיט וואס דיזער אונגליק וועט זיך ענדיגען . ער האט זיך אבער געענדיגט מיט אנייען אונגליק . אויף דעם אינזעל האט זיך אויפֿגעהייבען אשרעקליכֿער שטורם . דער ווינד האט איינגעווארפֿען הייזער , חרב געמאכֿט וועלדער אונ צובראכֿען שיפֿען . טויזענדער מענשען זיינען אומגעקוממען פֿון דער וועלט . עס איז ארוים אשלאקס-רעגען אונ האט פֿערטרונקען פֿעלדער אונ טהאָלען , אבער דער זעלבער ווינד אונ דער זעלבער רעגען וואס האבען אנגעמאכֿט אזויא פֿיעל שאדען , האבען אגרויסען נוטץ אויך געבראכֿט . זייא האבען צונישטשעט דיא מוראשקעס , וואס אזויא וואלט מען בשום אויפֿ'ן ניט געקענט פטור ווערען פֿון זייא . נאכֿ'ן שטורם מיט דעם רעגען איז געבליבען אזויא וועניג מוראשקעס , אז מען האט אויפֿגעהערט פֿאר זייא מורא צוא האבען אונ איבער אַ יאהר האט מען ווידער גענוממען פֿערזעטצען צוקער-שטאָקליך .

נאך אגרעסערער אונגליק איז מיט עטליכֿע יאהר צוריק , אין אויסלאנד אונ בייא אונז אין רוסלאנד , געקוממען אויף וויינגאָרטנער .

עס האבען אנגעהייבען צוטריקענען אונ צודאַרען דיא וויינשטאק-בוימער . מען האט גאר ניט געקאנט פֿערשטעהן פֿון וואנען האט זיך דאס

גענוממען

גענומען. ניט אויף דיא צווייגען, ניט אויף דיא בלעטער האט מען קיין זאך ניט געזעהן, אונ דיא בוימער האבען וואס אטאג וויטער אלץ מעהר געטריקענט אונ גערארט. געלעהרענטע מענשען האבען גענומען בעטראכטען דיא בוימער אונ האבען זיך באלד ערקונדיגט דיא אורזאכע פון דעם. זייא האבען אויסגעגראבען אבוים, אונ דאמאלס האבען זייא דערזעהן, אז אויף דיא ווארצלען זיינען געווען אנגעשאטען קליינע פליעגעליך וויינטרויב-לייז (פילאקסערען), דיעזע וויינטרויב-לייז האבען צוגריזעט דיא צארטע עקען פון דיא קלענסטע אונ דיענסטע ווארצעליך, וואס זייגען דעם זאפט אונ פעטקייט פון דער ערד, אונ איבער דעם האבען אנגעהויבען דיא וויינשטאק-בוימער דארען. דיא וויינטרויב-לייז האט מען ניט ווילינדיג פערפיהרט פון אמעריקא אין פראנקרייך אויף דיא שיפען. זייא האבען זיך דארט אין דיא וויינגארטנער זעהר שנעלל פערמעהרט. אין איין יאהר האבען זייא חרב געמאכט אין פראנקרייך הונדערטע טויזענטער דעסעטינעס וויינגארטנער. אונ אין פערלויף פון 18 יאהר זיינען דארט צוא דארט געווארען ביז אמילליאן דעסעטינעס וויינשטאקען. העכער אהאלב מילליאן דעסעטינעס, ליידען נאך ביז היינט אין פראנקרייך פון דיא וויינטרויב-לייז. איבער זייא פערפערטיגען יעצט דיא פראנצויזען אנדערט-האלבען מאל וויינינגער וויין וויא פריהער.

פון פראנקרייך האט מען דיא פילאקסערען מיט אצופאלל פערפיהרט אין איטאליען, שווייץ אונ שפאניען. בייא אונז אין רוססלאנד אויף קאווקאז אונ אין קרים, וואו עס וואקסט וויינטרויבען, איז זיא שוין אויך דא. ביז יעצט האט מען נאך ניט געפונען קיין רעכטען מיטעל וויא צוא פערניכטען אונ פערטיליגען דיא פילאקסערע.

וואס פיר גרויסע פרעסער עס זיינען דיא גראז עסענדע טהיערען.

עס איז שווער אפילו נאר איבערצוצאהלען אליין, וויעפיעל עס לעבען אויף דער וועלט פערשיעדענע ארטען פליעגען, זשוקעס, זוממער-פייגעלאך אונ אנדערע אינזעקטען, וואס עסען אויף אלע תבואות אונ גראזען, וואס זיינען נוטצליך פיר מענשען. גאנצע ארמעען פון זייא זיינען בעשעפטיגט דער מיט, וואס זייא פרעססען פערשיידענע געוואקסע. דיעזע ארמייען עסען אויף פיעל מעהר, וויא אלע מענשען אויף דער וועלט. איהר קאנט אייך מאכען אבעגריעף וויעפיעל געוואכסע דיא אינזעקטען עססען אויף אלע יאהר פון דעם דאס איין אנדער פליגעלע איז אליין מעהר ניט גרויס וויא אשפילקע קאפעלע, אבער דאס, וואס זיא אליין פערצעהרט אין אטאג, איז אמאל

פופצעהן

פּופּצעהן גרעססער. עס איז דא אזוינע, וואס וואָגען אליין וועניגער וויא אַ זאלאטניק אונ פערצעהרען אין אַ טאג זעכּצען זאלאטניק שפייז. אנדערע אינזעקטין עסען נאך מעהר.

פיעל פערשיעדענע טהיערען שפייזען זיך נור מיט געוואַכסען. עס איז דא פיעל חיות, פייגלען, שלאנגען, פישען, וואס עסען נור געוואַכסע, ווער בלאָטער, ווער זוימען אונ קאָרינדליך, אָת ווער גראז. מען דארף האבען פיעל געוואַכסע זאט צוא מאכּען דיא אמעריקאנישע אונצאהליגע סטאדעס צוג-טויבען. דיעזע פייגלען לעבען אין וואלד אונ שפייזען זיך מיט דיא פרוכטען פון וואלד בוימער. אין דיא וועלדער, וואו דיעזע טויבען געפינען זיך — ברעכּען זיך דיא צווייגען פון דיא פייגעלאך וואס זיטצען אויף זייא גאנצע סטאדעס וויים. אויף יעדען צווייגעל איז דא צוא 3 נעסטען. אין דיא וועלדער וואו דיעזע טויבען האלטען זיך אויף, קלייבען זיך צונויף טויזענדער פערשיעדענע אַרטען טהיערען, קליינע אונ גרויסע, דיעזע טהיערען געהן ארום אונטער דיא בוימער אונ עסען אויף דיא קליינע טייבעליך, וואס פאלען ארויס פון דיא נעסטען. ווען ניט דיעזע רויב טהיערען, אונ ניט דיא יאָגער וואס טיידטען אויס טויזענטער פון דיא טויבען, וואלטען זייא נאך געוועזען פיעל מעהר וויא יעצט. הײנט וויפיעל עססען דארף מען שוין האבען פיר אזויא פיעל טויבען? אז מען זאל אפילו מעהר ניט רעכענען אויף יעדע טויב וויא אהאלב פונט אטאג, עססען זייא אויך מעהר אויף קאָרנער אין איין טאג וויעפיעל גאנץ מאסקווע אין צווייא מאנאטען. אין דיא גרויסע סטעפּעס פון אמעריקע פיטערין זיך גאנץ גרויסע סטאדעס בופעל-אָקסען אונ טאבונעס ווילדע פערד. רייזענדע דערצאָהלען, אז אין אנדערע סטאדעס קאנען זיך געפינען ביז 100 טויזענט שטיק בופעל-אקסען אדער פערד. איהר קאנט זיך פארשטעלען וויפיעל גראז מען דארף האבען זייא זאט צו מאכּען.

אין נארד-אפריקא לעבען אזוינע טהיערען, וואס זעהען אויס וויא ציעגען מען רופט זייא דיא שפרינגער, וועיל זייא שפרינגען זעהר געשיידט אונ לויפען געשווינד. זייא פיטערן זיך אין דיא סטעפּעס גאנץ גרויסע סטאדעס וויים. אין שלעכּטע טרוקענע יאהרען, ווען עס איז קיין וואסער ניט דא אונ עס ווערד פערברענט דיא גראז אין דיא סטעפּעס, קלייבען זיך דיא שפרינגער צונויף אין שרעקליך גרויסע סטאדעס אונ ציעהען אריבער אין אַ זעלכּע אָרטער וואו עס איז דא וואססער.

זייא רעטטען זיך פון הונגער אונ פון דארשט, זייערע ארמעען זיינען אזעלכּע גרויסע, אז דיא רייזענדער פערגלייכען זייא מיט דעם היישעריק. אזויא וויא דיא היישעריקען, פרעססען זייא אויף אללע געוואַכסע, וואס זייא טרעפען נאר אָן אויפ'ן וועג. זייא פאלען אן אויף פעלדער אונ

פרעסען

פֿרעסען אויף דיא תבואה. אין איין נאַכט מאַכֿען זייא צונישט פֿון דעם ערדארבייטערס גאר דיא מיהע.

איין רייזענדער דערצאָהלט, אז ער האט געזעהן אַ סטאדע שפּרינגערס, וואס האט צוגעדעקט דיא גאנצע געגענד. וויא ווייט נור מען האט געקאנט דערלאנגען מיט׳ן אויג, איז געוועזן אנגעשאטען מיט שפּרינגערס. מען בעגעגענט אזעלכֿע גרויסע סטאדעס אין וועלכֿע עס געפֿינען זיך עטליכֿע מילליאן שפּרינגערס. עס איז לייכֿט צוא פֿערשטעהן, דאס אזא סטאדע קאנן זעהר געשווינד חרב מאַכֿען פֿערזייעטע פֿעלדער.

דיע שפּרינגערס ווערען פֿערפֿאָלגט פֿון לייבען, לעמפּרטען, לוקסען אונ פֿון פֿיעל אנדערע רויב טהיערען. מענשען געהען אויך געגען זייא אויף געיאָג. עס איז אבער ניט אזויא לייכֿט זייא בייא צוקוממען. עס טרעפֿט זאָגאַר, אז זייא נעהמען אין געפֿיינגעניש דעם לייב אליין. אַ לייב איז אמאל אנגעפֿאללען אויף איין שפּרינגער פֿון אסטאדע אונ האט איהם צוריססען. דיא שפּרינגער, וואס זיינען געשטאנען נאָהענטער צוא איהם האבען זיך אווארף געטאהן אן אזויט. דיא וואס זיינען אויסגעקומען בין לייב פֿון הינטען האבען זיך אויך אבגערוקט אן אזויט וואס צום גיכֿסטען. ענדליך, האט איהם ארומגערינגעלט דיא גאנצע סטאדע. דער לייב איז געבליעבען אין רעכֿטען מיטען צווישען דיא אונצאָהליגע ארמעע פֿון שפּרינגער. זייא האבען זיך אזויא פֿיעל אנגעשפּארט איינער אויף דעם אנדערן, דאס זייא האבען ניט געהאט וואו צולויפֿען. דעם לייב האבען זייא אויך געמאכט ענג פֿון אללע זייטען. ער האט זיך זאָגאַר דערשראקען, אבער נאך מעהר האבען זיך געשראקען דיא שפּרינגער. דער לייב איז שוין ניט גערין געוועזן פֿון דער גאנצער מציאה, וואס ער האט דא דערטאפּט. דיא סטאדע האט גענומען לויפֿען איבערן פעלד אונ ער האט געמוזט מיט לויפֿען מיט דער סטאדע אהין וואו זייא זיינען געלאָפֿען.

פֿיעל שפּרינגערס ווערען יאָהרליך אומגעבראַכֿט פֿון רויב טהיערען נור נאך מעהר שטארבען אויס פֿון הונגער אין דיא טרוקענע יאהרען, ווען עס איז דא פֿיר זייא ווייניג שפּייז. אין אזעלכֿע יאהרען ציהען זייא אוועק אין דיא אָרטער וואו עס איז דא וואססער אונ דיא טריקענעס איז ניט אזויא געפֿאָהרליך. עס קומט זייא דאמאלס אויס צוא מאַכֿען נסיעות פֿון צעהנדליגע זאָגאַר פֿון הונדערטע ווערסט.

אין זיד-אמעריקע לעבט אַ וואונדערבארעס טהיער. מען רופֿט דיזעס טהיער דער פֿוילער. דיזער נאמען פּאַסט פֿיר איהם זעהר גוט. אויף דר׳ערד איז קאַם קאַם וואס ער קריכֿט אונ אויף בוימער קלעטערן איז ער אויך ניט קיין גרויסער בעלן. ער קלעטערט אויף בוימער זעהר לאַנגזאם אונ ניט וויא אנדערע קלעטערן. ער טשעפּעט זיך אן מיט דיא לאַנגע נעגעל

פון

פֿון אלע פֿיער פֿיס אויף אצווייג אונ הייננט אזויא מיט'ן קאָרפּער אראב. ער הייננט איין טאג, נאך אַ טאג אונ אגאנצע וואך אויך, איממער אין דער זעלבען לאגע. ער הייננט אזויא אויפֿ'ן צווייג ביז וואנען עס איז דא ארום איהם וואס עס איז נור צוא עססען. אויף איין אנדער צווייג קריכט ער ערשט אריבער ווען ער האט שוין ארום זיך אלעם דינג אויפגעגעססען, אלע בלאָטער, פֿרוכֿטען, קנאָספּען אונ פֿריש ארויסגעשפּראָטצטע צווייגליך. קיין גרויסער פֿרעסער איז ער ניט אונ קאן ליידען הונגער אונ דארשט אצייט נאך אנאנד. אז ער וויל אטרונק, לעקט ער ארום דיא טהוי פֿון דיא בלאָטער. ווען ער האט שוין ניט דארט וואו ער הייננט, וואס צועססען אונ הייבט אן פֿיהלען שטארק הונגער, קלייבט ער זיך איבער אויף איין אנדער צווייג אדער אויף איין אנדער בוים אונ הייננט דארט ווייטער אב אונבעוועגליך עטליכע טאג, קייענדיג בלאָטער אונ גריזענדיג פֿרוכֿט. שלאָפֿען שלאָפֿט ער אויך אזויא הייננענדיג, ער קאָרטשעט נאר איין מעהר דיא פֿיס בשעת ער שלאָפֿט.

אויסער דעם עססען גערט איהם קיין זאך ניט אן. ער פֿוילט זיך אפֿילו אומצוקעהרן דעם קאפּ אונ אקוק געבען אָן אזייט, אונ איז גלייכגילטיג צוא אלסדינג, וואס ארום איהם טהוט זיך. צווישען דיא חיות, וואס שפייזען זיך מיט געוועכסע, ארבייט דער פֿוילער וועניגער פֿון אלעמען.

וויא מוראשקעס בעשעפֿטיגען זיך מיט ערד ארבייט.

עס איז דא אזעלכֿע טהיערען, וואס אקערן, שניידען, קאָסען, מאכֿען פֿעטער אונ מיסטיגען דיא ערד, אונ גרייטען אָן תבואה אויף שפּעטער, מיט איינעם ווארטע, זייא טהוען אלסדינג, וואס יעדער בויער טהוט אויפֿ'ן פֿעלד. איבערהויפט זייען אין דעם גרויסע קינסטלער דיא מוראשקעס.

אלעמען זייען בעקאנט דיא מוראשקעס. זייא לעבען געוואָהנליך אפֿוללע צוזאממען, גרויסע חברות — אין מוראשניקעס. אין איין אנדער מוראשניק געפֿינען זיך הונדערטעטויזענד מוראשקעס, אזויא פֿיעל וויע מענשען עס געפֿינען זיך אין אגאנץ גרויסע שטאדט. אין יעדער מוראשניק לעבען עטליכֿע סארטען מוראשקעס. איין סארט איז דא — זכֿרים מיט נקבות, וואס זייער עסק איז נור זיך צוא פֿערמעהרען, צוא לעגען וואס מעהר אייעליך אונ האבען קינדער. ווייטער איז דא אסארט מוראשקעס וואס זייען ארבייטער. זייער קאָרפּער איז אנדערס איינגעריכֿטעט פֿון דער נאטור. לייגען אייעליך אונ פֿערמעהרען זיך קאנען זייא ניט, אבער דערפֿיר ליעגט אויף זייא אלע הויזליכֿע ארבייט. זייא בויען מוראשניקעס, זעהע

אז

אז עס זאל זיין וואס צועסען, טראגען אויף זיך משאות, גיעבען עסען דיא זכֿרים אונ דיא נקבות אונ גיעבען אכֿטונג אויף דיא אייעליך אונ דיא רויפּען. אין אנדערע מוראשניקעס לעבט נאך אַ דריטער סארט מוראשקעס-סאלדאטען אונ קריעגס לייט. זייא זייען וויעדער אנדערש בעשאפֿען. זייא אונטערשיעדען זיך מיט זייער קאָרפּער פֿוןביידע ערשטע סארטען, פֿון דיא זכֿרים אונ נקבות אונ פֿון דיא ארבייטער. זייא האבען גרויסע אונ שארפֿע אסלעס, מיט וועלכֿע זייא קאננען זייערע פֿיינד צובייסען אונ צורייסען אויף שטיקליך. זייער זאך איז צוא שיטצען דעם מוראשניק געגען פיינד אונ געבען צוא וויסען אז עס מאכֿט זיך איין אומגליק. עס פֿערשטעהט זיך, אז מעהר פֿון אלעמען האבען וואס צוא טאהן דיא ארבייטער. בייא איינִיגע מינים מוראשקעס פֿערנעהמען זיך דיא ארבייטער מיט ערד ארבייט אויך. דיעזער אַרט מוראשקעס הייסען דיא ערדארבייטער. זייא לעבען אין דיא ווארעמע לענדער פֿון אייראָפּע אונ אמעריקע. זייערע נעסטען גראבען זייא אין דער ערד. זייא מאכֿען דאס זעהר קונציג אונ איינפֿאַלליג. זייא גראבען אוים אסך צימערלאך איינער אויף דעם אנדערען, מיט פֿיעל טהירען צום ארייגעהן, צום ארויסגעהן אונ פֿון איין צימער אין דעם אנדערען. גאר דיא אונטערשטע צימערלאך קאנען אמאל זיין טיעף אונטער דער ערד אויף פֿינף ארשין. איינִיגע צימערלאך דיענען בייא זייא פֿיר שפּייז קאמערן, דארט לעגען זייא אוועק אויף שפעטער פֿערשיעדענע קערנער אונ זוימען (זריעה), דיא קערנער אונ דיא זוימען קלייבען דיא מוראשקעס אלליין אויף אונ דאס קאָסט זייא גענוג צייט אונ גענוג מיה. עס מאכֿט זיך, אז דיא ארבייטער-מוראשקעס דארפֿען געהן זוכֿען דיעזע קערנער אונ זוימען גאנץ וויט אין וואלד אדער אין פֿעלד. כדי עס זאל זיין זייא גרינגער אונ בעסער צוגעהן אונ צוא טראגען דיא קאָרינדליך אונ דיא זוימען, מאכֿען זייא זיך אנייע וועג אין דיא גראז. זייא רייסען אוים דיא גראז אונ ווארפֿען זיא אוועק אין דיא זייטען, זייער וועג האלטען זייא זעהר ריין. וויא נאר עס וואקסט ארוים אגרעזעלע גריזען זייא איהם אוים אונ ווארפֿען אפּ אָן אזייט. איבער דעם מוראשניק ראַמען דיא ערדארבייטער מוראשקעס אָב ארונדען פלאָטצעל וואס האט אין דער ברייט אַ ניין ארשין. דיעזען שטיקעל פלאטץ גלייכֿען זייא אזויא אוים, דאס ער ווייזט אוים וויא איינגעטראטען. זייא לאזען אויף איהם קיין גראז ניט וואקסען חוץ איין סארט גראז, וואס זייא האבען זעהער ליעב. דיעזער סארט גראז רופֿט זיך „מוראשקען רייז". דיעזער גראז וואכסט אללע מאל ארום דעם מוראשניק, אונ דיא מוראשקעס אלליין בעארבייטען איהם. זייא מאכֿען איהם ריין פֿון אנדערע שלעכֿטע גראזען. אונ אללע יאהר זאממלען זייא צונויף דיא פֿרוכֿט, דיא קאָרנדליך פֿון דעם רייז. גאר דיא רייז וואס זייא נעהמען ארונ פֿון זייער פֿעלד לעגען זייא אב אין זייערע שפּייכֿלערן אונ

מאגאזינע

מאגאזינען. אנדערע דערצעהלען נאך, אז זייא האבען אפילו געזעהן, וויא דיא מוראשקעס האבען אלליין פערזייעט דיעזען רייז.

מיט איין ווארט דיא מוראשקעס האבען זיך זייער פעלד אונ זייערע ארבייט צייט וואס פאסט זיך צוא דיעזעם פעלד.

אין זייערע מאגאזינען בעהאלטען זייא ניט נור זייער רייז אלליין, זייא קלייבען צונויף אנדערע קערענדליך פון פערשיידענע גראזען אויך אונ טראגען אין דיא זעלבע מאגאזינען אריין. איך בין א בעלן געווען זעהן, וויא אזויא דיא מוראשקעס קלייבען צונויף קערענדליך, דערצעהלט איין געלעהרענטער מאן; — איך האב גענומען עטליכע לאנגע זאנגען אונ האב זייא אריינגע-שטעקט נעבען דעם מוראשניק אין דער ערד. דיא מוראשקעס האבען דאס באלד דערשמעקט אונ זייען ארופגעקראכען אויף דיא זאנגען אונ האבען מיט גרויס פלייס אנגעפאנגען ארויסצונעהמען פון זייא דיא קערנער. אויף יעדעם זאנג האבען געארבייט א צוועלף מוראשקעס אונ מעהר. זייא האבען אויסגע-גריזעט דיא קערענדליך אונ געווארפען אויף דר'ערד. אונטען זייען געשטאנען אנדערע מוראשקעס אונ האבען אנגעהאפט דיא קערענדליך אונ געטראגען אין דיא מאגאזינען. מיר איז געווען א גרויסער וואונדער וואס דיא מוראשקעס האבען זיך געאיילט ארויסצורייסען דיא קערענדליך נאך פון דיא זאנגען אונ האבען ניט געווארט ביז זייא וועלען פארטיג ווערען אונ אליין אראפ פאלען אויף דער ערד.

ווען אין דיא שפייכלער ליעגען קערענדליך, גיעבען דיא ערד-ארבייטער מוראשקעס אכטונג אונ קוקען זיך צוא, צוא זייא פוילען אדער שימלען ניט. וויא זייא דערזעהן נור, אז זייא הייבען אן שימלען, חאפען זייא אונ טראגען זייא ארויס פון מוראשניק אויף דער זונן, זייא זאלען זיך אוים טריקענען.

מוראשקעס אגאראדניקעס.

אין זיד-אמעריקע לעבט א סארט מוראשקעס, וואס זיינען נאך מעהר צוא בעוואונדערן. זייא רופען זיך דיא בלעטער-פרעסער. מענגעס וויים קלייבען זייא זיך ארויף אויף דיא בוימער; יעדע מוראשקע קלייבט זיך אוים אבלעטעל, אויף וועלכע זיא זעצט זיך אונ מיט איהרע שארפע אסלעס האקט זיא זיך אפ אהיבשע שטיעקעל בלאטעל. זיא מאכט דאס פלינק אונ געשיידט; יעדעס שטיקעל בלעטעל קומט אוים וויא אויסגעשניטען מיט אשער. אבגריזענדיג א שטיקעל בלאטיל, נעהמט זיא איהם אריין אין מויל אונ שלעפט מיט גרויס מיהע ארונטער פון בוים אויף דער ערד. איינע נאך דיא אנדערע, האלטענדיג דיא בלאטליך אין דער הויך איבער'ן קאפ, געהן דיא

מוראשקעס

מוראשקעס מיט זייער אייגענעם וועג צום נעסט. וויא זייא געהן נור צו צום מוראשניק אזויא לויפֿען שוין ארוים צוא זייא אנדערע מוראשקעס, דיא ארבייטער. דיא ארבייטער געהן ניט אוועק וויט פֿון דעם מוראשניק, אויף בוימער קריכֿען זייא ניט, אונ זייא זיינען קלענער אין געוואוכס. דיעזע קליינע ארבייטער האבען זיך אין מוראשניק זייער ארבייט. זייא נעהמען צוא פֿון דיא טרעגער-מוראשקעס דיא אבגעגריזעטע בלעטעליך אונ אונ צוברעקלען אויף גאנץ קליינע שטיקעליך, נאכֿהער טראגען זייא דאס אוועק צוא זיך אין נעסט אונטער דער ערד. אבער מיינט ניט אז זייא עססען דיעזע בלעטליך. ניין! זייא לייגען פֿערנאנדער דיא בלעטליך אין זייערע שפייכֿלערס אונטער דער ערד אונ דארט וואכסט אויף זייא אוים אזעלכע שוועמליך. את מיט דיעזע שוועמליך נעהרען זיך דאס דיא מוראשקעס.

דיא מוראשקעס קלייבען נור אוים אזוינע בלעטער, אויף וועלכע עס וואקסען דיא שוועמליך וואס זייא דארפֿען. ניט אויף אלע בלעטער וואקסען זייא אונ דיא מוראשקעס וויסען שוין פֿון וועלכע בוימער זייא זאלען קלייבען דיא בלעטער.

דיא מוראשקעס גיעבען גוט אכטונג אויף זייערע שוועמליך. זייא זעהען אז דארט וואו זייא ליעגען, זאל ניט זיין צוא טרוקען אדער צוא פֿייכֿט. דיא צימערן, וואו דיעזע שוועמליך וואקסען, לופֿטערען דיא מוראשקעס דורך: זייא מאכֿען ביז ארויף לאָכֿער פֿון וואנען עס געהט אן פֿרישע לופֿט, אונ אין אנאסען וועטער פֿערשטאפען זייא דיא לעכער צוריק, קיין נאסע בלעטליך טראגען זייא קיין מאל ניט אריין אין מוראשניק. אז ארעגען האפט זייא אן אויף'ן וועג, ווען זייא טראגען דיא בלעטליך, אונ נעצט זייא איין, לייגען זייא צונויף דערווייל דיא בלעטער לעבען דעם מוראשניק אונ ווארטען ביז דיא זונן הייבט אן צוא שיינען. דאמאלס שפרייטען זייא פֿערנאנדער דיא בלעטער אויפ'ן זון ביז וואנען זייא טריקענען זיך אוים מיט איין ווארט דיא מוראשקעס בעגעהען זיך פונקט, וויא אמתע גוטע אגאראדניקעס.

וויא טהיערען אקערען ערד פיר דעם מענשען.

עס איז דא אזעלכֿע טהיערען וואס גראבען פֿערנאנדער אונ צורייבען דיא ערד, אום זיא זאל ווערען וויך אונ מיסטיגען איהר אפֿילו אן. דאס וואס דער מענש מאכֿט מיט'ן אקער אייזען אונ מיט דער בראנע, מאכֿען דיעזע טהיערען מיט זייער קערפער אליין. וואס זע איז דאס פֿיר טהיערען? — ווילט איהר געוויס וויסען: — געפֿינען זייא זיך אין אונזערע ערטער אויך?

דיעזע

דיעזע טהיערען זיינען גוט בעקאנט: דאס זיינען דיא רעגען-וואָרימליך; זייא אקערין דאס אונ מיסטיגען דיא ערד. מען האט זיך פֿון דעם גאר ניט לאַנג ערקונדיגט.

דיע רעגען-וואָרימליך געפינען זיך אומעטום, אויסער דיא קאלטע אונ גאנץ טרוקענע לאַנדער. דיעזע וואָרים ליעבען פֿייכטע אונ ווארמע אָרטער, אונ האבען זעהר מורא פֿאר קאָלט. בייא טאג האלטען זייא זיך אונטער דער ערד אונ בייא נאכט קריעכען זייא ארויס אונ דאס אויך נאר אין אפֿייכטען וועטטער. זייא עסען וואס עס מאכט זיך: קערינדליך, פֿלייש, רויפען פֿון פֿערשיידענע אינזעקטין. איבערהויפט נאָהרען זייא זיך מיט בלאָטער פֿון בוימער, עס מאכט ניט אויס וועלכע, טרוקענע, פֿרישע אדער פֿערפֿוילטע. אזעלכע בלאָטער פֿערצעהרען זייא זעהר פֿיעל. אויסער דעם עסען זייא אויף זעהר פֿיעל ערד, אונ ווען זייא האבען ניט קיין בעסערע זאך, בעגנוגענען זייא זיך גאר מיט ערד אליין. זייא ווערען זאט פֿון ערד, וועיל אין דער ערד געפֿינט זיך איבערגעבליבענע אדער איבערגעפֿוילטע בלאָטער, איבערהויפט געוואָכסע, צומישט מיט זאמד. פֿון דיעזע איבער געפֿוילטע געוואָכסע ווערען דיא רעגען-וואָרים זאט, בשעת זייא שלינגען ערד, אונ דיא זאמד מיט דעם וואס בלייבט פֿון דיא איבערגעפֿוילטע געוואָכסע, ווארפֿען זייא ארויס פֿון זיך צוריק. צום פֿערדייהען דעם עססען האט דער וואָרימעל איין איינציגע קישקע, וועלכע עס האט אגאנץ איינפֿאכע פֿארמע. זיא ציעהט זיך איבער דיא לאָנג פֿון זיין גאנצען קערפער אונ איז דורכאויס אגלייכע. פֿון איין זייט איז דער מויל אונ פֿון דעם אנדערען אָפֿענען זייט געהט ארויס פֿון וואָרימעל דאס וואס ער פֿערדייהט ניט, וואס טויג פֿיר איהם ניט. דער וואָרימעל אין גאנצען איז אויך זעהר איינפֿאך בעשאפֿען. ער האט קיין אויגען, קיין אויערען, קייןביינער אונ צאָהן זיין גאנצער קאָרפער איז אווייכער. אונ פֿון דעסטוועגען אקערט דער רעגען ווארים דיא ערד אונ כאכט איהר פֿעטער. דיא רעגען וואָרים ארבייטען אויף אזא אַרט. זייא גראבען זייערע נאָרעם טיעף אין דער ערד. אנדערע נארעם זיינען 3 ארשין טיעף אין דער ערד. גאר אונטען אויפֿ'ן גרונט מאכען זייא זיך אצימטערעל. אין דיעזעם צימטערל וואהנען אפֿט עטליכע וואָרים צוזאמטען.

דער רעגען ווארים קאן זיך מאכען אַ וואהנונג וויא אין ווייכע ערד אזויא אויך אין האַרטע. אין ווייכע ערד בוערט ער זיך אויס אַנאָרקע מיט דעם שארפֿען עק פֿון זיין קאָרפער. דאמאלס דרעהט ער אזויא גיך זיין קאָרפער וויא אַדרעל. אויף דעם אַרט פֿערגראבען זיך דיא וואָרים אין זאמד זעהר שנעל.

וואו דיע ערד איז אבער אַ הארטע, דארט גראבט זיך דער רעגען ווארים אַ נאָרקע אויף איין אנדער אַרט; דארט ארבייט ער מיט דעם מויל. ער ברעכט אָב איין שטיקעל ערד נאך דעם אנדערען אונ שלינגט זייא איין.

ווּפֿיעל שטיקליך ער ברעכט אב , אזויא פֿיעל שלינגט ער איין . אויף דעם אָרט לאזט ער זיך אלץ טיעפֿער אונ טיעפֿער אראב אין דר׳ערד אונ ער גריעזעט זיך אויס אַנאָרע ; זיין קישקע שטאפּט ער אין גאנצען אָן מיט ערד . דיא ערד געהט דורך דיא גאנצע קישקע אונ פֿאלט ארויס פֿון דעם אנדערען זייט . אויף דעם אָרט קאנען דיא וואָרים זיך גראבען זייערע נארעס אין דיא הארטסטע ערד , אונ זייא קוממען צוא גאנץ טיעף . בייא דעם געהט דורך זייער קישקע דורך זעהר פֿיעל ערד , וואס ווערט אין קישקע איבערגעריבען , צוברעקילט אונ צומאָלען זעהר דין אונ דער צו נאך צומישט זיא זיך מיט דיא זאפּט פֿון קישקע . צוליעב דעם געהט דיא ערד ארויס פֿון דער קישקע אַווייכֿע אַפּעטע אונ אַפֿרוכֿטבארע .

אין דיא אָרטער וואו עס געפֿינען זיך אסך רעגען וואָרימליך , קאָנען גאנצע פֿעלדער צוא ליעב זייא ווערען פֿעט אונ ווייך . דיא וואָרים גריזען דורך דיא ערד אין אלע קאַנטען . זייא ארבייטען בייא טאג אונ בייא נאכֿט , ארבייטען צוואממען אונ ווערען ניט מיד . זייא גראבען זיך אין דר׳ערד , אונטען , אויבען , אין דער קרים . אין פֿערלויף פֿון איין יאהר קומט אויס יעדעם זאָמדעלע , יעדעם שטיקעלע ערד עטליכֿע מאל דורכֿצוגעהן דורך דיא קישקעס פֿונ׳ם רעגען וואָרים .

אויף דעם אָרט אַקערן דיא רעגען וואָרים אונ מאכֿען פֿעט דיא ערד . זייא אקערן גאנץ טיעף . גראבענדיג אין דער טיעפֿענים זייערע נאָרקעס ווארפֿען זייא ארויף דיא אונטערשטע פֿאכֿען ערד פֿון אויבען . דא לופֿטערט זייא דורך דער ווינד אונ דער רעגען שווינקט זייא איבער . אין איין אָרט געהט דיעזע ערד אוועק מיט׳ן וואסער , אין איין אנדער אָרט טראגט , פֿערקעהרט , אָן מיטין רעגען וואסער נייע ערד . דיא רעגען וואָרימליך מאכֿען פֿעט דיא ערד ניט נאר מיט דעם זאפּט פֿון זייערע קישקעס אליין , אבער מיט אנדערע מיטלען אויך . צום ביישפיעל , זייא שלעפּען אריין צוא זיך אין דיא נאָרקעס פֿרישע טרוקענע ארבגעפֿאללענע בלאָטליך , קליינע צוויגעליך , נאדלען פֿון סאסנעס אונ יעדלאווע בוימער אונ דאסגלייכֿען . פֿון יאהר צוא יאהר פֿערגראבען דיא רעגען ווערים בייא זיך אין דיא נאָרקעס זעהר פֿיעל אזעלכֿע גוטע זאכֿען . אונ וויא קלוג אונ קונציג זייא טהוען זייער ארבייט ! בשעת דער ווארים וויל טראגען צוא זיך אין נארקע אַ בלאָטל , נעהמט ער עס ניט וויא עס מאכֿט זיך , נור שטענדיג פֿאר דעם עק וועלכֿער עס וועט גרינגער קאנען אריין אין נארע , אמאל פֿאר דעם אונטערשטען עק פֿאר דעם שטילכֿעל , אמאל פֿערקעהרט , פֿאר דעם אויבערשטען עק . עס איז , דאכֿט זיך , ניט לייכֿט צוא ארבייטען אהן הענד אונ אהן אויגען מיט׳ם מויל אלליין . דעננאך ארבייטען דיא וואָרים זעהר קונציג . מיט בלאָטליך נאָהרען זיך דיא וואָרים , מיט בלאָטליך בעטען זייא אויס זייערע נאָרקעס אונ מיט

בלאטליך

בלאָטליך פֿערלייגען זייא אין אקאלטען אונ אטרוקענעם וועטטער דעם אריינגאנג פֿון זייערע וואהנונגען . דיא רעגען ווערים קאנען זיך קונציג שיטצען וויא פֿון ווינטערדיגע פֿראָסט , אזויא אויך פֿון זוממערדיגע היטצען . עס טרעפֿט אָפֿט , דאס זייא פֿערמאַבֿען זייערע נאָרקעס ניט אזויא מיט בלאָטליך , אבער מיט קליינע שטיינדליך !

מיט דעם וואס דיא ווערימליך עסען בלאָטער טהוען זייא אויך אגרויסע טובה דער ערד . אין דיא קישקעס צוא רייבען זיך דיזע בלאָטער צוזאממען מיט דער ערד . וואס זייא האבען איינגעשלונגען אונ עס ווערד דער פֿון מיסט ; נאכהער ווארפֿען דיא קישקעס דיזען מיסט פֿון זיך ארויס אויפֿ'ן פֿעלד . אזעלבֿע מיסט קלייבט זיך אָן זעהר פֿיעל דארט וואו עס זיינען דא ווערים . דיא מיסט פֿון רעגען ווערים איז זעהר נוטצליך פיר דיא ערד . אַלזא , זעהען מיר וואס פֿיר אקונציגע ארבייט דיא ווערים מאַבֿען .

ערשטענס גראבען זייא פֿערנאנדער דיא ערד . ניעדעריגע פֿאַבֿען ערד הייבען זייא אויף אימער העכער אונ העכער , אזויא וויא אגוטער אקעראייזען , חאטש ניט אזויא געשווינד .

צוויטענס , מאַבֿען זייא ווייך דיא ערד , אזויא וויא זייא וואלטען איהר אקערן . צוא ליעב דיא רעגען ווערים , ווערען דיא אויבערשטע פֿאַבֿען ערד ניט איינגעלעגען אונ פֿערהארטעוועט , אבער זייא בענייען זיך שטאָנדיג . דאס איז זעהר נוטצליך פֿאר דיא ווארצלען אונ פֿאר דיא פֿערזייטע קאָרינדליך .

דריטענס , מאַבֿען זייא דיא ערד פֿעט מיט דעם זאפֿט פֿון זייערע קישקעס , מיט בלעטער אונ צווייגען אונ מיט זייער מיסט .

מיט איין ווארט , דיא רעגען ווערימליך מאַבֿען פֿון שלעבֿטער ערד — גוטע , פֿעטע גאָרטען ערד .

וויא טהיערען שניידען היי .

אין סיביר , אויף דיא אַלטאישע בערג לעבט איין קליינעס טהיער , וואס רופֿט זיך דער בארג-האָז . זיין וואהנונג מאַבֿט ער זיך אין דיא שפֿאלטען פֿון דיא פֿעלזען . אלע זוממער אין אווגוסט נעהמט ער קלייבען גראז אויף ווינטער ער גריזעט אונטער דיא גראז אונ לייגט זייא אוים טריקענען אויף דער זונן . ביז סענטיאבר טריקענט זיך דיא גראז גוט אוים . וויא דער בארג-האז בעמערקט נור , אז דיא גראז איז שוין גוט טרוקען — נעהמט ער איהר מיט זיינע לאַפּקעס צונויף שארען אין שטאָגען פונקט וויא אמענש . ער שאַרט צונויף גאנץ היבשע שטאָגען וואס האלטען אמאל 3 ארשין דיא הויך אונ דריי ארשין דיא ברייט . רייזענדע וואס זיינען דורך געפֿאהרען דיא

ארטער

אָרטער, וואו עס לעבען דיא בארג-האזען, האבען זיך געוואונדערט, זעהענדיג אזעלכע שטאגען היי: ארום און ארום אויף עטליכע הונדערט ווערסט געפינט זיך ניט קיין שפור, קיין זכר פון קיין מענשען און מיט אמאל שטעהען דא שטאגען היי און נאך אויף אגוטען ארט: ערגעץ אונטער אבארג וואוהין דער רעגען קומט ניט צוא. אין אמתן אבער האט דיעזע סטאגען היי צוזאממענגעלעגט אטהיער, און ניט קיין מענש. דער בארג-האז נאָהרט זיך מיט היי און ער גרייט זיך אָן שפייז אויף ווינטער זעהר פיעל.

וויא טהיערע גרייטען זיך אן שפייז אויף שפעטער.

פיעל טהיערע שאפען זיך שפייז ניט נור אויף היינטיגען טאג אליין, אבער זייא לייגען אב שפייז אויף שפעטער אויך, זייא פערשטעהן אז אויב זייא וועלען זיך בייצייטען ניט פערזארגען מיט שפייז, וועלען זייא דערנאך ניט האבען וואס צוא עסען. עס איז דא וויא גרויסע אזויא קליינע טהיערען וואס מאכען זיך שפייכלער׳ און לייגען זייא אן, ווער מיט קאָרנער, ווער מיט ניס, ווער מיט טרוקענע גראז און ווער מיט וואס אנדערש. אין זיד-אמעריקע לעבט אסארט האָלץ-פיקער וואס האט אויף זיך גרינע פעדערן. דיעזע גרינע האָלץ-פיקערס שפייזען זיך איבערהויפט מיט מוראשקעס, נור אויף ווינטער גרייטען זייא זיך אָן חזירשע ניס. זייא פיקען אוים אין דער קארע פון דעמבען און סאסנעים קליינע רונדע גריבליך און בעהאלטען אין יעדער גריבעלע אַחזירשען נוס. זייא שלאגען אריין זייערע ניס אזויא שטייף אז עס איז זייא שווער ארויסצונעהמען. פון ווייטען ווייזען אוים דיא בוימער וויא אנגעשלאגען מיט נאָגעל׳. איין אנדער סארט אמעריקאנישע האלץ-פיקער מאכען זיך גאנצע שפייכלער. זייא בויערען אוים מיט דיא שנאבלען אין בוימער טיעפע לאָכער און וויא עס קוממט אָן דיא קאָלטע הערבסט צייט, לייגען זייא אָן דיא לאָכער פול מיטן קאָרינדליך און פרוכטען.

אונזער וועווערקיז מאכט זיך אויך אויף ווינטער אשפייכלער. זיא קלייבט אוים אויף דעכן אגוטען ווינקעלע אדער אין אַ לאָך פון אבוים, אדער אונטער דיא ווארצלען פון אַבוים, אדער זיא גראבט זיך גאר אוים אויף דעם בעזונדערע גריבליך. איהר שפייכלער פאקט דיא וועווערקע אָן מיט קאָרנער און מיט זוימען. אנדערע וועווערקעס גראבען זיך אוים אזעלכע עטליכע גריבליך. דיעזע שפייכלער פערזארגען זייא מיט שפייז אויף דעם גאנצען ווינטער. נור עס מאכט זיך אבער אמאל אז דיא וועווערקע פערגעסט וואו איהר שפייכלער געפינט זיך. זיא נעהמט איהם זוכען און זוכט אזויא לאנג

ביז

ביז זיא געהט אוים פֿון הונגער. איבערהויפּט קומען דיא וועווערקעס אפּ זען עס שטעהט אשלעכֿטער אָסיען אונ זייא אוספייען ניט זיך אָן צוא גרייטען שפּייז.

דער האַמשטער (חאָמיאַק) פֿערשטעהט זעהר גוט וויא זיך צוא פֿערזארגען מיט שפּייז אויף דיא שלעכֿטע צייט. בייא איהם אין נאָרע וועט איהר שטענדיג געפינען אמאגאזין אנגעלאדען מיט אלערלייא עסענס. זיין נארע איז טיעף אין דער ערד, זיא האלט אמאל 3 ארשין דיא טיעף. אין דער נארע האט ער צווייא טהירען פֿון דרייערקייט וועגען, טאמער פֿאללען אָן פֿיינד זאל ער האבען פֿון וואנען ארויסלויפֿען. דיא נארע בעט ער אוים מיט שטרויה, עס זאל איהם זיין ווייכֿער אונ וואַרימער צוא זיצען. פֿון דער נארע געהט אַטהירעלע אין אַ צווייטען צימעריל וואס געפֿינט זיך לעבען דעם ערשטען. דיזעס צווייטעס צימעריל דיענט דעם האמסטער פֿיר אשפּייכלער, וואו ער האלט זיינע עסענווארג. אָפֿט געפֿינען זיך בייא איהם אין נארקע אזעלכֿע עטליכֿע שפּייכלערציקעס. זיינע שפּייכלער פאקט ער אן מיט קאָרנער פֿון ווייץ, קאָרען אונ דאס גלייכֿען, ער קאנן צונויף קלייבען קאָרנער פֿון דרייא ביז זעכֿס אכֿטעל. דאס קאסט איהם געוואהנליך גענוג צייט אונ מיהע. געוואהנליך געהט ער ארוים מאכֿען זיינע זאַפּאַסען בייא נאכֿט. ער קומט אין פֿעלד וואו עס וואכסט תבואה, חאפּט אָן מיט דיא לאפּקעס אַשטרוי, בייגט איהם איין אונ בייסט אפּ דעם זאנג. דער נאך נעהמט ער אריין דעם זאנג אין דיא לאפּקעס, טוהט איהם ארייב אהער אונ אַ הין, אונ עס פֿאללען ארוים פֿון איהם אללע קאָרנער. דיא אויסגעטרייסעלטע קאָרנער נעהמט ער אריין אין מויל. דאס זעלבע מאכֿט ער מיט נאך אזאנג, אדריטטען, אפֿיערטען אונ פאקט אָן אין מויל ביז אַ פֿיערטעל פֿונט קאָרנער. ער שטאפּט אזויא אָן דעם מויל, אז עס ווייזט אוים וויא דיא באַקען זיינען בייא איהם אנגעשוואלען, אונ זיין גאנצע געזיכֿט ווערט אזויא פֿעראָנדערט, אז מען קאן אויף איהם ניט קוקען אהן אַגעלאָכטער. מיט דעם אנגעשטאפּטען מויל קאן דער האמשטער אפֿילו זיך ניט בייסען. נור פֿון דעסט וועגען איז איהם ניט לייכֿט צוא חאפּען ווארום אין איין אויגענבליק וואַרפֿט ער ארויס פֿון מויל דיא קאָרנער אונ וועהרט זיך מיט אלע זיינע קראַפֿטין.

דיא האמשטערען מאכֿען אָן זעהר פֿיעל שאדען אויף דיא תבואה-פֿעלדער. דעראיבער האלט מען אין אנדערע לאָנדער פֿיר גוטצליך אוים צוראָטען דיא האַמשטערען. צום בייא שפּיעל אין טורינגיען (אין דייטשלאנד) איז דא מענשען, וואס לעבען נאר דער פֿון, וואס זייא גראבען אוים האמשטערען אונ טיידטען זייא. פֿאר יעדען האמשטער צאהלט מען זייא פֿון שטאדט עטליכֿע קאפּיקעס. פֿון דיעזער בעלאהנונג אליין וואלטען זייא

געוואהנליך

געוואהנליך נאך ניט געקאנט לעבען, נאר אויסער דעם געהערט אויך צוא זייא דער גאנצער שפייכלער תבואה, וואס זייא געפינען בייא דיא האמשטער אין דיא נארעס. זייא וואשען איבער דיא קארנער, טריקענען אוים און פערקויפען. דאס טראגט גענוג איין.

3.-טעס קאפיטעל

וועגען פערשיידענע בעשעפטיגונג פון דיא טהיערען.
דיא טהיערען וואס האלטען פיהע אין בעדיענונג.

ניט אלע טהיערען נאהרען זיך מיט אייגענער הארעוואניע. עס איז דא אזעלכע טהיערע, וואס צווינגען און נאטהען אנדערע טהיערען, פון איין אנדער מין, זייא זאללען ארבייטען פאר זייא. פונקט וויא מענשען האלטען בייא זיך היימישע פיה, פערד, אקסען און דאס גלייכען, און בענוטצען זיך מיט זייא אויף פערשיעדענע ארבייט, אזויא האבען אמאל טהיערען אונטער זיך אנדערע טהיערען, מיט וועלכע זייא פערשאפען זיך וויא מיט קנעכט.

אין זיד-אמעריקע, אין בראזיליע לעבען אזעלכע מוראשקעס וואס האלטען בייא זיך אין דיא מוראשניקעס אזויא וויא אין געפיינגעניש, דיא האלץ-וואנצען. דיזע וואנצען ארבייטען אויף דיא מוראשקעס וויא פערד אויף מענשען. זייא שלעפען אין מוראשניק אלע בלעטליך, וואס דיא מוראשקעס קלייבען צונויף. דיא מוראשקעס שטעלען זייא אוים אין ציילען און שערענגעס וויא סאלדאטען, און געהן נעבען זייא און גיעבען אכטונג, אז זייא זאלען ניט צולויפען און קיינער פון זייא זאל ניט אוועקווארפען דיא בלעטעלע וואס ער טראגט. וויא דיא מוראשקעס בעמערקען נור, אז אפוילער אדער אקראנקער וואנץ שטעהט אפ פון דיא איבעריגע וואנצען אזוי נעהמען זייא איהם בייסען, און בייסען איהם אזויא לאנג ביז ער מוז אנפאנגען געהן געשווינד וויא עס דארף צוזיין. וויא דיא וואנצען ענדיגען זייער ארבייט פערטרייבען זייא דיא מוראשקעס צוריק אין מוראשניק וואו עס איז דא פיר זייא בעזונדערע שטאלכלאך, אזויא וויא מענשען האלטען בהמות אין בעזונדערע שטאלען. דארטען זיטצען דיא וואנצען ביז וואנען דיא מוראשקעס טרייבען זייא ווידער ארוים צוא דער ארבייט. מען דערצעהלט, אז דיא מוראשקעס בעהאנדלען זייא זעהר שלעכט: זייא פערגיעבען זייא זעהר פיעל ארבייט און גיעבען זייא וועניג עססען.

בייא אונז אין אייראפע לעבט איין אנדער סארט מוראשקעס, וועלכע האלטען בייא זיך אין דיענסט דיא רופען (ווארימליך) פון אגעוויסען זשוק

דיעזע רויפּען קאָנען זיך גיך פֿערגראבען אין דער ערד, וואו זייא גראבען פֿיר זיך ברייטע וועגען. דיא מוראשקעס ווייסען פֿון דעם אונ בענוטצען זיך מיט דיעזע רויפּען.

איינער דערציעהלט, אז ער האט אמאל צוגראבען אמוראשניק אין וועלכען ער האט געפֿונען אַרויפּע פֿון דיעזען זשוק. ניט פֿערשטעהענדיג וויא קוממט אהין דיעזע רויפּע, האט ער איהר גענומען אונ ארויסגעווארפֿען פֿון דארט. אבער וויא ער האט דאס נאר געטהאן איז געווארען ארודעריי צווישען דיא מוראשקעס, וואס האבען גלייך ארומגערינגעלט דיא רויפּע אונ גענומען שטופּען אין איין זייט. דער מענש איז געווען נייגיעריג צוקוקען, וואהין זייא שטויסען איהר אונ ער האט באלד דערזעהן, אז זייא האבען איהר צוגעשלעפּט צוא אקליין שפּעלטעלע, וואס איז געווען אין דער ערד. דער שפּעלטעלע איז געווען זעהר קליין אונ אמוראשקע וואלט בשום אופֿן ניט געקענט דורך קריעכען דורך איהם. דיא רויפּע אבער איז באלד אריינגעקראָכען אהין אונ האט גענומען זיך גראבען אונ מאַכען ברייטער דעם שפּאלט. מעהר וויא דאס האבען דיא מוראשקעס ניט בעדארפֿט. דיא רויפּע האט זעהר געשווינד געמאַכט אוועג גלייך צוא זייא אין קעלער אריין, וואו זייא האבען געהאלטען זייערע גוטס. דורך דיעזען וועג זיינען דיא מוראשקעס אריין צו זיך אין שפּייכלער אונ האבען גענומען ראטעווען פֿון דארט זייערע זאפּאסען שפּייז. דער זעלבער מענש דערציעהלט, אז ער האט בעמערקט, וויא דיא מוראשקעס בענוטצען זיך מיט דיא וועגען אונטער דער ערד וואס דיא רויפּען גראבען פֿיר זייא אויס.

פֿיעל סארטען מוראשקעס האלטין בייא זיך פֿיר קנעכט דיא בעקאַנטע אינזעקטען, דיא גראַז־לייז. דיעזע גראַז־לייז זיינען קלענער פֿון מוראשקעס. זייא לאזען ארויס פֿון זיך אזיסליכען וואַסערעל, וואס דיא מוראשקעס האבען זעהר ליעב. צוליעב דיעזען וואַסעריל האלטען זייא דאס בייא זיך דיא מוראשקעס, וואס מעלקען אפֿילו דיא גראַז־לייז. וויאַ נאר דיא מוראשקע דערזעהט אַ גראַז־לויז, אזויא לויפֿט זיא צוא איהר צוא אונ נעהממט איהר קיצלען מיט איהרע וואנציקליך דעם בייכעל. דאמאלס לאזט דיא גראַז־לויז ארויס פֿון זיך אלויטערען טראפּען זיסע זאַפֿט. דיא מוראשקע שלינגט גיעריג איין דיעזען זאַפֿט.

דיא מוראשקעס גיעבען זעהר גוט אכטונג אויף דיא גראַז־לייז. זייא מאַכען פֿון זייערט וועגען בעזונדערע וואהנונגען. אנדערע גראַז־לייז לעבען אויף דיא שטענגלאך פֿון געוואַכסע. ארום דיעזע שטענגלאך בויען דיא מוראשקעס אויס אזויא וויא אַ קוימען (ארוהרע). אינעווענינ צווישען דעם שטענגעל אונ דעם קוימען איז דא גענוג ארט, וואו עס זיטצען דיא גראַז־לייז. אין עטליכע אָרטער איז דיא רוהרע ברייטער, עס זאל זייא זיין גערוימער צוא

צוא אטהמען. דיזע וואהנונגען מאכען דיא מוראשקעס אויף אזא ארט, אז נור זייא זאלען קאננען אהין צוקוממען אונ ארויסגעהן, אבער דיא גראז-לייז זאלען פון דארט ניט קאננען ארויסגעהן, אנדערע מוראשקעס בויען אויס לאנגע קארידארען גלייך פון זייערע מוראשניקעס אין דיא וואהנונגען פון דיא גראז-לייז. מיט איין ווארט, דיא גראז-לייז זייען פיר מוראשקעס דאס זעלבע וואס פיר מענשען קיה, אונ זייא בויען פיר זייערע קיה אויך שטאלען.

איינער דערצעהלט, אז ער האט אמאל געפונען אויף אבוים אקליינעס באלאנציק וואס האט געהאלטען ארום אונ ארום ניט מעהר וויא דרייא צאל דער באלאנציק איז געהאנגען אויף אשפיטץ צווייגעלע אונ האט אויסגעוויזען וויא ער וואלט געוועזען געמאכט פון קלייא. צוא דיזעם באלאנציק זייען יעדע מינוט צוגעלאפען מוראשקעס. דער מאנן האט גענומען דעם באלאנציק אין האנד אקוק צוא טהון וואס אין איהם איז פארהאנען, אונ דא האט ער דערזעהן אז אינעווייניג זענען געזעסען גראז-לייז. דאס איז געווען אשטאל, וואו דיא מוראשקעס האבען געהאלטען זייערע קיה.

דיא מוראשקעס גיעבען אכטונג, אז דיא גראז-לייז זאלען האבען וואס צועסען. זייא זארגען פאר דיא אייעליך אפילו וואס דיא גראז-לייז לעגען, טאמער מאכט זיך, אז אגראז-לויז לעגט איהרע אייעליך ערגעץ אויף אזאנג אדער א צווייגעל, נעהמען דיא מוראשקעס זייא צוא פון דארט אונ בעהאלטען זייא אין מוראשניק, וואו עס קאנן זייא ניט שאדען ניט דער רעגענדיגער הערבסט אונ ניט דער קאלטער ווינטער. ווען עס מאכט זיך וואס עס איז פאר איין אומגליק אין מוראשניק אונ דיא מוראשקעס מוזען ענטלויפען, ראטעווען זייא ארויס פון מוראשניק ניט נור זייערע אייגענע רויפען, נור דיא אייעליך פון דיא גראז-לייז אויך, מיט איין ווארט, דיא מוראשקעס בעמיהען זיך וויא וויט זייא קאננען, אז דיא גראז-לייז זאלען זיך מעהרען אונ זייערע אייעליך זאלען ניט פערפאלען ווערען אומזיסט. אז עס קומט אן דער פריהלינג אונ פון דיא אייעליך קריעכען ארויס קליינע גראז-לייז, טראגען זייא דיא מוראשקעס ארויס פון מוראשניק אויפין ליכט.

דיא מוראשקעס זוכען אויס פיר זייערע קיה'עליך וואס בעסערע ערטער זיך צוא פיטערן. זייא טראגען זייא שטענדיג ארויס אויף אזוינע ערטער, וואו עס איז דא גענוג שפייז פאר זייא. דיא מוראשקעס וויסען שוין וועלכע געוואקסע דיא גראז-לייז האבען ליעב אונ זעטצען זייא שטענדיג אויף דיזע געוואקסע. איינער דערצעהלט וועגען דעם אזא מין מעשה: עס איז געוואקסען בייא איהם אין גארטען צווייא יונגע יאסענאווע בוימען, איין בוים איז געוואקסען גוט, אויף דעם אנדערען פלעגען אלע פריהלינג אנפאלען זעהר פיעל גראז-לייז וואס האבען צונישטשעט דיא יונגע בלאטטער

און אַש געמאַכט פֿונ'ם גאנצען בוים. ער האט אצייט ניט פֿערשטאנען פֿון וואנען נעהמט זיך דאס פלוצלונג אויף דעם אנדערן בוים מיט אמאל אזויא פֿיעל גראז לייז. איין יאהר האט ער זיך מישב געווען, ער וועט זייא נעהמען אויס ראמען. ער האט גענומען וואסער און האט גוט ארום געוואשען און ריין געמאַכט דעם גאנצען בוים, יעדעס צווייגעלע און יעדע קנאָספּע. דער בוים האט אנגעהויבען וואקסען וויא געהאָריג איז און דער ווירטה פֿון דעם גארטען האט זיך שוין געפֿרייעט אז ער איז פטור געווארען פֿון דיא גראז-לייז. אבער זיין שמחה האט ניט לאנג געדויערט. אין אנפֿאנג יוני איז ער אַ מאל אויפֿ'ן פֿריה מארגען ארויסגעגאנגען אין גארטען און האט דערזעהן וויא אויף זיין בוים לויפֿען ארויף און אראב גאנצע פֿאָלקען מוראשקעס. בשעת ער איז צוגעגאנגען נאָהנטער, האט ער בעמערקט אז דיא מוראשקעס שלעפען אויף זיין בוים ארויף גראז-לייז. דיא אונטערשטע צווייגען פֿון דעם בוים זיינען שוין געווען אפגעשאטען מיט דיא גראז-לייז. אין עטליכע וואָכען אַרום איז דער בוים געבליבען נאקעט אהן איין בלאַטעלע. ער האט ווידער אבגערייניגט דעם בוים פֿון דיא גראז-לייז, אבער דיא מוראשקעס האבען אגשטאט זייא באלד אנגעשלעפט נייע.

נאך איינער דערצעהלט, אז ער האט געזעהן, וויא מוראשקעס האבען ארויפֿגעלאזען יונגע גראז-לייז אויף דעם בלום וואס רופֿט זיך גאָנזענבלום. מיט איין ווארט, דיא מוראשקעס בעזארגען זיך וועגען דעם, דאס זייערע קליינע קיה'ליך זאלין האבין גוטען שפייז.

ניט דיא גראז-לייז אליין לאזען פֿון זיך ארויס אזיסען זאפֿט. עס איז דא נאך קליינע טהיערען חוץ זייא, וואס טהוען דאס אויך. דיא מוראשקעס בענוטצען זיך מיט דיעזע טהיערען אויך.

אויסער מוראשקעס, לעבען אין מוראשניק נאך פיעל אנדערע בעשעפֿענישען וואס דיא מוראשקעס בעליידיגען זייא ניט און גיעבען נאך אמאל אכטונג אויף זייא. למשל אין מוראשניק געפֿינט זיך אפֿט אגאנץ קליינער זשוק. דיעזער זשוקעלע איז גאר אבלינדער און זעהט ניט וויא צוא עסען, דעראיבער קארמען איהם דיא מוראשקעס.

איינער דערצעהלט, אז ער האט אמאל געזעהן, וויא עטליכע מוראשקעס האבען געלעקט אשטיקעל צוקער. דער בלינדער זשוק איז צוגעלאפֿען צוא איינע פֿון דיא מוראשקעס און האט איהר עטליכע מאהל מיט זיינע וואנציליך אקלאפ געטאהן אין קאפ. דיא מוראשקע האט אופֿגעהערט צוא עסען דיא צוקער, האט זיך אבגעקעהרט צום זשוקעלע און האט איהם בענומען קאָרמען פֿון מויל.

מוראשקעס וואס האבען קנעכט.

מוראשקעס האלטען בייא זיך אין מוראשניק קנעכֿט. דיעזע קנעכֿט זיינען אויך מוראשקעס, נור פֿון איין אנדער סארט. איהר דארפֿט וויסען, אז עס איז דא זעהר אסך סארטען מוראשקעס אויף דער וועלט. עס איז פֿארהאנדען ווייסע מוראשקעס, געלע, שווארצע, רויטע און אללערלייא אנדערע. עס איז דא גרויסע מוראשקעס און קליינע מוראשקעס; עס איז דא אזעלכֿע וואס האבען גרויסע קאָפּ און שרעקליכֿע קינבאקען און פֿערקעהרט, וואס האבען קליינע קאָפּ און קליינע קיננבאקען. דיע בלוט-רויטהע מוראשקעס האלטען בייא זיך אין מוראשניק קנעכט, וואס ארבייטען אָהן אופֿהערען פֿיר זייערע הערשער, שפּייזען זייא, ניאַנצען און ערציעהען זייערע קינדער, און בעשיטצען זייא זאָגאַר פון זייערע פיינדע.

איינִיגע סארטען מוראשקעס לאזען קיין מאל ניט אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט זייערע קנעכט. דיע קנעכט ארבייטען אין מוראשניק, און זייערע הערשער פֿערשאַפֿען שפּייז און טהוען אַלעסדינג וואס עס-מאכֿט זיך אין דרויסען. ווען דיעזע מוראשקעס דארפֿען זיך מיט אלעמען איבער-קלייבען אין איין אנדער אָרט, נעהמען זייא זייערע קנעכט אין דיא מיילער און טראגען זייא אזויא איבער פון דעם אלטען ארט אויף דעם נייען.

אַנדערע סארטען מוראשקעס האלטען זעהר אַסך קנעכט בייא זיך אין דיע מוראשניקעס. בייא דיע פורפור-רויטע מוראשקעס, למשל, קאנט איהר געפינען צו עטליכע טויזענד קנעכט אין אמוראשניק. דיע קנעכט ארבייטען פֿאר זייא פֿון פֿריה ביז נאכט, און דיא הערשער אליין טהוען וועניג. דיע זכֿרים און דיע נקבות טהוען גאר ניט; דיא ארבייטער-מוראשקעס וויסען מעהר גיט וויא צו שטרייטען מיט זייערע פֿיינד. ווייטער טהוען אלסדינג פאר זייא דיא קנעכט. דיא הערשער אליין קאנען אפֿילו זייערע אייגענע נעסטען פֿיר זיך ניט מאכען, און זיינען ניט פֿאֶהיג זייערע אייגענע רויפֿען אוים צוא האדעווען. דאס אלעס טהוען זייערע קנעכֿט. טאמער דארף מען זיך איבער קלייבען אויף אנייען אָרט מוזען אויך דיא קנעכֿט געהן זוכֿען וואוהין זיך איבערצוקלייבען, ווארום דיא הערשער אליין זיינען דאס ניט אים שטאַנד צוא טהאן. אז עס קוממט דיא צייט זיך איבערצוקלייבען נעהמען דיא קנעכֿט זייערע הערשער אין דיא מיילער און טראגען זייא אזויא איבער פֿון דיא אלטע אֶרטער אויף דיא נייע. וואס דארפֿט איהר מעהר, דיא רויטע מוראשקעס קאנען אליין אפֿילו ניט עסען, מען מוז זייא קארמען. איינער דערצעהלט, אז ער האט אמאל געמאכֿט אזא מין פראבע. ער האט אריינגעלייגט עטליכֿע פּורפור רויטע מוראשקעס אין אקעסטעל, וואו

עס

עס איז געװען אביסעל האניג. דיעזע מוראשקעס האבען זעהר ליעב האניג. נור פֿון דעסט װעגען האבען זייא זיך צום האניג אפֿילו ניט צוגעריהרט. זייא זיינען אזויא געלעגען דארט אפאר טאג. עטליכֿע פֿון זייא זיינען געשטארבען פֿון הונגער אונ דיא װאס זיינען געבליעבען לעבען, זיינען זעהר אבגעשװאכֿט געװארען. דער מענש האט זיך דערבארימט אויף זייא אונ ער האט געהאפט אמוראשקע-אקנעכֿט אונ האט אריינגעלאזען אין קעסטעלע. דיעזע מוראשקע האט זיך גלייך גינומען צוא דער ארבייט. זיא האט געשװינד אנגעקארמעט דיא הערען, װאס זיינען נאך געבליבען לעבען, דערנאך האט זיא געגומען געהן ארום דיא רויפען פֿיר װעלכֿע זיא האט געמאכֿט בעזונדערע ארטער װאו זייא האבען געקאנט רוהיג ליעגען, מיט איין װארט — דער קנעכֿט האט אלעמען פֿערזארגט.

דיא פורפור-רויטע מוראשקעס, װיא אויבען איז געשטאנען, קאנען אליין ניט עסען אהן װעמעס עס איז הילף. דער מויל איז בייא זייא אזויא געמאכֿט, אז בייסען זיך מיט איהם קאנען זייא אונ צוא קייען דאס עסען — ניט. דעריבער מוזען זייא ניט װילענדיג עססען פֿון קנעכֿטס מויל.

דיא מוראשקעס װאס האבען קנעכֿט, קאנען ניט עססען, ניט טרינקען אהן יענעמס הילף, זייא קאנען נור זיך שלאגען. זייא פֿיהרען אמתע שטרייטען מיט אנדערע סארטען מוראשקעס, אונ בעראבעװען זייערע מוראשניקעס. זייא נעהמען אװעק מיט גװאלט בייא דיא איינגענומענע מוראשקעס דיא רויפען אונ אייעליך אונ טראגען אװעק צוא זיך אין מוראשניק אריין. פֿון דיעזע שװארצע רויפען װערען געבארען שװארצע מוראשקעס. זייא װערען שוין געבארען קנעכֿט, אונ דעריבער געװאהנען זייא זיך לייכֿט צוא צוא זייער לאגע. אויף דעם ארט פֿערשאפֿען זיך דיא הערשער-מוראשקעס געטרייע קנעכֿט, געהארזאמע אונ ארבייטסזאמע, װאס װייסען פֿון קיין זאך, אויסער זייער מוראשניק. דיעזע קנעכֿט זיינען אזויא געװאהנט אלצדינג צוא טאהן פֿיר דיא הערען, דאס דיא הערען האבען אליין גאר פֿערגעסען װיא מען בויעט אנעסט, װיא מען ערציעהט קינדער אונ אפֿילו װיא אליין צוא עסען.

װיא מוראשקעס שאפען זיך קנעכט.

פֿיעל מענשען האבען געזעהן מיט דיא אייגענע אויגען װיא מוראשקעס פֿערשאפֿען זיך רויפען פֿון פֿרעמדע מוראשניקעס. דיא מוראשקעס פֿון איין סארט פֿיהרען שטאנדיג שטרייט מיט דיא מוראשקעס פֿון אנדערע סארטען אונ נעהמען איינע בייא דיא אנדערע אין פֿליען דיא רויפען.

איידער זייא געהן ארוים אויפ'ן שטרייט, שיקען זייא אונטער צוא דעם פֿרעמדען מוראשניק שפּיאָנעס. דיא שפּיאָנעס בעטראַכטען דעם מוראשניק פֿון אלע זייטען, קוקען ארום אלע זיינע טהירען דורך וועלכע מען קאן צוא איהם צוקוממען. נאַכהער קעהרען זייא זיך אום צוריק צוא זיך אהיים. איידער דיא שפּיאנעס געהען אריין אין מוראשניק אבגעבען ראַפּאָרט פֿון זייער רייזע, זיינען זייא זיך אלאנגע צייט מישב וויא עס איז בעסער אויסצופֿיהרען זייער פּלאן.

איינע דערצעהלט, אז ער האט גיזעהן, וויא דיא שפּיאנעס פֿלעגען צוריק קוממענדיג אצייט ארומקריכען אויף דעם דאַך פֿון זייער מוראשניק, איידער זייא האבען זיך בעשלאססען אריינצוגעהן צוא זייערע קאַמעראדען אונ איבערגעבען דאס וואס זייא האבען זיך דערוואוסט. — וויא זייא קלאָרען שוין אלצדינג אב, געהן אראפּ עטליכע פֿון זייא אין מוראשניק אונ גיעבען איבער אלע נאַכריכטען אונ דאס וואס זייא האבען אבגעקלערט צוא טהאן; באלד נעהמען זיך שטעלן דורך אלע טהירען פֿון מוראשניק דיא סאלדאטען. אקורצע צייט לויפֿען זייא אונ דרעהען זיך ארום זייער מוראשניק, פּונקט וויא זייא וואלטען זיך צובערייטען צוא דער רייזע, אונ דער נאך לאָזען זייא זיך אוועק ראַבעווען דעם פֿרעמדען נעסט. אין וועג געהען זייא ציילען וויים, פּונקט וויא ריכטיגע סאלדאטען. מען האט בעגעגענט פּולקען סאלדאטען פֿון מוראשקעס, וואס האבען פֿערנוממען 6 ארשין אין דער לאַנג אונ אוויאָרשקעס 12 אין דער ברייט.

געוועהנליך געהן זייא ארוים שטרייטען ארום זייגער פֿיער נאך האלבען טאג. דיא וועג געדויערט בייא זייא אפּט אגאנצע שטונדע. וויא זייא קומען אן צום פֿרעמדען מוראשניק, ווערט דארט באלד אַ לאַרם; עס לויפֿען ארוים פֿון דעם פֿיינדליכען לאגער דיא סאלדאטען אונ עס הייבט זיך אן צווישען זייא דער שטרייט. דיא רויבער ווענדען אן אלע קראַפֿטען אום וואס גיכער צוא האפּען דיא רויפּען אונ אוועק געהן, אבער דאס איז ניט אזויא לייכט. דיא מוראשקעס בעשיטצען זייער נעסט מיט וואס זייא קאנען. אַמאָל ווערען דיא רויבער פֿערטריעבען מיט שאנד, אבער עס טרעפֿט אויך אז דיא רויבער קעהרען זיך אום צוא זיך מיט הונדערטער רויפּען, דארט בייא זיך אין מוראשניק גיעבען זייא איבער דיא רויפּען אויף דיא קנעכטס הענד, וועלכע גיעבען שוין אכטונג אויף זייא אונ האדעווען זייא אוים.

אזעלכע בעפֿאללען מאַכען זייא דורכ'ן זוממער עטליכע מאל. איין מאל האבען אזעלכע רויבער צוא ווארפֿען אמוראשניק אונ ארויסגעטריבען דיא געלע מוראשקעס. אין אוואך ארום האבען זיך דיא אומגליקליכע מוראשקעס געמאַכט אנייע וואהנונג. אבער וויא דיא רויבער האבען דאס נאר ערפֿאַהרען האבען זייא ווידער געמאַכט אַ בעפֿאלל אויף דיא געלע מוראשקעס, האבען

ווידער

ווידער צוא ווארפֿען זייער נעסט אונ אוועקגעפֿיהרט זייערע רויפען נאך אמאל.

אנדערע מוראשקעס זיינען אזעלכֿע רויבער, אז אין איין זומער האלטען זייא פֿיערציג מאל מלחמה, אונ אמאל נאך מעהר. מען האט אמאל בעמערקט, אז איין נעסט פֿון אזעלכֿע רויבער האבען דורך'ן זומער געפֿיהרט פֿיער אונ פֿיערציג שטרייטען אונ 28 מאל האט זייא געגאלטען זיך אומצוקעהרען פֿון שטרייט מיט פֿיעל רויב.

דיא בלוט-רויטע מוראשקעס בעלאגערען פֿרעמדע מוראשניקעס, פונקט וויא מענשען בעלאגערען אשטאדט. זייא רינגלען ארום דעם מוראשניק פֿון אלע זייטען, נאהנט געהען זייא צוא איהם ניט צוא, אבער זייא לאזען פֿון איהם קיינעם ניט ארויס. אזויא שטעהען זייא אונווארטען ביז וואנען עס קוממען צוא זייא אונטער מיטהעלפֿער פֿון זייער מוראשניק. וויא זייא פֿיהלען זיך שוין גענוג שטארק, מאכֿען זייא מיט האַסט אבעפֿאלל אויף דעם פֿרעמדען מיראשניק אונ זעהען צוא פֿערנעהמען אלע וועגען אונ אלע טהירען פון איהם. בייא יעדער טהיר שטעלט זיך אַ באַטאַליאָן בלוטיגע מוראשקעס, וועלכֿע קאַראולען דיא בעלעגערטע מוראשקעס אונ לאזען זייא ניט ארויסטראגען זייערע רויפען. דיא מוראשקעס, וואס געהן ארויס אהן רויפען, לאזען זייא דורך, אבער דיא וואס האבען מיט זיך רויפען, שטעלען זייא אב אונ נעהמען בייא זייא אוועק דיא רויפען. אויף דעם אופֿן ט־ייבען זייא ארויס פֿון מוראשניק אלע בעשיטצער, אלע סאלדאטען, אונ דערנאך קריעכֿען זייא אהין אריין, קלייבען רוהיג צונויף דיא רויפען אונ טראגען אוועק צוא זיך אין מוראשניק אריין.

דיא מוראשקעס קאנען ניט נור אנפֿאלען, אבער זייא זיינען אויך אים שטאנד זיך צוא בעשיטצען. דיא קנעכֿט-הערשער, צום ביישפיעל, קומט זעהר שווער אן איינצונעהמען דיא געלע מוראשקעס, ווייל זייא שיטצען זיך ביז דאס לעטצטע.

דיא בעלאגערער קאנען נאר טריט בייא טריט געהן פֿארווערטס, ווארום דיא פֿיינד פֿערצאמען זייא דיא וועג אונ האַרן זיך ניט אויף מיט זייא צוא שלאגען אפֿילו בשעת זייא שפארען זיך שוין אריין מיט געוואלט צוא זייא אין מוראשניק. אונ אין דער צייט וויא איין טהייל פֿון דיא געלע מוראשקעס האלטען אב זייער פֿיינד אונ לאזען איהם געהן, גראבט דער אנדערער טהייל אונטער דר'ערד לאנגע היילען, דורך וואנען זייא זאלען קאננען ענטלויפֿען אז מען וועט דארפֿען. אפֿט איז בייא זייא שוין דא פֿון פֿריער אזעלכֿע היילען אונ סעקרעטנע טהירען.

עס טרעפֿט אמאל אויך, דאס מוראשקעס פֿון דעם זעלביגען סארט נור פֿון פֿערשיעדענע מוראשניקעס, פֿיהרען צווישען זיך אויך שטרייטען. אונ אזעלכֿע שטרייטען זיינען דיא שרעקליכֿסטע אונ עס ווערד אין זייא

פערגאססען

פערנאססען פיעל מעהר בלוט וויא אין געוואהנליכע, אזויא וויא דאס קוממט פאר אין דיא בירגער שטרייטען בייא מענשען. אזעלכע שטרייטען טרעפפען זיך, צום ביישפיעל, צווישען דיא ערד-ארבייטער-מוראשקעס, ווען איין מוראשניק וויל מיט גוואלט אוועקנעהמען בייא דעם אנדערען זיינע זאפאסען תבואה.

בייא איינינע מוראשקעס געדויערט אזא שטרייט עטליכע שטונדען, צום העכסטען אטאג, אבער בייא אנדערע קאן זיך דער שטרייט פערציעהען אויף עטליכע טאג, אמאל נאך אויף עטליכע וואכען אויך.

איינער איז אמאל געוועזען נייגיעריג אונ האט זיך צוגעקוקט צוא אזא שטרייט פון טאג צוא טאג דיא גאנצע צייט וואס ער האט געדויערט, אונ דיא זאך האט זיך פערצויגען גאנצע זעכס אונ פיערציג טאג. „עס קאן זיין, דערצעהלט דיעזער מאן, אז דער שטרייט פלעגט זיך אין מיטטען ווען עס איז אבשטעלען, אבער ניט אויף לאנג. איך קאן מעהר ניט זאגען, דאס ווען איך בין אהין ניט געקוממען, פלעג איך זייא שטענדיג טרעפפען זיך שלאגענדיג. ענדליך, האבען דאך דיא מוראשקעס פון איין מוראשניק אוועקגינומען אללע זאפאסען בייא דעם אנדער מוראשניק אונ אריבערגעשלעפט צוא זיך".

מוראשקעס ערד ארבייטער פיהרען צווישען זיך אמאל שטרייטען איבער ערד. איינער דערצעהלט וועגען דעם דאס וואס ער האט אליין געזעהן מיט דיא אויגען. אין איין וואלדעל איז געוועזען אמוראשניק פון ערד ארבייטער. ניט וויט פון דארט האבען זיך אויסגעבויעט אנעסט אנדערע מוראשקעס. דאס איז דיא פריהערדיגע איינוואהנער ניט געפעלען געווארען. מוראשקעס קלייבען זיך אויף קארנער, אמאל גאנץ וויט פון זייער מוראשניק, אונ זייא האבען ניט ליעב, אז פרעמדע מוראשקעס זאלען קלייבען מיט זייא אין דיא זעלבע ארטער. עס האט קיין צוויי טאג ניט געדויערט וויא עס האט זיך אנגעהויבען צווישעןביידע מוראשניקעס אשטרייט: דיא אלטע איינוואהנער זיינען אנגעפאלען אויף דיא וואס האבען זיך דארט נאר וואס בעזעטצט זייא האבען דעם נייען מוראשניק ארום געריננעלט פון אלע זייטען. זיינען אריין אינעווענינ אונ האבען געטיידט דיא פרעמדע פיינדע. דיא נייע האבען אויך ניט געשוויגען, זייא האבען זיך געראנגעלט וויא דיא העלדען. דער שטרייט האט זיך געצויגען אויף א שטרעקע פון צווייא קלאפטער ארום דעם מוראשניק. דיא מוראשקעס האבען זיך געשלאגען צוא פאר וויים איינער אויף איינעם. מען דאט זיך געשלאגען אהן ערבארמען. אפט פלעגט אקליינע מוראשקע פון דיא נייע חאפען איהר פיינד פאר'ן פיסעל אונ האט איהר אבגעריססען. יענע זיינען ניט געבליעבען שולדיג אונ האבען

גלייך

גלייך בעצאהלט און פֿלעגען אבבייססען בייא זייערע געגנער דיא קאָפּ את דיא בייכער. דער שטרייט האט געדויערט עטליכע טאָג.

אין אפאר טאג ארום איז דער מענש געקוממען אויף יענעם ארט, וואו עס איז געווען דער שטרייט און ער האט דארט דערזעהן ליעגענדיג זעהר פֿיעל טוידטע מוראשקעס. דאס זיינען גיווען דיא וואס זיינען געפֿאללען אין שטרייט. זייא זיינען געלעגען איינגעשטשעמעט איינע אין דיא אנדערע מיט דיא לאפּקעס אין דיא מיילער, אויף דר'ערד האבען זיך געוואלגערט הונדערטער קערפּער אהן פֿיס און אהן קאָפּ.

דיא שטרייטען פֿון ביענען.

דיא ביענען פֿיהרען אויך שטרייטען אזויא וויא דיא מוראשקעס. זייא שטרייטען צווישען זיך איינע מיט דיא אנדערע איבער דיא האניג וואס זייא נעהמען אוועק איינע פֿון דיא אנדערע.

עס איז דא אזעלכע ביענען, וואס לעבען נור פֿון פֿרעמדע. זייא ראבירען פֿרעמדע בינשטאקען אדער איינציג וויים אדער אין קאמפּאניע מיט אנדערע. עס מאכט זיך, אז עס פֿאלט אן אויף אביענשטאק אגאנצער מיליטאָר פֿון פֿרעמדע ביענען. עס ווערד, אשטרייט דיא ווירטהען דיא אייגענטהימער פֿון ביענשטאק גיעבען זיך ניט אונטער, זייא שיטצען זיך מיט אלע קראָפֿטען. ווער עס איז שטארקער, דער נעהמט איין. גאנץ אפֿט איז דער ביענשטאק פֿערפֿאללען. דיא פֿיינדליכע רויבער פֿאללען אריין און פֿריער פֿאר אלסדינג טיידטען זייא דיא מוטטער אדער דיא קאָניגין פֿון דעם בינשטאק. וויא נור דיא מוטטער איז טוידט, אזויא איז שוין נאך דעם בינשטאק. דיא בינען פֿערליערען מוטה און האפֿנונג. זייא גלויבען אז זייא האבען שוין אין גאנצען פֿערשפּיעלט. זייא האָרן זיך אויף צוא ראנגלען און אנדערע טהוען נאך ערגער: זייא געהען איבער אויפֿ'ן פֿיינדס זייט און נעהמען צוזאממען מיט איהם ראבירען דעם בינשטאק. זייא העלפֿען איהם ברעכען דיא ביענענצעלען פֿון אייגענעם ביענשטאק און טראגען איבער זייער אייגענע האניג אין אפֿרעמדען ביענשטאק.

אייניגע סארטען ביענען לעבען נור פֿון ראזבאָיי. זייא ראָמען אום אללע ארומיגע ביענשטאקען איינעם נאך דעם אנדערען. עס טרעפֿט דאס זייא צוא ראבירען גאנצע פּאסיעקעס (אפֿעלד מיט עטליכע בינשטאקען).

עס איז דא אזעלכע ביענען, וואס פֿאלען אן ניט אויפֿ'ן בינשטאק, נור אויף דיא ביענען וואס טראגען אהין האניג. וויא דער רויבער דער זעהט אין פֿעלד אזא ביען, אזויא פֿאלט ער אן אויף איהם און נעהמט

אפ בייא איהם דיא האניג. אמאל קלייבען זיך צונויף גאנצע שייקעס פון אזעלכע רויבער אונ פאלען אן זאלבע עטליכע אויפין ביענן מיט דיא האניג. איינע האלטען איהם פאר דיא פיסעליך, אונ דיא איבעריגע שטעכען איהם, בייסען איהם אזויא לאנג ביז ער שטעקט ארוים דעם צונג. מעהר וויא דאס דארפען זייא ניט. זייא לעקען אראפ פון צונג איינער נאך דעם אנדערען דיא האניג אונ דער נאך לאזען זייא אוועק דעם ביענן אויף אלע פיער זייטען.

4.-טעם קאפיטעל

וויא טהיערען בויען וואהנונגען אונ זארגען פיר זייערע קינדער. טהיערען ארחיטעקטארען.

אויסער דיא זארג, וואס טהיערען האבען, זיך צופערזיכערען געגען פיינד אונ צוא שאפען פיר זיך וואס בעסער אונ מעהר שפייז, ליעגט נאך אויף זייא דיא זארג, צוא בויען פיר זיך אוואהנונג. ניט ווילענדיג מוז יעדע לעבעדיגע בעשאפענים ווערען אבוימייסטער, איין ארחיטעקטאר. וויא צווישען מענשען, אזויא איז אונטער טהיערען אויך דא גוטע מייסטערעס, אנדערע טהיערען בויען זיך גאר ניט קיין וואהנונגען, וואהנען וואו עס מאכט זיך, היינט זענען זייא דא אונ מארגען זענען זייא אויף איין אנדער ארט, פונקט וויא ווילדע מענשען, וואס וואהנען אין היילען, אונטער א צווייג פון א בוים, אדער גאר אונטער דעם פרייען הימעל, נור דער פאר אבער איז דא צווישען אזעלכע קינצלער פון ארחיטעקטארען דאס עס איז צוא בעוואונדערען, עס איז דא צווישען זייא אלערלייא מייסטערעס, מוליארעס, צעסליארעס אונ אפילו אינזשעניערען, עס איז דא אזעלכע וואס קאנען נייען, פלעכטען, טאקען, שניטצען, שניידען, קלעפען אונ ז. וו. אונ אלצדינג ווערד בייא זייא געמאכט אהן הענד, ווער עס ארבייט מיט'ן שנאבעל, ווער מיט דיא נעגעל, מיט איינעם ווארטע, וואס איינער האט, מיט דעם ארבייט ער. פיעל פערשיידענע געביידען בויען פיר זיך דיא טהיערען. אייניגע טהיערען מאכען זיך נארעס אונ לעבען דארט אב דעם גאנצען לעבען. אנדערע אבער בויען זיך נעסטען נור אויף דיא צייט וואס זייא זייען פערנומען מיט'ן האבען, אונ מיט דער ערציעהונג פון זייערע קינדער עס איז ווידער דא אזעלכע טהיערען וואס בויען אוים גאנצע שטאדט, גראבען קאנאלען מאכען בריקען אונ שטעלען אויף פיעל פערשיידענע געביידען.

ווי טהיערען גראבען.

עס איז דא פֿיעל טהיערען וואס קאנען זיך אויסגעצייכענט גראבען אין דער ערד און מאכען זיך דארט וואהנונגען. דער קראָט, למשל, גראבט אוים אין דער ערד לאנגע וועגען; דיעזע וועגען ציעהען זיך אין פֿערשיידענע זייטען, אין פֿיעל אָרטער בעגעגענען זייא זיך און שניידען זיך איבער. אלע דיעזע וועגען פֿיהרען אין קראטס וואהנונג. זיין וואהנונג מאכט ער זיך פֿון ערד. פֿון דערוויסען ווייזט אוים זיין וואהנונג ווי אקליין בערגעלע. אינעווייניג, אין רעכטען מיטען בערגעלע, מאכט זיך דער קראט אַ שלאָפֿצימער. ארום דעם שלאף-צימער געהען צוויא בעזונדערע וועגען איינע אויף דער אנדערע, זייא דרעהען זיך ווי רינגען. פֿון דעם אויבערשטען רינג געהען פֿינף בעזונדערע וועגען צוא דעם אונטערשטען מיט דיעזע וועגען געהט דער קראָט ארויף פֿון דעם אונטערשטען רינג אין דעם אויבערשטען און פֿון דארט געהט ער שוין גלייך אריין צוא זיך אין שלאָפֿצימער. דיא וואנט פֿון זיין וואהנונג טרעט ער איין און מאכט זייא גלאט און אין שלאָפֿצימער מאכט ער זיך אבעט פֿון בלאָטער און מאָה. דארט זיצט ער אלע מאל, אויסער ווען ער געהט ארוים אויף געיאָג. דרייא מאל אין טאג געהט ער ארוים אויף געיאָג. ווייט געהט ער ניט אוועק; זיין געיאָג מאכט ער אַקלאָפֿטער פֿופֿצעהן צוואנציג פֿון זיין וואהנונג. און אזעלכע לאנגע וועגען גראבט ער זיך אוים אונטער דער ערד. דורך דיעזע אונטער ערדישע וועגען לויפֿט ער דורך אין דיא ארטער, וואו עס געפֿינען זיך וואָרים, זשוקעס און פֿיעל אנדערע בעשעפֿענישען מיט וועלכע ער נאָהרט זיך. ווען עס איז נאָטהיג, קאנן ער געשווינד אויסגראבען נייע וועגען. מען דערצאָהלט, אז אין ווייכער ערד קאנן זיך דער קראט אזוי גיך גראבען ווי גיך אַ פֿיש שווימט אין וואסער, בעזונדערע וועגען גראבט זיך דער קראט אין דר'ערד פֿון זיין וואהנונג צום וואססער ערגעץ צוא אַ טייכעל אדער אלוזשע. דער קראט קאנן אברונעם אויך אויסגראבען. איינער וואס האפט קראטען דערצעהלט, אז אנדערע קראטען גראבען אוים בייא זיך אין וואהנונג טיעפֿע ברונימער, אין פֿייכטע וועטטערען, ווען עס געהט רעגענס, ווערען דיעזע ברונימער פֿולל מיט וואסער. טיעף אונטער דער ערד האַלט זיך דאס וואססער אַ לאנגע צייט, און דער קראָט לאזט זיך אראפּ אין זיין ברונעם ווען ער וויל נאר אטרונק. אהן וואסער קאנן דער קראט ניט אויסקומען. מען זאל אין אַ טרוקענעם וועטער ווען עס געהט קיין רעגען ניט, אויסזוכען אזא מין ברונעם און אריינגיעסען וואססער וועט געוויס קומען אהין צולויפֿען אַ קראָט, און אָפּשר עטליכע מיט אמאל. אויף דעם אופֿן קאנן מען זייא אריינגנארען אין זאק און פֿאנגען.

אין אויסטראליען לעבט אקליינעס טהיערעל וואס מען רופט שנאָבעל טהיער, וויל איהר נאז ווייזט אויז וויא אַ שנאבעל פֿון איין ענטעל. איהרע פֿים זייען אויך וויא בייא איין ענטעל, מיט אַ הייטעל צווישען דיא פֿינגער, צוליעב וואס עס איז דעם שנאבעל טהיר זעהר בעקוועם צושווימען. דאס שנאבעל טהיר שווימט ווירקליך זעהר גוט אונ איהר וואהנונג מאכט זיא זיך שטענדיג ביים ברעג טייך. זיא גראבט זיך אוים אַ נארע נאהינט צום וואסער פֿערזארגט דיא נארע מיט צוויא טהירען, איינע קומט ארוים אויף־ן ברעג. דאס שנאבעל־טהיער גראבט זיין נאָרע זעהר קונסטציג. רייזענדע האבען געזעהן נארעס פֿון שנאבעל טהיערען וואס האבען זיך געצויגען אויף 7 קלאַפֿטער, אין דיא לאַנג, גאר אין עק נארע מאכט זיך דאס שנאבעל טהיער אַ וואהנונג. דארט האלט זיא איהרע קינדער.

פֿייגלען קאנען זיך אויך גראבען אין דער ערד, צום ביישפיעל, דאס פֿייגעלע פֿעטגאנז בויעט זיך אַ נעסט אין דער ערד. אז עס קומט דיא צייט ווען דיא פֿעט גאנז דארף לייגען אייער נעהמט זיך דער „ער" צוא דער ארבייט. ער זוכט אויף וואס אוויכערע ערד אונ פֿאנגט אן צוגראבען אַ נעסט. דער "ער" גראבט אונ דיא „זיע" העלפֿט איהם אונטער. אין דער צייט וואס ער גראבט איז ער אזויא פֿערטיעפֿט אין זיין ארבייט, אז ער הערט ניט אונ זעהט ניט. יאַגער דערצעהלען, אז אין דער צייט וואס דער פֿעטגאנז גראבט זיין נעסט קאן מען איהם האפען מיט דיא האַנד. זיין נארע געפֿינדט זיך איממער טיעף אין דער ערד, דער אריינגאנג אהין ציעהט זיך כמעט אויף $1\frac{1}{2}$ ארשין אין דער לאַנג, אויסער דעם מאכט ער זיך נאך וואו עס איז אַזאַפֿאַסנע טהיר, ער זאל האבען פֿון וואנען צוא אנטלויפֿען אין איין אומגליק. עס איז שווער צוא פֿערשטעהן, וויא קאנען זיך שלאנגען גראבען אין דער ערד. טהיערען ארבייטען מיט דיא לאפעס אונ מיט דיא נעגעל, פֿייגלען מיט דיא שנאבלען אונ מיט דיא פֿים, אבער מיט וואס גראבט דער שלאנג דיא ערד? אונ פֿון דעסט וועגען איז דאך דאֹ אזעלכע שלאנגען, וואס קאנען זעהר גוט זיך גראבען אין דער ערד. אין אמעריקא אויף דעם אינזעל יאַמאַייקע לעבען אסארט געלע שלאנגען. זייא זיינען דארט דאָ זעהר פֿיעל אונ מענשען האבען פֿאר זייא קיין פֿורכט ניט, וויל דיא געלע שלאנגען זיינען ניט קיין גיפֿטיגע. איין מאל האט מען דערזעהן, וויא אגעלער שלאנג איז ארויסגעקראכען פֿון אקופע וויכער ערד. דיא ערד האט מען ניט לאנג פֿאר דעם געבראכט אין גארטען אויף בייטען. דער גאָרטנער האט זיך געוואונדערט, וויא קוממט אהין דער געלער שלאנג. אז ער האט פֿערנאנדער געווארפֿען דיא ערד, האט ער דער זעהן, אז דער שלאנג האט זיך אויף יענעם ארט אין דר'ערד אויסגעבויט אגוטען נעסט. ער האט זיך געקליגט אויסצוגראבען אונטער דר'ערד אַ וועג. געגראבען

האט

האט ער מיט'ן קאפ און ארויס געווארפֿען דיא ערד אויף דרויסען מיט דעם גאנצען קאֶרפּער.

עס איז דא שנעקעס, וואס מאכֿען וואהנונגען אין שטיינערנע פֿעלזען. אויפֿ'ן רעכֿטען ברעג אָקעאַן בעגעגענט מען אין אנדערע אָרטער מראמארנע פֿעלזען וואס זיינען דורך געלעכֿערט פונקט וויא מיט איין עגבאָהער. דאס האבען דיא שנעקעס אזויא דורך געבאָהערט. זייא באָהערען מראַמאָרנע פֿעלזען גאר מיט אנאנדער קונץ. אזויא וויא מען וויים, איז בייא דיא שנעקעס דער קאֶרפּער אלע מאל בעדעקט מיט אפֿייכֿטען שליים. דיעזער שליים עססט אויס דעם שטיין, אזויא וויא אשאַרפֿע זויערקייט.

אין קאָעאַן לעבט אקליינער און אשיינער מין מושעל וואס מען רופֿט דער שטיין שלייפֿער. דיעזער מושעל האט אשוואכֿען קאֶרפּער, דעננאך קאן ער שטיינער שלייפֿען, עד שלייפט, צום בייזשפיעל, אויס טיעפֿע גריבער אין דיא קריידט-שטיינער. דיעזער מושעל איז בעדעקט מיט דינגע און הארטע נאדלען מיט וועלכֿע ער ארבייט וויא מיט איין עגבאָהער. ער קלעפּט זיך צוא אַ פֿעלז, נעהמט זיך פאמעלאך דרעהען און פֿאנגט אן מיט זיינע שארפֿע נאדלען צוא שאבען און צוא קראטצען דעם פֿעלז אויף איין ארט. ער שאבט אזויא לאנג ביז ער שאבט זיך אויס אין פֿעלז אוואהנונג, דארט בעהאלט ער זיך פֿון זיינע פֿיינד.

טהיערען מולארעס.

בייא דיא ברעגען פֿון דעם מיטעללאֶנדישען מעער לעבט איין סארט פֿייגלען, וואס הייסען פֿלאַמינגעס אדער רויטע גאֶנז. דאס איז אזומפּ-פֿייגעל. ער האט לאנגע פֿים און אלאנגע האלז, נור אקליינע טולע. זיינע פֿעדערען פֿון דעם גאנצען קאֶרפּער זיינען טונקעל רויט און דיא פֿליעגלען העל רויט. מען בעגעגענט פֿון דיא רויטע גאֶנז גרויסע סטאיעס. אז מען טהוט אקוק אין פריה-מארגען אויף אטייך, וואו עס לעבען רויטע גאֶנז, ווייזט פֿון וויטען אויס דער ברעג, וויא אַ דאַמבע פֿון רויטע שטיינער. דאס שטעהען אין לאנגע צייל ען דיא רויטע גאֶנז און פֿאנגען פֿיש.

דיעזע פֿייגלען בויען זיך זעהר וואונדערליכֿע נעסטען. זייא בויען זייא ניט אויף דער ערד (יבשה), נור אין וואסער, וואו עס איז ניט טיעף, נעבען ברעג. דעם נעסט מאכֿען זייא פֿון זאמד און לעהם. און ער ווייזט אויס וויא אסלופּ, וואס איז פֿון אונטען ברייטער און אויבען שמאֶלער. דיעזער סלופּ איז הויך צוועלף ווערשאק און אמאל זאגאר איין ארשין, און געהט ארויס פֿון אונטערן וואסער. אויפֿ'ן רעכֿטען שפיטץ פֿון דעם סלופּ לעגט דיעזע פֿייגעל

אייער

אייער. אויף דיעזעם סלופ זיטצט אויך דיא פֿייגעל, בשעת זיא זיטצט אויף דיא אייער. איהרע לאנגע פֿיס לאזט זיא, ווען זיא וויל, אראפּ אין וואססער, אדער זיא האלט זייא אונטער זיך. דער נעסט איז אלעמאל אזויא הויך, אז דאס וואססער הייבט זיך קיין מאל ניט אויף ביז'ן שפּיטץ.

דיא רויטע גאנז קאנן זיך גאנץ רוהיג זיטצען אויף איהרע אייער. געהן אויף גאָיעג פֿאנגען וואס עס איז פֿיר זיך צוא עססען, דארף זיא ניט: דיא פֿיש שווימּמען אליין צוא הארד צוא איהר נעסט אונ אזויא וויא זיא האט אַ לאנגע האלז, קאן זיא לײַכט פֿאנגען דיא פֿיש, ניט אראבגעהענדיג פֿון נעסט.

צווישען דיא פֿייגלען זיינען דא אזוינע, וואס קאננען אויסגעצייכענט אוים קנעטען פֿון לעהם זייערע נעסטען. איין סאָרט פֿייגעליך האט מען פֿאר אזא קונציגער ארבייט זאָגאר אַנאמען געגעבען דיא מולאַרעס. זייא לעבען אין אמעריקע אונ זיינען ניט גרעסער וויא אונזער זשאַווארָאנאק (לערכֿע).

אררייזענדער דערצעהלט, אז ער האט איין מאל דערזעהן אויף אבוים עטליכֿע קוילען פֿון לעהם. זייא האבען אויסגעוויעזען וויא באַלאָנען אונ זיינען געלעגען אויף גראבע צווייגען. ער האט ניט געקענט פֿערשטעהן וואס איז דאס פֿאר קוילען, נור אזויא וויא עס איז געוועזען נאהנט פֿון אַ דארף, האט ער גערעכֿענט אז דאס האבען מענשען אוים געקייקעלט אויף וואס עס איז. וויא ער איז אבער צוגעפֿאהרען נאהענטער צום בוים, האט ער בעמערקט, אז דיעזע לעהמענע קוילען זיינען נעסטען, וואס דיא מולער-פֿייגלען האבען אויסגעקנאטען. יעדער נעסט, דער צעהלט ער, האט געקאנט וואָגען אפֿונט ניין אונ איז געוועזען גרוים פֿיער ווערשאק דיעזע קוילען-נעסטען האבען אַ רונדע לאך, דורך וואנען דיא פֿייגליך געהען אריין, אונ אין מיטטען זיינען זייא איבערגעצאמט מיט לעהמענע וואָנדליך. אין דער הינטערשטען אבטהיילונג זיטצט דיא „זיע" אויף איהרע אייער, אונ אין דער פֿאָרדערשטען וואהנט דער „ער", וועלכֿער פערזאָרגט דיא „זיע" מיט שפּייז אונ מאַכֿט איהר פֿערגעניגען מיט זיין געזאנג.

איין אנדער רייזענדער האט געזעהן, וויא דיא פֿייגלען-מוליארעס קנעטען אוים פֿון לעהם זייערע נעסטען. צום ערשטען זוכֿען אוים ביידע פֿייגלען, „ער" אונ „זיע", איין ארט וואס פֿאסט פֿיר אַ נעסט: אַדאך פֿון אהויז, אשפּיטץ פֿון אקירכֿע, אדער אצווייג פֿון אבוים. וויא זייא געפֿינען שוין איין אָרט נאך זייער געשמאק, פֿאנגען זייא אן צונויפֿקלייבען לעהם. דער נעסט ווערד געבויט אין רעגען-צייט, דעריבער וויל עס איז דאמאלט דא אפֿולע ווייכֿע לעהם. פֿון דיעזע לעהם קנעטען דיא פֿייגלאך אוים קוגעלאך וואס זיינען גרוים וויא אקויל פֿון אַביקס, אונ טראגען זייא אוועק אויף דעם ארט

ארט וואס זייא האבען אויסגעקליבען. דארט צורייבען זייא דיא קוגעלאך לעהם מיט דיא פֿיס אונ מיט'ן שנאבעל אונ פֿערלעגען אפֿונדאמענט. דער בייא מישען זייא נאך אריין אין דיא לעהם גראז אונ אנדערע געוואַכסע. אז זייא ווערען שוין פֿערטיג מיט'ן פֿונדאמענט, נעהמען זייא ארויף פֿיהרען פֿון יעדער זייט אהויכען ברעג. צום ערשטען מאַכען זייא דעם ברעג אויסגעבויגען צוא דערויסען צוא אונ דער נאך איניווייניג אריין. אונ וואס העכער, אלץ מעהר. עס איז מערקווירדיג, דאס דיא פֿייגעלאך בויען ניט אויס זייער נעסט מיט אמאל, אבער זייא קנעטען אויס איין ברעג אונ לאזען זיך איהם אויס-טריקענען, נאך אברעג, אונ לאזען איהם אויך זיך אויסטריקענען. אזויא בויען זייא אויס פֿון לעהם אַוואהרען געוועלב.

דער נעסט פֿון דיא פֿייגלען-מוליארעס, איז ארונדער וויא אקויל, נור עס איז אויך דא אזעלכע פֿייגלען, וואס קנעטען נעסטען פֿון לעהם, וועלכע ווייזען אויס וויא אַפלאש. אזעלכע פֿייגלען לעבען אין אויסטראליען אונ מען רופֿט זייא אַריעל-שוואלבען. זייא לעבען אין סטאדעס פֿון עטליכע צעהנדליג אונ אמאל פֿון עטליכע הונדערט. זייערע נעסטען בעגעגענט מען אויף דיא פֿעלזען. זייא זעהען אויס אזויא וויא צום וואנד וואלט געוועזען צוגעמאַכט עטליכע צעהנדליג לעהמענע פֿלעשער. יעדער פֿלאַשעל איז מיט'ם האַלזעל אראב אונ פֿאראויס. דאס האַלזעל האלט 5 ווערשאָק דיא לאַנג. דורך דאס האַלזעל געהען אריין דיא פֿייגעלאך אין סאמע נעסט. אויף אזא נעסט הארעווען געוואהנליך זעכס, זיעבען פֿייגלאך מיט אמאל, וועלכע ארבייטען צוא זאממען: היינט בויען זייא אנעסט פֿיר איין פאר, מארגען פֿיר איין אנדער פאר. אין דער גאנצען צייט פֿון דער ארבייט זיצט איין שוואלב אינעווייניג אין נעסט; וויא עס שיינט איז דאס דער ארחיטעקטאר דער הויפט מייסטער. דיא איבעריגע פֿייגלאך ברענגען מאטעריאל, וואס עס פֿארדערט זיך צוא דער ארבייט.

קיין זאך שטערט זייא ניט פֿון דער ארבייט, זייא הערען ערשט דאמאלס אויף צוא ארבייטען ווען דיא ברענעדיגע זונן טריקענט אזויא אויס דיא לעהם, אז זיא לאזט זיך ניט קנעטען.

אוועספע אמולער.

אנדערע מארטען וועספען בעשעפֿטיגען זיך מיט מולעריי. אין זיד-אמעריקע לעבען וועספען, וואס בויען זיך אנעסט פֿון לעהם. דער נעסט ווייזט אויס וויא אקליינער זעקעלע אונ געפֿינט זיך ערגעץ אויף אצווייגעלע פֿון אבוים. איינער דערצעהלט, אז אוועספע האט זיך אמאל מישב געוועזען צוא בויען

אנעסט

אנעסט בייא איהם אין צאָלנע. זיא האט געארבייט פלייסיג. יעדער מינוט איז זיא אוועקגעפלויגען נאך לעהם אונ האט זיך אומגעקעהרט מיט אשטיקעל לעהם אין מויל, פלעגט אוועקלעגען דיא לעהם וואו עס איז געוועזען נעטהיג אונ דער נאך האט זיא עס איינגעטראטען מיט דיא פיסליך פון דערויסען אונ פון אינוועניג. זיא האט געארבייט עטליכע טאָג. אין אנאסען וועטער האט זיא אויפגעהערט צוא טאן. אין אַוואָך איז געווארען פערטיג דער נעסט. זיא האט אין נעסט געלעגט איהרע אייעליך אונ אנגעפאנגען אפולע קליינע שפינען, איהרע צוקינפטיגע קינדער זאללען האבען וואס צוא עססען, ווייא זייא וועלען ארויסגעהן פון דיא אייעליך, אונ זאלען ניט שטארבען פון הונגער.

דיא ווייסע מוראשקעס אדער דיא טערמיטען בויען זיך אויס פון לעהם וואהרע פאלאטצען אונ זאגאר שטאָדט. מען האט בעגעגענט נעסטען פון טערמיטען, וואס האבען געהאלטען דרייא קלאפטער דיא הויך אונ פופצעהן קלאפטער ארום אונ ארום. דיעזע נעסטען ווערען געמאכט זעהר שטארק אונ גוט. אמענש קאן זיך שטעלען אויפ'ן שפיטץ נעסט אונ דער נעסט פאלט ניט איין. דער נעסט איז אזויא שטארק, דאס ער האלט אפילו אויס דיא משא פון בופעל-אָקסען, וואס קלעטערן אויף איהם צוא זעהן אויב עס געהט ניט פון וואנען אפיינד. אין אזא נעסט וואהנען הונדערטע טויזענד אונ זאגאר מיליאנען טערמיטען. אזויא וויא בייא געוואהנליכע מוראשקעס, געפינען זיך צווישען זייא אויך ער'ן אונ זיע'ן (זכרים אונ נקבות), ארבייטער אונ קריעגס-לייט (סאלדאטען); אויסער דעם אקאָניג מיט אקאָניגין. יעדער האט זיין בעשטיממטע ארבייט. דיא ארבייטער בויען דעם נעסט, אונ טהוען אלע היימישע ארבייט, דיא סאלדאטען האלטען מלחמה, ווען עס פאלט אן אויף דעם נעסט אפיינד, דיא קאָניגין לעגט אייעליך. זיא לעגט זייא איינע נאך דיא אנדערע טויזענטער וויז. דיא אייעליך נעהמען דיא ארבייטער גלייך צוא אונ טראגען אוועק אין בעזונדערע צימערען, דארט גיעבען זייא אכטונג אויף דיא אייעליך ביז עס געהען פון זייא ארויס לעבעדיגע טערמיטען. פון איינע געהען ארויס זכרים אונ נקבות, פון אנדערע סאלדאטען אונ ארבייטער.

וועגען דיא ווייסע מוראשקעס אונ זייערע פאלאטצען.

דיא טערמיטען בויען אויס זעהר קונטציגע נעסטען. איהר ווערט געפינען בייא זייא אין נעסט פערשיידענע צימערען מיט פיעל קארידארען אונ וועגען פונאיין צימער אין אנדערען. דארטען זייען דא שפיזארנעס, האנד קאמערן, קינדער צימער, טרעפ, קעלערן, קאַנאַלען, בריקען, קאזארמעס,

וואכט

וואַכֿט-הייזער, אונ גאַסען אונטער דר'ערד. פֿון יעדעם נעסט געהען אין אלע זייטען לאנגע וועגען אונטער דער ערד. דורך דיעזע וועגען געהען דיא טערמיטען זיך זוכֿען רויב. אנדערע וועגען זיינען ברייט 6 ווערשאָק אונ זיינען גוט איינגעטראָטען, עס זאל זיין דיא ארבייטער גרינג צוגעהן. אויסער דיא וועגען איז דא אין יעדעם נעסט אונטער דער ערד רוהרעס אבצוציהען דיא וואַסער. דיא טערמיטען מאַכֿען דיעזע רוהרעס צוליעב דעם, ווייל אין דיא הייסע לאֶנדער וואו זייא לעבען געהען אָפֿט שלאַגם רעגענס, וואס וואלטען פֿערפֿלייצען זייערע נעסטען, ווען עס וואלט אין זייא קיין רוהרעס ניט געוועזען.

אין מיטען נעסט מאַכֿען דיא ווייסע מוראשקעס אימער אגרויסען אונ גראַמען קאֶניגליכֿען צימער. דא וואהנען זייער קאֶניג מיט דער קאֶניגין. זייא געהען קיין מאל פֿון דאנען ניט ארויס, ווייל זייא קאנען ניט דורך קריכֿען דורך דיא טהיר פֿון זייער צימער. דיא קאֶניגין האלט צווייא צאָל דיא לאֶנג אונ דרייא פֿיערטעל צאל דיא ברייט. זיא זיטצט בייא זיך אין צימער וויא ארעסטירט, אונ מעהר וויא דיא ארבייטער-טערמיטען געהען אהין ניט אריין אונ ארויס.

ארום דעם קאֶניגליכֿען צימער מאַכען דיא טערמיטען פֿיעל קליינע צימערליך. דאס זיינען דאס זעלבע וואס קינדער צימער אין רייכֿע הייזער. דארט האלטען זייא זייערע אייעליך אונ רויפען פֿון וועלכֿע עס ווערען נאָכֿהער מוראשקעס. הינטער דיא קינדער צימער געהען קאֶמערליך פיר דיא דיענער וואס בעדיענען דיא קעניגין. ווייטער געפֿינען זיך בעזונדערע וואַכֿט-צימער, וואו עס וואהנען דיא סאלדאטען, וואס שטעהן אונ קאַראולען, אז קיין פֿיינד זאל אהין ניט אריינגעהן. צווישען דיא צימערן איז דא פֿיעל מאגאזינען, שפאַכֿליערס, וואו דיא טערמיטען האלטען זייערע זאַפּאסען שפייז פֿון אלערליי מינים, סמאלע, קאֶרנער, פֿרוכֿטען, שטיקליך האלץ. אין מיטען נעסט איז נאך דא בייא דיא טערמיטען אגרויסער צימער וואו זייא קלייבען זיך צוזאַמען זיך בעראטהען וועגען זייערע אנגעלעגענהייטען. פֿון דיעזעם צימער געהען אסך קארידארען ארוף אונ אראפּ אונ אין אלע זייטען. איןביידע זייטען פֿון דיא קארידארען ציהען זיך שטיבעליך פֿאר דיא ארבייטער, קאזארמעס פֿאר דיא סאלדאטען אונ אסך מאגאזינען אונ סקלאַדען. אויסער דעם געהען אומעטאום אין נעסט בעזונדערע רוהרעס, אים פֿאלל אז עס מאַכֿט זיך ארעגען זאל דיא וואסער האבען פֿון וואנען ארויסרינען. אט אזויא איז איינגעאָרדענט דער נעסט פֿון אויבען ביז אראפּ. פֿון דערויסען איז ער בעשמיערט מיט לעהם.

דיא טערמיטען לעבען אין דער פֿינסטעניס. זייא זיינען בלינד. אנשטאטט דיא אויגען, אנשטאטט דעם געפֿיהל פֿון זעהען, בענוטצען זייא זיך

מיטין

מיט'ן שמעקען. אבער בלינדער הייט מאַכען זייא אויך וואונדערליכע זאַכען.
מענשען וועלכע עס האבען דאס געזעהן מיט דיא אויגען, דערצאָהלען וואס פיר וואונדערדיגע געביידען זייא בויען אויס. דיא טערמיטען געהען ארויס פון נעסט דורך דיא קארידארען אונטער דער ערד, קיין ארויסגאנג אויף דער ליכטיגער וועלט האט דער נעסט געוואהנליך ניט. אין אנויטה גראבען זייא אויס אנייע וועג. זייא ארבייטען אונטער דר'ערד זעהר גיך. ווען זייא טרעפען אן אונטער דר'ערד אשטיין, געהען זייא ארויס פון אונטער דער ערד אויף דר'אויסען און בויען אצוגעדעקטען גאַנג אויף דער ערד. דיעזע גאַנגעס בויען דיא טערמיטען זעהער קונסטליך. אלס מאטעריאל ברויכען זייא לעהם, ערד, קליינע שטיקליך האלץ און גראז. דאס זעלבע מאטעריאל, פון וועלכען זייא בויען נעסטען. אז עס קוממט אויס, קאננען דיא טערמיטען אויס ארבייטען אויף דעמזעלבען אַרט ארוהרע אַ לאנגע און מאַכען פון איהר אהענג-בריק. מען דערצעהלט, למשל, אזא מין צופאלל:
בייא איינעם אין שטוב איז געהאנגען אויף'ן באלטען אזאק מיט עסען-ווארג. דיא טערמיטען האבען דאס דערשמעקט און האבען געפרופט וויא עס איז צוקוממען צום זאק. פריהער פאר אלץ האבען זייא דורך געגריזעט אלאך אין באלטען וואו עס איז געהאנגען דער זאק. פון דער לאך האבען זייא גענומען פיהרען ארוהרע גלייך צום זאק. עס האט פיעל ניט געדויערט און עס איז פארטיג געווארען ארוהרע. דיא טערמיטען האבען זיך באלד אבער ארום געזעהן, אז זייא האבען איהר ניט גוט געמאכט. דיא רוהרע איז געוועזען צוא פיעל אויסגעבייגען און עס איז שווערליך געוועזען צוא קלעטערן דורך איהר מיט משא. דיא טערמיטען האבען דעראיבער געמאכט איין אנדער רוהרע און דיא נייע רוהרע האבען זייא דורכגעפיהרט אזוועג וואס האט זיך געדרעהט וויא אשרויף, אזויא וויא דיא וועגען, וואס מען מאכט אויף בערג און וואס אויף זייא איז לייכטער ארויפצוגעהן.
דיא טערמיטען פיהרען דורך וועגען אין האלץ אויך: זייא גריזען אויס דעם האלץ אינעווייניג און פון דערוויסען ריהרען זייא איהם ניט אן, זייא גריזען דורך און דורך אהילצערנע דיעלע גלייך געגען דיא פיסליך פון טיש. זייא קליגען זיך פון אונטערן פאדלאגע אן צוא טרעפען פונקט אויף דעם אָרט וואו עס שטעהען דיא פיסליך פון טיש. זייא גריזען אויס דעם מיטען פון דיא פיסליך פון אונטען ביז ארויף. פון דערויסען ווייזט אַמאָל אויס דער טיש גאר אגאנצער, אָבוואָהל אינעווייניג איז ער אויסגעגעסען אין גאנצען. אויב עס ליעגען אויף'ן טיש פרוכט, גריזען דיא טערמיטען אויס אין טיש לאָכלאך פונקט אונטער דיא פרוכטען און נעהמען זיך צוא דיא פרוכט.
בייא אונז אין איראפע זיינען פריהער קיין טערמיטען ניט געווען. אבער מען האט זייא מיט אַ צופאַלל פערפיהרט צוא אונז אויף אַ שיף פון דיא

הייסע

הייסע לאַנדער. נאָכהער האבען זייא זיך שון פֿערמעהרט. אין פֿראנקרייך האט זיך זאָגאַר אמאל געטראָפֿען, דאס טערמיטען האבען אויפֿגעגעסען אגאנצען אַרחיו פֿון פאפּיערען און ביכֿער. זייא האבען געמאַכֿט צונישט פֿון אלע פאפּיערען, און אויף אזא אַרט, אז פֿון דערוויסען איז ניט געוועזען צוא בעמערקען דאס דער מיטטען פֿון זייא איז אויסגעגעסען. פֿון דיא ביכֿער איז נור געבליעבען דער בונד און דיא ברעגען פֿון דיא בלעטער און פֿון דיא פעקליך פאפּיער נור דיא אויבערשטע בויגענס.

אט אזויא ארבייטען דיא טערמיטען פֿון וועלכֿע מענשען קאָננען גאר ניט לעבען אין דיא הייסע לאַנדער.

נעסטען, וואס מען מאכט פֿון זייא א געריכֿט.

אויף דיא גרויסע אינזלען יאַוואַ און באָרנעאָ, בייא דיא זיד-ברעגען פֿון אַזיע, לעבט אבעזונדערער אַרט שוואלבען (סאַלאַנגאַנאַ). זייא לעבען אין זעהר גרויסע סטאַיעס. זייערע נעסטען בויען זייא אין האָהלען אדער אויף דיא שטיין-פֿעלזען וואס הענגען, וויא הויכֿע וואַנד, ביים ברעג ים. זייא בויען זייערע נעסטען איינע לעבען דיא אנדערע, און בעדעקען מיט זייא דעם גאנצען פֿעלז. צוא קוממען צוא זייערע נעסטען איז שווער, זאָגאַר געפֿאָהרליך. פֿון דעסט וועגען געפינען זיך מענשען, וואס ריזעקירען מיט דעם לעבען און קוממען צוא זייא פֿארט צוא. זייא לאזען זיך אראפּ אויף שטריק פֿון שפּיטץ פֿעלזען צוא דיא נעסטען און זייא קלייבען זייא צונויף אין זאַק. דרייא מאל אין יאהר קלייבען זייא אזויא צונויף דיא נעסטען. דער מיט פֿערנעהמען זיך עטליכֿע טויזענט מענשען. דאס איז בייא זייא אגאנצער געשעפֿט. זייא פֿערקויפֿען דיא נעסטען דיא איינוואהנער פֿון חינע (קיטיי), וואס צאהלען פֿיר זייא גוטע געלד. דיא חינעזער קאָכֿען פֿון דיזע נעסטען זופּע. דאס איז בייא זייא אטהייערער געריכֿט, א זעלטענע נאשערייא.

דיא סאַלאַנגאַנעס פֿאַרמעווען זייערע נעסטען פֿון אייגענעם שפּייאַכֿטס, ריכֿטיגער, פֿון שליים (ליחות), וואס געהט בייא זייא פֿון מויל. דער שפּייאכֿטס ווערד אויף דער לופֿט פֿערטריקענט און הארט. דיא סאַלאַנגאַנעס נעסט וועיזט אויס, וויא ער וואלט געוועזען פֿון קליי. אז מען האלט איהם געגען שיין, לייכֿט ער זיך דורך און זעהט אויס וויא צונויף געקלעהט פֿון פֿיל דינע פֿאָדימליך. דיא איינוואהנער פֿון יאווא דערצאָהלען דאס אַפּאָר פֿייגעליך הארעווען אויף אזא נעסט צווייא חדשים. וויא עס שיינט, איז דאס ניט קיין לייכֿטע ארבייט.

דיא געביידען פון ביענען.

אלע וויסען אז דיא ביענען מאכען זייערע האניג-רעדעלאך פון וואכס, אונ וואכס בעקוממען זייא פון זייער קערפער. צוא דיעזעם צוועק עססען זייא זיך אן מיט האניג אדער מיט זאפט פון בלומען אונ בלייבען הענגען אונבעוועגליך אין בינשטאק, זיך אנצעפענענדיג מיט דיא לאפקעס איינע אן דיא אנדערע. דאמאלס געהט בייא דיא בינען פון אונטערן הויט אויף דעם בייכעל ביסלאכוויס ארוים וואכס. אנדערע ביענען קלייבען צונויף דעם וואקס, מאכען פון איהם קייקעליך אונ בעהאלטען אויף שפעטער, אדער זייא בויען פון דעם האניג רעדעלאך.

דיעזע האניג-רעדעלאך בויען דיא ביענען צוזאמען. עטליכע ביענען נעהמען זיך מיט אמאל צוא דער ארבייט. אללע ארבייטען פלייסיג, קיינער ניט גיכער אונ ניט לאנגזאממער וויא דער צווייטער. יעדער ביען זעהט צוא מאכען פונ׳ם וואכס אקוגעלע ניט גראססער ניט קלענער וויא דעם אנדערענס. זייא קלייבען שוין אוים פון אנפאנג ארבייט אן אזא ארט דיא קוגעלאך זאללען ארויסקומען פון איין גרוים. אזויא וויא אין ביענענשטאק איז דא ווענינ פלאטץ, מאכען דיא ביענען זייערע קוגעלאך הארט איינער לעבען דעם אנדערן. קיין וואכס האבען זייא אויך ניט אזויא פיעל, זייא זאלען ניט דארפען קארגען. דעראיבער זעהען זייא אז זייערע קוגעלאך זאללען צונעהמען וועניגער פלאטץ אונ וואס וועניגער וואכס. זייא לייגען אוים דיא קוגעלאך אין עטליכע ציילען איינער אונטער דעם אנדערען. דיא שפאלטען צווישען דיא קוגעלאך (ווארום איין קוגעלע צום אנדערען קאנן הארט ניט צוקוממען) פעעשמירען זייא מיט וואכס. דער נאך גריזען זייא אוים פון אינעווייניג דיא וואכס פון יעדעם רעדעלע אונ מאכען פיר זיך נעסטען.

דיא ביענען ארבייטען זעהער פלייסיג, אונ וויא עס שיינט, ארבייטען זייא מיט ישוב ודעת, מיט א בערעכענונג, אונ ניט פראסט וויא עס געהט.

איינער דערצעהלט, אז ער האט געזעהן, וויא איין ביען האט געארבייט ניט וויא עס דארף צוא זיין. ער האט געלעגט דיא וואכס ניט וויא עס איז אויסגעקוממען נאך דעם פלאן, וויא דיא איבעריגע ביענען האבען אנגעפאנגען דיא ארבייט. צוא ליעב דעם זיינען דיא האניג-רעדעלאך אוועק אן אזייט אין דער קרים. איין אנדער ביען האט דאס בעמערקט, איז צוגעלאפען צוא דעם שלעכטען ארבייטער, האט גלייך צובראכען זיין ארבייט אונ האט זיך אליין אוועקגעשטעללט ארבייטען אויף זיין ארט. פריהער פון אלץ האט ער אנידער געלעגט, וויא עס דארף צוא זיין דעם פונדאמענט אונ

אז

אז ער האט זיך איבערצייגט, אז דער אַנפֿאַנג איז וויא געהאָריג נאך דעם אלגעמיינען פלאן, איז ער אוועק פֿון דארטען אונ האט ווידער איבערגעגעבען דיא ארבייט דעם פֿריערדיגען ביען.

איינער אגעלעהרענטער מענש האט געוואלט פּרובֿען דיא ביענען אונ זעהן וויא ווייט זייא זיינען קלוג. ער האט ארייננעזעצט ביענען אין אַ ביענשטאק, אין וועלכֿעם דער דאך פֿון אויבען אונ דיא פֿאָדלאָגע זיינען געוועזען פֿון גלאז. דיא ביענען זיינען שטענדיג געוואָהנט צוא ציעהען זייערע האניג-ראָדלאך פֿון אויבען אראפ אדער פֿון אונטען ארויף. דא אבער האבען זייא דאס ניט געקאנט, ווייל וואכס נעהמט זיך אן גלאז ניט אן. אבער דיא ביענען זיינען בייא זיך ניט אראב געפֿאלען אונ האבען אנגעפֿאנגען זייער ארבייט פֿון אזייט, פֿון איין זייט צוא דער אנדערען אונ זייא וואלטען אויך געווים אזויא איהר געענדיגט, ווען דער געלעהרענטער מענש וואלט זייא ניט געשטערט.

ער האט, נאָמליך, ווידער גענומען גלאז אונ האט אנידער געשטעלט בייא דער וואנט פֿון דעם ביענשטאק, וואוהין דיא ביענען האבען געצויגען זייערע ראָדלאך. וואס זע האבען דיא ביענען געטאהן? זייא האבען ניט אוועקגעווארפֿען דיא ארבייט, זייא האבען פֿערקעהרעוועט דאס געבייא אן אזייט צוא דער וואנד וואס דערבייא, וואס איז ניט געוועזען בעדעקט מיט גלאז. עס פֿערשטעהט זיך דאס זייא האבען דענסמאל געמוזט ארבייטען אויף איין אנדער אַרט, גאר ניט וויא זייא זיינען געוואהנט, אונ זייער גאנצע געביידע איז אויך אויסגעקוממען אנדערש ניט וויא געוואהנליך.

דיא האניג-ראָדעלאך זיינען נעטהיג פֿיר דיא ביענען אויף צוויא זאכֿען. ערשטענס בעהאלטען זייא אין דיא ראָדעלאך האניג, וואס זייא גרייטען אן אויף ווינטער, זייא זאלען האבען אליין וואס צוא עססען אונ מיט וואס צוא נאָהרען זייערע קינדער.

צווייטענס, לייגט אין דיא ראָדעלאך דיא מוטטער פֿון דעם ביענשטאק איהרע אייעליך, פֿון וועלכֿע עס געהען דערנאך ארויס ביענען. עס איז בעוואוסט, דאס אין אביענשטאק לעבען עטליכֿע סארטען ביענען, אזויא וויא אין אמוראשניק לעבען עטליכע סארטען מוראשקעס. אין יעדער ביענשטאק איז דא אַ קאָניגין אדער אַ מוטטער, ארבייטער אונ לעדיג-געהער וואס טהוען גאר ניט. אללע ביענען וויא דיא מוטער, אזויא דיא ארבייטער אונ דיא לעדיג-געהער געהען ארויס פֿון דיא אייעליך, וואס עס לעגט איין אנדער מוטטער. איינינע אייעלאך לייגט דיא מוטטער אין גרויססע קעסטעליך; פֿון דיעזע אייעליך קאנען ארויסגעהן נייע מוטטערס. אנדערע לייגט זיא אין מיטטעלע קעסטעליך. פֿון זייא געהען ארויס לעדיג-געהער. פֿון דיא אייעליך וואס זיא לייגט אין דיא קליינסטע קעסטעליך קריכֿען ארויס ארבייטס ביענען.

דיא

דיא ארבייטס ביענען טהוען אללעס, זייא מאכען דעם בינשטאק, זאמלען צונויף זיסען זאפט אדער האניג אונ זייא גיעבען אכטונג אויף דיא רויפען. ניט אלע ביענען בויען זייערע נעסטען פון וואכס, עס איז דא אזוינע סארטען ביענען, וואס מען רופט „מולער" אונ „צעסלער" אונ וואס מאכען ניט קיין קעסטליך פון וואכס. דיא מולער וואהנען אין נארד-אפריקא. זייא בויען זיך ניט קיין קעסטליך אונ לעגען זייערע אייעליך אין „זאבע-שיסעלאך". דיא ביען זוכט אויס וואו עס איז א זאבע-שיסעלע, אונ מאכט איהר ריין, טראגט אן אהין שפייז, לייגט אייעליך אונ פערקלעבט מיט צעמענט וואס ווערד הארט וויא שטיין. דיעזען צעמענט קאן קיינער חוץ דער ביען ניט מאכען. — דיא „צעסלער" מאכען אויך ניט קיין וואכסענע נעסטען, זייא באהערען אויס טיעפע לעכער אין הילצערנע סלופעס, צאמען איבער דיא לאכער אויף עטליכע צימערלאך. אין יעדער צימערעל לעגען זייא צוא איין אייעלע אונ טראגען אן שפייז, דיא רויפען (דיא קליינע ווארימליך וואס קריעכען ארויס פון דיא אייעלעך) זאלען האבען וואס צוא עססען. דיא צווישען וואנטליך מאכען זייא פון פילאווינעס, וואס זייא קלעפען מיט עפעס צונויף.

ארום אללע צימערלאך לעבערען זייא אויס אזויא וויא אבעזונדערן לאנגען קארידאר, אין דיעזען קארידאר קריעכען ארויס אויף דער וויסע וועלט דיא יונגע ביענען, וואס זיינען ערשט ארויס פון דיא אייעלעך.

עס איז דא אזוינע ביענען, וואס מאכען זייערע נעסטען אין דער ערד. איין סארט ביענען גראבען אויס אין דער ערד גריבעליך העכער א ווערשאק דיא טיעף. יעדע גריבעלע בעטען זייא אויס פון אללע זייטען מיט דיא בלומען-בלעטעלעך פון מאן. זייא לייגען אן דיעזע בלאטלאך דיק עטליכע סלאיען איינע אויף דיא אנדערע. וויא זייא האבען שוין געלעגט אייעליך, פערשטאפען זייא דיא גריבעלאך. אפריהער פערלעגען זייא דעם אריינגאנג פון דער גריביל מיט א בינדעל מאן בלעטליך, אז דיא אייעלעך קומען אויס, וויא זייא ליעגען אין אזעקעלע פון מאן בלומען. דער נאך פערשיטען זייא דאס אין גאנצען מיט ערד, אז פון דערויסען איז שווער צוא בעמערקען, וואו עס געפינט זיך דא דער ביענען-נעסט.

אפייגעל אוועבער.

אין זיד-אזיען אונ אין אפריקא געפינט זיך א וואונדערליכער סארט פייגעליך, וואס קאנען וועבען. קיין פייגעל מאכט ניט אזויא קונציג דעם נעסט וויא זייא. זייערע נעסטען ריכטען זייא איין אזויא וויא פון פילץ, און

און פילץ מאכען זייא אליין. פאר זייער קאנען וועבען דיא נעסטען, האט מען זייא אנאמען געגעבען דיא וועבערס. זייערע נעסטען פלעכטען זייא פון דינע גראז-בלעטעליך. זייא פלאנטען זייא צונויף, פערפלעכטען און קלאפען אזויא פערנאנדער אז עס ווערד פון זייא א וואהרע צייג, זעהר אגעדיכטע און א דיקע. דיא פארמע פון זייערע נעסטען איז פערשיעדען בייא פערשיעדע פייגלען. איינינע „וועבער" ליעבען רונדע נעסטען וויא קוילען, אנדערע „וועבער" מאכען נעסטען, וואס ווייזען אוים וויא פלאשער וואס היינגען אויף בוימער מיט דיא העלזליך אראפ. בייא א דריטען סארט „וועבערס" זיינען דיא נעסטען אזויא וויא קארב. געוואהנליך לעבען דיא וועבער סטאיעס-ווייס און פלעכטען זייערע נעסטען איבער דעם וואססער, קיין אבעזיאנע און קיין שלאנג זאל ניט קאנען צוא קוממען צוא זייא. איבעריגענס, זיינען זייא ניט קיין שרעקענדיגע, אז עס מאכט זיך, למשל אז איין פאלקע (סאקאל) קוממט דאך צוא זייא, קלייבען זיך צונויף זייערע א גאנצע סטאיע און פאלען אן אויפ'ן פיינד. זיך ארוים דרעהען פון זייא איז ניט אזויא גרינג, אפילו פיר דעם פאלקע.

אפייגעל אשניידערין.

אויסער דיא וועבער, זייען דא נאך פיעל אנדערע פייגלען, וואס פלעכטען און וועבען זייערע נעסטען, חאטש ניט אזויא קונציג, וויא דיא וועבער, עס איז נאך דא אזוינע פייגלען, וואס קאנען אפילו נאהען אויך. אין אינדיען צום ביישפיעל, לעבט אקליין פרייליכע פייגעלע, וואס מען רופט דיא שניידערין, ווייל זיא נעהט צונויף איהר נעסט פון בלאטטער. זיא מאכט דאס אויף אזא ארט. גאר צום ערשטען זוכט זיא אוים אויף איין עק צווייג, וואס נאהנטער צוא דער ערד, א גרויסען בלאטט. פון דיעזעם בלאט נאהט זיא זיך אויף א נעסט. פריהער שטעכט זיא אוים מיט'ם שארפען שנאבעל, וויא מיט איין אהל, אויף דיא ברעגען פון דעם בלאטט לאכעלאך. נאכהער פליהעט זיא אוועק אוים זוכען א פאדעם מיט וואס צוא נאהען. אזא פאדעם איז ניט שווער צוא געפינען, ווארום דיא אדערען (פאזער, וואלאקנאן) פון פיעל געוואקסע זיינען גענוג שטארק און מאן קאנן זייא געברויכען אנשטאט פאדעם. דיא פייגעלע חאפט דעם פאדימיל מיט'ם שנאבעל און רוקט איהם דורך דיא לאכעלאך, פריהער אין איין לאכעלע, נאכהער אין דיא אנדערע, ציהעט צונויף דעם פאדעם, מאכט שטייף, דערנאך ציעהט זיא צונויף ביידע עקען בלאטטעל און עס ווערט בייא איהר אזויא פארטיג איין נעסט, דערנאך נעהט זיא אזויא צונויף אגדערע צווייא לאכלאך, און ארבייט אזויא

ווייטער אונ ווייטער, וויא אַוואַהרע שניידערקע. ענדליך, דרעהט זיא דעם בלאַט צונויף וויא ארוהרעצקע. אויב איין בלאַט איז וועניג, ברייננט זיא נאך אַ בלאַטט אונ נאַהט איהם צוזאממען מיט דעם ערשטען. דעם נעסט בעט זיא אויס אינעווענינ מיט ווייכע פֿעדערען אונ לייגט דאָרט אב איהרע אייעליך.

דיא „שניידערין" וויים איבערהויפט, וויא זיך צוא בעגעהן מיט פֿאַדעם. איינעם האט זיך אמאל פֿערוואלט האפען אזא פֿייגעלע לעבעדיגער הייט. ער האט פֿערקניפּעלט אפֿאדעם אין שלייפֿען אונ האט דאס פֿערשפּרייט לעבען נעסט, כדי דיא פֿייגעלע זאל זיך פֿערפּלאַנטען. זיא האט זיך אבער ניט געלאזט נאַרען. וויא זיא האט דערזעהן דעם שלייף, האט זיא איהם אַהאַפּ געגעבען מיט׳ם שנאבעל, האט אשאָקעל געטהאן אפּאר מאל מיט׳ם קאָפּעל, האט געטהאן אציעה אונ דער שלייף האט זיך פֿערנאנדער גענומען. נאכהער האט זיא זיך לוהיג צוריק געזעצט אין נעסט.

וויא מייז פלעכטען נעסטען.

דאס וויים יעדערער, אז פֿייגלען פֿלעכטען נעסטען, נור עס איז אבער אויך דא אויף דער וועלט מייז, וואס פֿלעכטען נעסטען ניט ערגער פֿון פֿייגלען. אין ענגלאַנד לעבט אויף דיא געטריידע פֿעלדער אַמייזעל וואס מען רופֿט קארליק דאס איז זעהר אשיינע אונ אגאַנץ קליינע חיהלע, זיא איז צוויי מאל קלענער וויא אַ געוואָהנליכע מויז אונ וועגט זעכס מאל וועניגער. דיא פֿארב פֿון איהרע האָר איז ניט גרוי, נור ברוין, אויסער דאס הערציל וואס איז וויים. דיעזע חיה׳לע פֿלעכט זיך אַ נעסט פונקט וויא אַ פֿייגעל. דיעזער נעסט ווייזט אויס וויא אַ רונדע קויל אונ איז געמאַכט פֿון גראז. ער הייננט וואו עס איז אין פֿעלד. אין דיא גרינע גראז איז איהם ניט לייכט צוגעפֿינען. אין דעם נעסט האלטען זיך אויף יונגע מייזעליך. קיין פֿענסטער איז אין דעם נעסט ניט דא, אבער עס זעהט זיך אלסדינג דורכ׳ן וואַנטיל, ווייל דיא מויז פֿלעכט ניט דעם נעסט זעהר געדיכט.

וויא פיש פלעכטען נעסטען.

דער קליינער פֿישעלע, וואס רופֿט זיך דער שטעכלינג, פֿלעכט זיך אויך אנעסט אונטער דעם וואססער. ער ארבייט נאר מיט׳ם מויל. דאס איז זיין איינציגער אינסטרומענט, אונ דעננאך פֿלעכט ער אויס אַ פראַכטפֿאללען

נעסט

נעסט. איינער דערציעהלט, אז ער האט אמאל ארייגגעלאזען אין אסלאַיי מיט וואססער איין „ער“ שטעכלינג און אין דריי טאָג ארום האט ער אהין ארייגגעלאזען „זיען“. אום עס זאל זייא זיין אנגענעהם צוא לעבען אין סלאַיי האט ער אהין ארייגגעלעגט גראז וואס וואכסט אין ים, אויך זאמד און בלאטע פון ים. זייא האבען זיך געלעבט אין סלאַיי אזויא גוט וויא אין ים, און דער מענש האט באלד בעמערקט, וויא דער „ער“ האט גענומען בויען אַ נעסט. אלס מאטעריאל האט ער פערברויכט דיא ים-גראז און דיא זאמד. דיא ארבייט איז ניט געוועזען לייכט. ער האט געארבייט מיט'ם מויל, לאנג געארבייט, מעהר וויא אַ מעת-לעת. ענדליך איז אבער פארטיג געווארען דער נעסט. ער האט אויסגעוויעזען וויא אַביסעל צונויפגעפרעסטע ים-גראז. אין רעכטען מיטען איז געוועזען אַ צימעריל מיט אַ ברייטען ארייגגאנג. וויא דער נעסט איז פארטיג געווארען, איז אהין ארייגגעקראכען אַ „זיע“ און האט געלעגט רויגען (איקרע). נאכהער איז זיא צוריק ארויס נור ניט דורך דעם אַריינגאנג, זיא האט דורך געבראכען מיט'ן קאפ אלאך אין וואַנטיל פון דעם נעסט און איז ארויס. נאכהער איז ארייגגעשוואומען אין נעסט נאך איינע און האט אויך דארט געלעגט רויגען, דאס זעלבע האט אויך געטהאן דיא דריטע, און נאכדעם האט זיך דער „ער“ געשטעלט נעבען דעם נעסט היטען עס זאל זיך מיט דיא רויגען קיין אונגליק ניט טרעפען. ער האט בייא טאג און נאכט ניט אפגעטראטען פון נעסט, האט געמאכט מיט דיא פלוס-פעדערען און געקלאַפט מיט'ן עק כדי דיא וואססער זאל בייא דיא רויגען ניט שטעהן אצייט אויף איין אָרט. מען האט אויך בעמערקט, אז יעדען טאג פלעגט דער „ער“ מאכען שטארקער דעם נעסט, אזויא וויא ער וואללט מורא געהאט טאמער פאלט איין דער נעסט און עס וועט גארנישט ווערען פון דיא רויגען אזוי האט ער געהיט דעם נעסט און ניט אפגעטראטען פון איהם ביז עס זיינען ארויס פון איהם קליינע פישעליך.

עס איז דא אזעלכע פיעל פישען, וואס מאכען זיך נעסטען. איין כינעזישע פישעלע מאכט זיך אַ וואונדערליכען נעסט, וואס פערנעהמט ביז 4 ווערשאק אין דער ברייט. דעם נעסט בויעט, אזויא וויא בייא דיא שטעכלינגע, ער דער „ער“. מאכט זיין נעסט פון שאָם, און דיא שאָם מאכט ער פון שפייכעל (פין שליים) וואס רינגט בייא איהם פון מויל, ער שווימט ארוף פון אויבען נעהמט אן אין זיך לופט און לאזט איהם דער נאך ארויס מיט בלאָזליך, אבער ניט פון זייף-וואסער, נאר פון שליים. עס געהען בייא איהם ארויס גוטע בלאָזליך, זייא פלאצען ניט, ווייל ער האט גענוג שליים אין מויל. אויב עס פעלט איהם אוים דיעזער שליים ווייס ער וואס מען דארף צוא דעם טהאן. ער לאזט זיך אראפ צום גרונד און עסט זיך דארט אן מיט אזעלכע ים-גראז וואס ער

דערקאנט

דערקענגט שוין. פֿון דיעזע ים-גראז געהט בייא איהם פֿון מויל מעהר שליים.

דער נעסט פֿון דיעזע בֿינעזישע פֿישעלע שווימט פֿון אויבען אויפֿ'ם וואססער. דיא „זיע" לעגט אבער רויגען אונטען אויפֿ'ן גרונד. אלזאָ מוזען דיא פֿיש איבער טראגען דיא רויגען אין נעסט אריין דאס איז שוין דעם „ער'ס" ארבייט. וויא מאכֿט ער דאס? — אריבער טראגען איז ער ניט אים שטאנד, ער האט אבער צוא דעם איין אנדער עצה. ער נעהמט אן אין מויל אַ סך לופֿט, לאזט זיך אראב צום גרונד, פֿערגראבט זיך אין דיא זאמד פונקט אונטער דעם אָרט, וואו עס ליעגט דיא רויגען אונ דארט לאזט ער פֿון זיך צוריק ארויס דיא לופֿט, וואס ער האט אנגעגומען. דיא לופֿט געהט פֿון איהם ארויס אין גאנץ קליינע בלאָזליך. דיעזע לופֿט בלאָזליך העבען אויף מיט זיך דיא רויגען פֿון אויבען אויפֿ'ן וואססער. אויף דעם אָרט קוממט אריין דיא רויגען אין נעסט, וואס שווימט דארט דער בייא.

פייגעלשע שטעדט.

עס איז דא פֿערשיידענע טהיערע, וואס בויען זיך ניט נור איינציגע הייזער, נעסטען אונ נאָרעס, אבער אפֿילו גאנצע שטאָדט אויך. אזעלכֿע שטאָדט זייען דא בייא פֿיעלערליי טהיערען. איין רייזענדער דערצאָהלט וועגען אַ שטאדט, וואס ער האט געטראפֿען בייא פֿייגלאך.

אויף דעם ברעג פֿון דעם אייז-מעער (ים-הקרח) לעבען פֿיעל פֿייגלאך, וואס מען רופֿט זייא דיא „ניט פֿליהער". מען רופֿט זייא אזויא ווייל זייא קאנען ניט פֿליהען. זייא האבען קליינע פֿליגלען אונ אגרויסען קאָרפער, שווער וויא אַ בליי; זייערע פֿיס זיינען אזויא קורץ, אז קוים, וואס דיא פֿייגעל קאנן געהן אויף דר'ערד. בשעת זיא געהט, איז אַגעלאָכֿטער צוא זעהען. זיא שטעללט אַ טריט אונ גיעט זיך אַ דרעה מיט'ם גאנצען קאָרפער אין איין זייט, נאך אַ טריט אונ גיעט זיך אַ דרעה אין דעם אנדערען זייט. אזוי געהט זיא טריט בייא טריט דרעהענדיג מיט'ם קאָרפער אַ הער אונ אַ הין. אבער אזויא געהען דיא „ניט-פֿליהער" מעהר ניט וויא בשעת זייא האבען זיך ניט וואהין צוא איילען. ווען זייא דארפֿען אבער ענטלויפֿען פֿון אַ פֿיינד, טהוען זייא אנדערס. זייא לייגען זיך אנידער מיט'ן הארצען אויפֿ'ן זאמד אונ נעהמען זיך גליטשען וויא אין אשליטען. זייא ארבייטען מיט דיא לאפקעס אונ מיט דיא פֿליגלען אונ אויף דעם אופֿן קאן דער „ניט-פֿליהער" זעהר געשווינד ענטלויפֿען פֿון דעם פֿיינד אין מעער. איין מאל איז ער אויפֿ'ן וואססער, האט ער שוין ניט וואס צוא פֿירכֿטען. אויפֿ'ן וואססער איז שווער דעם „ניט-פֿליהער" צוא האפען. ער שווימט אזויא געשווינד, דאס דיא בעסטע שיף קאן איהם ניט

דעריאגען

דעריאָגען. ער קאן זיך אויך זעהר גוט אונטערטיכען (מאַכען אנורקע) אין וואססער. אונטער'ם וואססער חאפט ער פיש.

די „ניט־פליהערס" לעבען אללע מאל כטאַיעס־וויים. מען האט בעגעגענט סטאַיעס „ניט־פליער" פון צעהנדליגע טויזענד פייגלען. אז מען פאהרט אויפ'ם מעער, זעהט מען זייא פון וויטען, וויא זייא זיטצען ביים ברעג ים אויף דיא פעלזען מיט דעם וויסען הארצען פאראוים. זייא זיטצען אימּמער אין ציילען, וויא דיא סאלדאטען. דיא יונגע פייגלאך זיטצען אויף איין אָרט, דיא עלטערע אויף איין אנדערן ארט. דיא זיען וואס זיטצען אויף אייער אויף אדריטען אָרט. יעדער עלטער האט זיין בעשטימטען אָרט. דיעזע ארדנונג ווערד זעהר שטרענג געהאלטען. אויב איונגע פייגעל זעטצט זיך נעבען דיא עלטערע, טרייבט מען איהר אוועק. דאס זעלבע, פערקעהרט, אז איין אלטע זעטצט זיך צווישען דיא יונגע, טרייבען איהר דיא יונגע פון זיך אוועג.

די „ניט־פליהערס" בויען זיך וואהרע שטאָדט. זייערע שטאָדט ליעגען שטאַנדיג לעבן מעער, אויף דעם זאַמדיגען ברעג, וואס איז בעוואקסען מיט גראז. דיא „ניט־פליהער" טרעטען זיך אוים אין גראז וועגעלאך, ואס געהען האַרד ביז דעם וואססער. דיעזע וועגעלאך זיינען אועלכע גלאטע אונ ריינע, אזויא וויא עם וואלט זיא געמאַכט אמענש, ניט אפייגעל. דיא וועגעלאך געהען אויף אגלייכען פלאטץ אין דער לאַנג אונ אין דער ברייט, אונ זייא בעגעגענען איינע דיא אנדערע ריכטיג, נאָכ'ן פלאן. דער גאנצער ברעג, וואו דיא „ניט־פליהער" וואהנען, איז איינגעטהיילט מיט דיא וועגעלאך אין פיערקאנטיגע פלאַטצלאך. אויף יעדעם פלאַטצעל געפינט זיך צוא איין נעכט.

זייערע נעסטען גראבען דיא ניט־פליהער אין זאמד, אָפט אהאלב קלאפטער דיא טיעף. אין אנפאנג איז דער נעסט שמאל, אבער וואס טיעפער ווערט ער אלץ ברייטער אונ גראמער.

דארט, אין נעסט, זיצט דיע „זיע" אויף איהרע אייער, נעבען איהר זיטצט שטענדיג אין נעסט אויך דער „ער", ווען דיא „זיע" געהט ארוים פון נעסט, זעצט זיך דער „ער" אויף דיא אייער. אזויא זיטצען זייא אוים בשותפות זייערע פייגעליך. צווישען דיא נעסטען ציהען זיך אונטער דער ערד וועגען, כדי מען זאל קאננען ענטלויפען פון איין נעסט אין דעם אנדערען אים פאלל, אז עס טרעפט זיך איין אונגליק.

זייערע אללע נעסטען צוזאַמּמען וויזען אוים וויא אַוואהרע שטאדט. דיא נעסטען זיינען הייזער, אונ דיא וועגעלאך — גאססען.

ארום דיא ניט-פֿליהער'ס שטאַרט ציהען זיך אויף וועגעלאך. אין שטאַדט איז בייא זייא אימטער אַ זעלטענע אָרדנונג.

דיא געביידען פון דיא ביברעס.

נאך וואונדערליכער איז אן צוא קוקען דיא וואהנונגען פֿון דיא ביבערס. דיא ביבערס זיינען וואהרע בעלי מלאכות. קיין טהיער קאן ניט בויען אזויא גוט אונ מיט אזא פֿערשטאנד וויא דיא ביברעס.

פֿאר צייטען האבען דיא ביבערס געלעבט אין פֿיעל לאַנדער, יעטצט בעגעגענט מען זייא זעלטען, וויל מענשען טיידטען זייא אוים פֿון יאהר צוא יאהר. יעטצט זיינען זייא נאר דא אין סיביר אונ אין נאָרד-אמעריקא. אנדערס וואו טרעפֿט מען זייא אן גאנץ זעלטען.

דער ביבער איז ניט גאר קיין קליינעס טהיער, ער האלט אין דיא לאַנג עטוואס מעהר וויא איין ארשין. ער האט זעהר שארפֿע צאָהן אונ אַ פלאטציגען בריימען עק. דער ביבער שווימט זעהר גוט. צווישען דיא פֿינגער פֿון זיינע הינטערשטע פֿים איז דא בייא איהם א הייטעל אזויא וויא בייא ענטען. דער עק דיענט איהם צום שווימען אין וואססער, אנשטאט אַרודער.

דיא ביבערס לעבען שטענדיג נעבען וואססער. זייערע וואהנונגען בויען זייא אויף דעם וואססער אדער נאהנט פֿון וואססער.

זייערע וואהנונגען מאַכען זייא פֿון צווייגליך; זייא רייסען אן מיט דיא צאָהן אסך צווייגליך, טראגען זייא צונויף אין איין ארט אונ בויען אוים פֿון זייא א רונדען באַלאַגאַן אָדער אַביידעל. דיא שפאלטען צווישען דיא צווייגליך פֿערשטאפּען זייא מיט וואססער-גראז אונ בלאטע. פֿון דיעזעם מאטעריאַל קוממט בייא זייא ארוים איין אויסגעצייכענטער באַלאַגאַן. עס וואללט זאָגאר ריכטיגער געוועזען איהם אנצורופֿען הויז, עהדער באַלאַגאַן.

דיא ביבערס בויען זעהר גרויסע הייזער. מען האט בייא זייא בעגעגענט הייזער, וואס האבען געהאלטען צווייקלאפּטער אין דער ברייט אונ מעהר וויא אקלאפּטער דיא הויך. אויף אַ האַלבען קלאפּטער געהען זייערע הייזער ארוים פֿון וואססער. פון דערוויסען זעהט מען ניט קיין אריינגאנג אין זייער וואהנונג, אונ אינעווענינ בעשטעהט זיא פֿון צווייא עטאַזשען. דער אונ-טערשטער עטאַזש שטעהט אין וואססער אונ דער אויבערשטער אויף דעם וואססער.

אין

אין דעם אונטערשטען האלטען זייא עסען ווארג, וואס זייא גרייטען זיך אן אויף ווינטער. אויבען וואהנען זייא אונ זייערע קינדער. פֿון זייער וואהנונג ציהען דיא ביברען צווייא פֿערמאכֿטע קארדידאָרען דורך וועלכֿע ארויסצוגעהן; דורך איינעם טראגען זייא אריין צוא זיך דיא שפייז, וואס זייא שאפֿען זיך. דורך דעם אנדערען געהען זייא אריין אונ ארויס; דעם ערשטען קארידאר מאכֿען זייא שטענדיג משופע, בארג אראפּ, כדי עס זאל זייא זיין גרינגער צוטראגען משאות. דער אנדערער געהט אין פֿיעל אֶרטער גערדרעהט אהער אונ אהין. ביידע וועגען פֿיהרען ארויס אונטער דעם וואססער. דער ביבער בויעט איממער זיין וואהנונג אויף אזא ארט, ער זאל קאננען ווען ער וויל אריין געהן אין וואססער. אין וואססער איז דעם ביבער שוין אונמאֶגליך צוא חאפּען.

דיא ביבערס בויען זייערע וואהנונגען אין טייכֿען אונ אָזערעם. זייא זוכֿען זיך אויס אזוינע אֶרטער, וואו דאס וואססער איז ניט זעהר ניעדריג, זעהר קליין. זייא האבען ניט ליעב, אזעלכֿע אֶרטער וואו דאס וואססער איז אמאל גאר הויך אונ אמאל, פֿערקעהרט, גאר ניעדריג. זייא דארפֿען אוואססער וואס איז איממער אויף איין שטאנד, אונ אזא וואססער פֿערשאפֿען זייא זיך אליין. אזויא וויא מענשען שיטען אן דאַמבעס, אז זייא וויללען רעגולירען דאס וואססער, עס זאל זיין ניט מעהר אונ ניט וועניגער וויפֿיעל עס פֿאדערט זיך אין מיהל, — אזויא טהוען דיא ביבערס אויך. זייא קאננען פֿערשפּאַרען דאס וואססער אונ מאכֿען דאַמבעס. זייערע דאַמבעס מאכֿען זייא פֿון צווייגען, שטיינער אונ ערד, וואס אויפֿ'ם גרונט טייך. דיא צווייגען שניידען זיך דיא ביבערס אליין אן מיט דיא צאֶהנער. זייערע צאֶהנער זיינען אזעלכֿע שארפֿע, דאס אין צווייא דרייא טאג בייסען זייא איבער אזא גראבען בוים, וואס אמענש קאנן איהם קוים ארום נעהמען. מיט דיא יונגע צווייגעליך אונ מיט דיא קאָרע שפּייזען זייא זיך, אונ פון דיא גראבע צווייגען מאכֿען זייא דאַמבעס. צום ערשטען קלאפען זייא אריין אויפֿ'ן גרונט פֿון טייך טרוקענע דינע שטענגלאך אונ דער נאך לעגען זייא נאך אויף דעם אן צווייגען. צוא ליעב דעם האלטען זיך דיא צווייגען אויף איין ארט אונ געהען ניט אוועק מיט'ם שטראם. אויף דיא צווייגען שיטען דיא ביבערס אן שטיינער אונ ערד.

רייזענדע דערצעהלען, אז מען בעגעגענט זעהר גרויסע דאמבעס וואס דיא ביבערס האבען געמאכֿט. אין נאָרד-אמעריקע געפֿינט זיך אין איין ארט דיא ביבער'ס אדאמבע, וואס האלט 80 קלאפֿטער דיא לאֶנג. צום ערשטען האבען דיא ביברעס דארט געמאכֿט אדאמבע איבער דיא ברייט פֿון טייך פון איין ברעג צום אנדערען. דיעזע דאמבע האט געהאלטען אקלאפֿטער דרייא אין דער לאֶנג. צוליב דער דאמבע האט זיך אויפֿגעהייבען

דאס וואססער אונ פֿערטרונקען דעם לינקען ברעג. אבער דיא ביבערעס האבען ניט אנדדעס בעדארפֿט האבען אוואהרע סאזאלקע, דאריבער האבען זייא געצוויגען דיא דאמבעס וויטער נאך אויף 13 קלאַפֿטער. דארט איז געוועזען אויף דעם גרונט א הויכֿער אָרט, אבערגעל, וואס פֿלעגט פֿער האלטען דאס וואססער. פֿון אנדערען זייט בערגעל האבען דיא ביבערעס וויטער געמאכֿט אַ דאַמבע אויף זעכֿציג קלאַפֿטער דיא לאַנג. אויף דעם אָרט האבען זיך דיא ביבערס געמאכט ביים ברעג טייך אַ וואהרע סאזאלקע. זייער דאמבע איז געוועזען אויף אהאלבען קלאַפֿטער הויך איבער דעם וואססער אונ האט געהאלטען אונטען ביים גרונד צוויא קלאַפֿטער דיא ברייט.

דיא ביבערעס בויען זייערע דאמבעס זעהר קלוג. זייא האלטען אלע מאל אזא וואססער וואס זייא דארפֿען, ניט גראָססער ניט קלענער. אויב דאס וואססער הייבט זיך אויף צוא הויך, מאכֿען זייא אין דאמבע אלאך אונ לאזען ארויס דאס איבריגע וואססער. אין דיא היטצען, ווען עס איז אזויא אויך ווייניג וואססער, פֿערשטאפען זייא דיא לאָכֿער אין גאנצען.

דארט וואו דאס וואססער איז זעהר שטראמיג, מאכֿען זייא צווייא דאמבעס איינע הינטער דער אנדערע.

מיט אזעלכֿע מיטלען קאננען דיא ביבערס פֿערטרינקען דיא נידעריגע ערטער. אמעריקאנישע קאלאניסטען דערצאֶהלען אז דיא ביבערעס האבען פֿיעל מאל פֿערפֿלייצט מיט וואססער זייערע תבואה פֿעלדער.

פיר דיא ביבערעס זיינען אזעלכֿע פערפֿלייצונגען זעהר נוטצליך, ווארום דאמאלס קאננען זייא מיט'ם וואססער אוועק שווימען אין וואלד נאך שפייז פֿיר זיך אונ פֿערשפארען געהן צוא פֿוס; שווימען אויפֿ'ם וואססער איז פֿיר ביבערעס לייכֿטער וויא צוא געהן צוא פֿוס.

עס טרעפֿט אז דיא ביבערס וואהנונג איז וויט פֿון וואלד. דאמאלס גיעבען זייא זיך אויך איין עצה: זייא גראבען אויס קאנאלען פון טייך גלייך אין וואלד אריין. דיעזע קאנאלען האלטען אמאל אַ האלבען קלאַפֿטער דיא טיעף אונ אַ האלבען קלאַפֿטער דיא ברייט. דורך דיא קאנאלען פֿיהרען זייא צוא זיך אין וואהנונג דיא צווייגען אונ דיא קארע וואס זייא רייסען אן אין וואלד. ביבערעס גראבען דיא ערד מיט דיא פֿארפֿערשטע פֿיס, אונ דיא ארבייט געהט זעהר לאנגזאם, אבער דיא ביבערס זיינען פֿלייסיגע ארבייטער אונ האבען געדולד אויסצוגראבען קאנאלען, וואס האלטען דיא לאַנג ביז פֿינף אונ זעכֿציג קלאַפֿטער. אָט אַזויא אָרדענען זיך דיא ביבערעס איין זייערע וואהנונגען: זייא בויען הייזער, מאכֿען דאמבעס אונ גראבען קאנאלען, דורך וועלכֿע זייא פֿיהרען פֿון וואלד צווייגען אונ קארע צוא זיך אין וואהנונג.

וויא טהיערען נעהמען אב איינע בייא דיא אנדערע, זייערע וואהנונגען.

ניט אלע טהיערען בויען זיך נעסטען. עס איז דא צווישען זייא אזעלכֿע וואס נעהמען מיט געוואלט צוא פֿרעמדע נעסטען. איין טהיער בויט זיך אויס אנעסט אונ איין אנדערע טהיער נעהמט איהם צוא פֿיר זיך, טרייבט ארויס דעםווירטה אונ בעזעטצט זיך אליין אויף זיין אָרט. אנדערע טהיערען וויסען זאָגאַר קיין מאל ניט וואס דאס הייסט אליין בויען פֿיר זיך אוואהנוונג פֿון אייביג אָן איז בייא זייא אזא מאדע אוועקצונעהמען פֿרעמדע וואהנונגען.

דער פֿוכס, צום ביישפיעל, וואהנט אפֿט אין דאכֿסהונדס (בארסוק) נארע. אום צוא פֿערטרייבען דעם דאכסהונד, געברויכֿט דער היטרער פֿוכס אזא מין מיטטעל. דער פֿוכס וויס וואהל, אז דער דאכס הונד האט ליעב, אז בייא איהם אין נארע זאל זיין גאנץ ריין אונ דאס ער קאנן ניט ליידען קיין שווערען גערוך. דער מיט בענוצט זיך דער פוכס: ער מאכֿט אן לעבען נארע אזויא פֿיעל שמוטץ אונ אזא שטינקעריי, דאס דער דאכֿס הונד קאן דאס ניט פֿערטראגען אונ מוז ענטלויפֿען פֿון זיין אייגענע וואהנונג. מעהר וויא דאס דארף דער פֿוקס ניט. דיא שנעעוויזעל לעבט אמאל אין דעם מוילוואורפֿס (קראָט) נארע: דעם קראָט טרייבט זיא ארויס אונ אז גאט גיט עסט זיא איהם נאך אויף דערצו. דיא קליינע פֿעטטגאנז (פינגווין) טרייבט ארויס דעם קראָליק, וואס איז גראָססער פֿון איהר, פֿון זיין נארע אונ בעזעצט זיך אליין אויף זיין ארט. דער קראליק וויל מיט גוטען ניט אבטרעטען אונ עס ווערד צווישען זייא אשטרייט, אבער דאס רוב, נעהמט איין דיא פֿייגעלע. דער שפערלינג (וואָראָבייטשיק) האט אויך ניט פֿיינדט צוא געניעססען פֿרעמדע. ער קלייבט זיך אָפֿט אריין אין שוואלבס נעסט, ווארפֿט ארויס פֿון דארט דיא קליינע פֿייגעליך אונ ער אליין פערבלייבט אין נעסט דער גאנצער בעל הבית. ער נעהמט אריין צוא זיך זיין געליעבטע אונ זיא לייגט דארט איהרע אייעליך. צווישען דיא פֿייגלען איז אויך דא פֿיעל רויבער אונ ראזבאָיניקעס פונקט וויא צווישען דיא ווילדע טהיערען. דיא פֿאַלקען (סאָקאָלעס), דיא עגיפטישע שטאָרכֿען אונ נאך פֿיעל אנדערע פֿייגלען וואהנען איממער אין פרעמדע נעסטען. אין בראַזיליע (אין זיד-אמעריקע) איז דא אסארט פֿייגלען, וואס וואהנען אין דיא נעסטען פֿון דיא וויסע מוראשקעס. דיא פֿייגלען רופֿען זיך דארט סורוקואַ. איינינע וויסע מוראשקעס (טערמיטען) בויען זייערע נעסטען אויף בוימער. דיזע נעסטען וויזען אויס וויא באַלאָנען. דיא סורוקואַ זוכט אויס אזא נעסט, פיקט אויס אין איהם מיט'ם שנאבעל אלאך, קריכֿט אריין אין נעסט. אטהייל פֿון דיא מוראשקעס, וועלכֿע זיא געפֿינט דארט, פֿרעססט זיא אויף, דיא איבעריגע

צוטרייבט

צוטרייבט זיא אונ פֿון זייער נעסט מאכֿט זיא זיך אנעסט פֿיר זיך. אפֿילו דיא קליינע הומעל-ביענען בעזעטצען זיך אויך צייטען ווייז אין אַפֿרעמדען נעסט.

איין מאל האט זיך דיא קליינע אונ שייניגקע פֿייגעלע, וואס מען רופֿט רויטקעלכֿען, אויסגעבויעט אנעסט אויף אבאלקאָן פֿון אזוממער קווארטיר אין עטליכֿע טעג ארום האט אהומעל ביען צוגענוממען בייא איהר דעם נעסט אונ האט איהם, נאך זיין געשמאק נאך איבערגעבויעט פֿיר זיך.

וויא טהיערען מאכען זיך צאלנעם.

גאנץ וויט אויף דעם אָקעאַן, אין דיא קאלטע געגענדען ליעגט איין אינזעל איסלאַנדיא. אויף דיעזער אינזעל האט איינער אמאל געזעהן וויא מייז האבען זיך פֿערשאפֿט אַ צאלנע. עטליכֿע מייז האבען אויסגעזוכֿט איין אויסגעטריקענטע פֿערדארטע שטיק קיהעשע מיסט אונ האבען אויף דעם ארוף געלעגט יאגדעס אונ אנדערע שפייז פראדוקטען. דער נאך האבען זייא דאס צוגעשלעפט צום טייך, וואס זייא האבען געוואלט איבערשווימען, אונ האבען זייער צאלנע אראפּ געלאזען אין וואססער. אליין האבען זייא זיך אויך ארוף געזעצט אויף דיא צאלנע. זייא זיינען געזעסען ארום אונ ארום מיט דיא קאָפּ צוא דיא עסענווארג אונ מיט דיא עקען אין וואססער. עם קאן זיין אז מיט דיא עקען האבען זייא גערודערט וויא מיט וויאסלעם (רודער). דער שטראם האט זייא אריבערגעפֿיהרט אויפ'ן אנדערען זייט טייך. דארט זיינען זייא פֿון צאלנע אראבגעגאנגען אויפ'ן ברעג. אזוינע מייז מאַטראָסען האבען אנדערע רייזענדער אויך בעגעגענט. מען דערצעהלט נאך אנדערע זאכֿען וועגען דעם וויא מייז שיפֿען אריבער זייערע זאַפּאַסען שפייז. עס איז דא אזעלכֿע שוועמלאך וואס וואקסען אוים וויא אליידיגער זאַקעל. זייא רופֿען זיך אן קוגעל-שוואָמלאך. דיא מייז פֿערשאפֿען זיך אזעלכֿע שוואָמלאך אונ שיטען אן אין זייא, וויא אין זאַק, יאגדעס, קאָרנער אונ אנדערע זאפאסען. נאכהער שלעפען זייא דיעזע זאַק צום וואססער אונ לעגען אריין אין צאלנע.

אין דיא בלאטיגע אָרטער פֿון נארפֿאלק (אין ענגלאנד) געפֿינען זיך שפינען, וואס קאנען אויך פֿיר זיך בויען פליטען אדער צאלנעם. דיעזע שפינען זיינען זעהר גרויסע. יעדער פֿון אזעלכֿע שפינען מאכֿט זיך אַבאלאָן פֿון פֿערשיידענע גראז. עם זאל זיך שטארק האלטען, פֿערוועבט ער דעם באַלאָן מיט שפינוועבס. דיעזער באַלאָן שווימט איבער דעם וואססער אונ דער שפין זיטצט אין איהם וויא אין אשיף. אונ גיט גוט אכֿטונג אין אלע

זייטען

זייטען צוא עס איז פֿיעללייכֿט ניט אריינגעפֿאלען אין וואססער אפֿליעגעלע אדער אזשוק. וויא ער בעמערקט נאר אזא מין פֿליעגעלע וואס איז אריינגעפֿאללען אונ קאן ניט ארויסקריעכֿען פֿון וואססער, אזויא טהוט ער זיך אווארף צוא איהר, שלעפט איהר ארויף צוא זיך אויפ'ן שיף אונ פֿרעססט איהר אויף. אזויא שווימט ארום דיעזער שפין אגאנץ זומער איבערן וואססער, ניט אומזיסט רופֿט מען איהם „מעער-פֿאהרער".

דיא מוראשקעס שווימען אנדערש. וועגען איין אמעריקאנישען סארט מוראשקעס ערצאֶהלט איינער אזויא: דיעזע מוראשקעס האבען בעדארפֿט אריבערשווימען א טייך. דער טייך איז געווען אברייטער אונ עס איז געוועזען שווער איהם אריבערצושווימען. דער ברעג איז אין יענעם אָרט געוועזען הויך אונ בעוואקסען פֿול מיט גראז. אראבגעהן פֿון אזא ברעג איז אויך געווען שווער, דעראיבער זיינען דיא מוראשקעס פֿון דארט אוועקגעגאנגען וויטער.

זייא זיינען געגאנגען אזויא לאנג ביז זייא האבען געפֿונען אזאַמדיגען אונ זעהר אניעדעריגען ברעג. דארט האבען זייא זיך אפגעשטעלט. דיא מוראשקעס האבען גענוממען לויפֿען הין אונ צוריק. באלד האב איך בעמערקט, דערצאֶהלט יענער וואס איז געוועזען דערביי, אז יעדע מוראשקע האט געטראגען אין מויל אטרוקענעם שפענדעלע. דיא מוראשקעס זיינען צוגעגאנגען צום ברעג, האבען אראפ געשטופט זייערע שפענדליך אין וואססער אונ אליין האבען זייא זיך ארויף געשטעלט אויף דיא שפענדלאך. גלייך נאך דיא ערשטע שערענגע מוראשקעס האבען זיך אויף דעם אייגענעם אופֿן אצווייטע שערענגע אראב געלאזט אויף שפענדלאך אין וואססער. נאך דיא צווייטע, אדריטטע אונ אזויא ביז'ן סוף. דיא הינטערשטע האבען זיך געהאלטען שטייף מיט דיא פֿיסעליך אויף זייערע שפענדעליך אונ מיט דיא מיילכֿעליך האבען זייא צוגעהאלטען דיא פֿארדערשטע מוראשקעס. אזויא האבען זיך געהאלטען אלע שערענגעס איינע אן דיא אנדערע. עס האט פֿיעל ניט געדויערט אונ דאס וואַססער האט זיך בעדעקט מיט מוראשקעס. יענע מוראשקעס וואס זיינען געשטאנען אויפ'ן ברעג, האבען מיט דיא מיילכֿעלאך צוגעהאלטען דיא לעטצטע שערענגע, וואס איז שוין געוועזען אויף זייערע שפענדלאך אין וואססער. ענדליך אז זייא האבען שוין מעהר קיין כח ניט געהאט זייא צוואהאלטען, האבען זיך דיא צאָלנעס אבגעריסען פֿון דעם ברעג אונ זיינען אוועק מיט'ם שטראָם. אזויא האבען זיך געשוואומען דיא מוראשקעס אנהאלטענדיג זיך איינע אן דיא אנדערע. דיא מוראשקעס, וואס זיינען נאך פֿערבליבען אויפ'ן ברעג, האבען באלד אויך אראבגעלאזען צאלנעס אויפ'ן וואססער אונ דער שטראם האט זייא אויך אוועקגעטראגען. אזויא האבען דיא מוראשקעס געארבייט ביז דאס וואסער האט זייא אלעמען אריבערגעטראגען אויפ'ן אנדערען ברעג.

5-טעס קאפּיטעל.

וויא טהיערען רייזען.

וויא מוראשקעס בויען בריקען און געהן אריבער איבער טייכען.

מוראשקעס קאנען איבערשווימען טייכֿען מיט אנדערע אופֿנים אויך. דיא „טרייבער", למשל, שווימען אויף דעם וואסער גאר אהן אַ שום שפּענדעל. זייא זאממלען זיך צונויף אין אקאמפּאניע, איינע צעפּעט זיך אָן שטייף אָן דיא אנדערע און זייא האלטען זיך אלע וויא אַ קייט. אין אזא קאָמפּאַניע געפֿינען זיך הונדערטע טויזענט, דיא שלאַפֿערע מוראשקעס האלטען זיך אין מיטען. דיא שטארקערע בייא דיא זייטען. אַזאַ באַלאָן פֿון מוראשקעס בלייבט אין וואססער שטעהן פֿון אויבען. ער שווימט אזויא לאנג, ביז דער שטראָם שלאגט איהם צוא צום ברעג, אמת, אפֿולע פֿון דיעזע מוראשקעס ווערען אויפֿין וועג פֿערלארען, אבער נאך מעהר געהען ארויס פֿון וואסער געזונד און פֿריש.

מוראשקעס קאננען בריקען אויך בויען. רייזענדע האבען פֿיעל מאל געזעהן וויא דיא אמעריקאנישע מוראשקעס בויען אַ בריק איבער אַ טייך. צום ערשטען פֿלעגען זייא זוכֿען, צוא וואכסט אפֿט ניט לעבען ברעג טייך אזא בוים, וואס זיינע לאנגע צווייגען העננגען אריבער אויף דעם אנדערן ברעג. אויב זייא האבען געפֿונען אזא בוים, האבען זייא קיין בעסערען בריק ניט בעדארפֿט. זייא פֿלעגען נעהמען קריעכֿען פֿון איין צווייג אויף דעם אנדערען ביז זייא זייען געקוממען, וואו זייא האבען געוואלט. אויב אבער זייא האבען אזא מין בוים אין יענעם געגענד ניט געפֿונען, פֿלעגען זייא זיך געבען איין אנדער עצה, נאָמליך, זייא פֿלעגען ארויפֿקריעכֿען אויף וועלכֿען בוים עס איז לעבן ברעג. פֿון בוים פֿלעגען זיך דיא מוראשקעס, וויא אַ קייטעלע, ארא‌בלאזען גלייך צום וואססער. דיא קייטעלע איז דורכֿ-אויס בעשטאנען פֿון מוראשקעס: איין מוראשקע האט זיך געהאלטען אָן דיא אנדערע, דיא אנדערע אָן דיא דריטטע, און אזויא ווייטער. דיא קייטעלע איז אימער געווארען גראָססער און גראָססער. דעם עק פֿון איהר פֿלעגט מיט'ם וואססער צוא טראגען צום אנדערען ברעג טייך. דאָ פֿלעגען דיא מוראשקעס זיך אנחאפּען אָן דיא גראז און ארויסקריעכֿען פֿון וואססער אויפֿ'ן ברעג, ניט אויפֿהערנדיג אלץ זיך צוא האלטען איינע אָן דיא אנדערע וויא פֿריהער. איבער דיעזע קייטעלע, וואס איז מיט איין עק געהאנגען אויפֿ'ם בוים און מיט דעם אנדערן געלעגען אויף יענעם ברעג, פֿלעגען אלע איבעריגע מוראשקעס אריבערגעהן דעם טייך וויא אויף אַ בריק.

ווִיא שפִּינען בּויען בּריקען אונ פליעהען אין דער לופט.

דיא שפינען קאנען אויך מאַכען אַ בּריק. מען האט געמאַכט איין מאל אזא מין פּראבּע. מען האט ארױסגעלאזען אַ שפּינן אויף אַ שטאָקען, וואס איז געלעגען אין אגרויסע לוזע וואססער. דער שפּין האט גענומען לויפען איבער דעם שטאָקין ארוף אונ אראפּ: עס האט זיך איהם זעהר געוואלט ענטלויפען. ער איז געלאפען, געלאפען, ענדליך, האט ער פערשטאנען, אז עס איז אומזיסט זיין מיהע: עס איז ניט דא וואו צוא לויפען, אום-עט-אום איז וואסער. דאמאלס איז ער געפאלען אויף אַזא פּלאַן. ער האט ארויסגעלאזען פון זיך זעהר אדינעם פאדעם שפינוועבּס. איין עק פון דעם פאדעם שפינוועבּס האט ער צוגעצעפעט צום שטעקען אונ דעם אנדערן עק פאדעם האט ער אוועקגעלאזען אויפ'ן ווינט. דער ווינט האט פערוואָרפען דיא שפּיננוועבס אן אזייט. דארט האט זיא זיך פערטשעפעט אן אבּוים. מעהר וויא דאס האט דער שפּין ניט בעדארפט: איבער דיא שפינוועבּס איז ער גלייך אריבּערגעגאנגען פון דעם שטאָקען אויף דעם בּוים.

שפּינען קאנען, ווען מען דארף, אויף זייערע שפינוועבּס אין דער לופט אויך פליעהען. איין מעער-פאהרער דערצעהלט, אז ער איז אמאל געפאהרען אויף אַ שיף אין מיטטען אָקעאַן. עס איז געוועזען ניט וועניגער וויא הונדערט וויארסט פון בּרעג. דאס וועטטער איז געוועזען זעהר שאָן, אבּלאָער היממעל, מיט אמאל האבּען דיא רייזענדע בעמערקט, אז אויפ'ן שיף האבען גענומען פאלען פון אויבען רויטע קאָרינדליך. דיעזע קאָרנדליך האבען זיך געהאלטען אויף גאנץ דינענקע לאנגע פעדימלאך. עס איז געפאלען זעהר פיעל. מען האט גענומען בעטראכטען וואס איז דאס פאר קאָרינדליך אונ פאר פאָדימלאך, האט מען דערזעהען אז דיא רויטע קאָרינדלאך זיינען קליינע רויטע שפינען, אונ דיא פעדימלאך זיינען זייערע שפינוועבּס. דיעזע קלייניקע שפינען האבען גערייזט איבּער דעם מעער אויף שפינוועבס-פאָדעמלאך, אזויא וויא אויף לופט-באַלאָנען. דער ווינד האט געטראגען דאס שפינוועבּס, אונ דיא שפינען האבען זיך שטארק אנגעהאלטען אן דאס שפינוועבּס, אונ אזויא זיינען זייא אבּגעפלויגען מעהר וויא הונדערט וויארסט.

וויא פיש פליעהען אין דער לופט.

עס איז דא אזעלכע פּיש, וואס קאנען אויך פליעהען אין דער לופט. זייא געפינען זיך אין דיא הייסע לאָנדער. אנשטאט פליגלען דיענען זייא פלוס-

פעדער

פעדערען . זייערע פלוספעדערען זיינען גרויסע אונ ווייזען אוים וויא פליעגלען . דיא פליעה-פיש זיינען ניט גרעסער פון א הערינג . זייא שווימען גאנצע סטאיעס-וויז . אונטער דעם וואססער האבען זייא פיעל פיינדע וואס יאגען זיך נאך זייא אונ ווילען זייא איינשלינגען . אז עס קוממט זייא אוים שמאל אונ זייא האבען ניט וואו זיך צובעהאלטען פון זייערע שונאים, שפרינגען זייא ארויס פון וואססער אונ לופטען . זייא לאזען פערנאנדער זייערע פלוס-פעדערן , וויא פליגלען , אונ פליהען אין דער לופט. זייא קאננען מיט דיא פלוס-פעדערן ניט בעוועגען הין אונ הער אזויא געשווינד וויא פייגלען , אבער דאך אויף צוויי דריי קלאפטער איבער'ם וואססער הייבען זייא זיך אויף. רייזענדע האבען געזעהען , וויא פליעה-פיש שפרינגען ארויף פון וואסער גלייך אויף דיא גרויסע קריעג שיפען . לאנג קאנען זייא אין דער לופט ניט פליעהען. זייא פליעהען אב פופציג , זעבציג קלאפטער אונ דער נאך פאלען זייא צוריק אראפ אין וואססער. מעער פאהרער האבען געזעהן וויא אגאנצע סטאדע פליה-פיש שפרינגט ארויס אמאל פון וואססער אונ פליעהט אוועק .

וויא לאקסען שפרינגען איבער דיא וואססער פאללען*)

אין ענגלאנד געפינט זיך אקליינער וואסער-פאלל , וואס אלע ענגלאנדער וויסען פון איהם . צוא יענעם וואססער-פאלל פאהרט מען אין פריהלינג צייט צונויף פון פערשיידענע ארטער אנצוקוקען , וויא דיא לאכסען מאכען ארייזע אויף דער יבשה .

דער לאכס איז זעהר אשטארקער אונ אגרויסער פיש . געוואהנליך לעבט ער אין מעער, אבער אים פריהליגג געהט ער פון מעער אריין אין דיא טייכען לייגען רויגען . ער שווימט זיך אזויא אין טייך ארוף שטראם אונ זוכט אגוטען ארטעל וואו צוא לאזען זיינע רויגען .

אז עס טרעפט זיך איהם אין וועג אוואססער-פאלל קעהרט ער זיך צוריק ניט אום ; ער וויים וויא אויסצומיידען דעם וואססער-פאלל אונ וויא צוא געהן ארום אויף דער יבשה .

מענשען , וואס זיינען געוועזן דער בייא , דער צעהלען , וויא ער טהוט
דאם

---

*) „וואססער פאלל" רופט מען איין ארט אין טייך וואו דער גרונט לאזט זיך מיט אמאל אראב גאנץ טיעף אונ דאס וואססער פאללט אראב וויא פון אבארג אין אגרוב . דער שטראם איז דארט זעהר לארעמדיג אונ אזויא האסטיג , דאס עס איז אונמעגליך ניט אזויא צוא שווימען געגען אירם, אבער אפילו צוא בלייבען שטעהן אדער ארויבצושווימען מיט איהם .

דאס. ער פֿערבייגט האַסטיג דעם עק האָרד צום קאָפּ צוא אונ דערנאָך בייגט ער איהם געשווינד צוריק פֿערנאַנדער. ער טוהט דאס מיט אזא קראַפֿט אז ער שפּרינגט בשעת מעשה וויא אפֿיל ארויס פֿון וואססער. ער שפּרינגט אונטער אויף אַ פּאר קלאַפֿטער אין דער הויך. וויא ער קוממט נאהנט צוא דעם וואססער-פֿאלל, פֿאנגט ער זיך אן אַזויא צוא וואַרפֿען אונ צוא שפּרינגען ביז וואנען ער שפּרינגט ארויף גאר אויפֿ'ן שפּיטץ פֿעלזען פֿון וואנען דאס וואססער פֿאללט אַראָפּ. דאַרט שפּרינגט ער אונ וואַרפֿט זיך ווידער, ביז ער פֿאללט אריין אין אזא אָרט, וואו דער שטראָם איז ניט אזויא האַסטיג, אונ ער קאנן ווייטער שווימען רוהיג ארויף שטראָם. אט אַזויא מייד דער לאַבס אויס וואססער-פֿאללען, אונ דאס פּאַהרט מען עס צוגויף זעהן פֿון פֿערשיעדענע לאַנדער.

וויא פיש זאָרגען פיר דיא דורות וואס קומען פֿון זייא ארויס.

דיא לאַקסען אונ נאָך פֿיעל אַנדערע פֿישען מאַכען זיך ניט קיין נעסטען אנשטאט דעם זוכען זייא אויס אזעלכע אָרטער וואו דיא רויגען, וואס זייא לאָזען ארויס, וועט ליעגען רוהיג, וואו דיא קליינע פֿישעליך וואס קוממען אַרויס פֿון דיא רויגען, וועלען זיין זיכער פֿון אללע אונגליקען אונ געפֿאַהרען. געפֿינען אזא אָרט איז פֿיר פֿיש דאס זעלבע וואס בויען אנעסט אדער גראבען אַ נאָרע. אז עס קוממט דיא צייט פֿון ארויסלאָזען דיא רויגען, האבען דיא פֿיש פֿיעל זאָרג אונ ארבייט. עס טרעפֿט איין אנדערס מאל, אז דיא פֿיש מאַכען צוליעב דעם גאַנץ ווייטע רייזען.

דיא לאַקסען, צום ביישפּיעל, שווימען צוליעב דעם ארויס פֿון אָקעאַן אין דעם טייך אמאזאָנסקע, וואו זייא שווימען אב ארויף שטראָם ביז צוויא טויזענד וויאָרסט. יעדער סאָרט פֿיש האט זיך שוין זיינע בעליעבטע אָרטער, וואו צוא לייגען רויגע.

בייא דיא אָסט (מזרח) ברעגען פֿון זיד-אמעריקא געפֿינט זיך דער בעריהמטער ניו-פֿאַנדלאַנדער זאמד-באַנק*). דיעזער זאמד-באנק פֿערנעהמט מעהר וויא הונדערט צוויא אונ דרייסיג טויזענד קוואדראטנע וויאָרסט. דער מעער איז דאַרט אקלאפּטער דרייסיג טיעף. דיזער זאמד-באנק איז איין בעליעבטער אָרט פֿון דיא שטאָק-פֿישען. אין אַבעשטיממטע צייט פֿון יאהר קלייבען זיך דאַרט צוגויף גאַנצע סטאַדעס שטאָקפֿיש. דיא פֿישער וויסען שוין פֿון דעם אונ זייא פֿאהרען אויך צוגויף אהין פֿון יאהר צוא יאהר

פֿון

*) איין אָרט אין מעער אדער אין טייך וואו דאס וואססער איז גאר ניט טיעף, ווייל דער גרונד איז דאַרט אויפֿגעהעבען האָבער וויא אומעטאום.

פֿון פֿערשיעדענע לאַנדער. פֿון אמעריקע קומען צושווימען ביז 3000 שיפֿען, פֿון ענגלאנד ביז 2000 און פֿון פֿריינקרייך העכֿער וויא 600 שיפֿען. אויף דיא אלע שיפֿען געפֿינען זיך פֿישער צוזאממען מיט מאטראסען העכֿער וויא 50,000 מאן. דער שטאָק־פֿיש איז אגרויסער פֿרעססער און צוליעב דעם אין איהם לייכֿט צוא פֿאנגען מיט אווענדע. דיא פֿישער שטעהען שטאַנדיג און פֿערוואַרפֿען אין מעער ווענדעס און שלעפען צוריק ארויס מיט שטאקפֿישען. דיא ארבייט ברעננט בייא זייא אין יענער צייט. יעדעס יאהר פֿאנגען זייא אין דורכשניט 12 מיליאן פוד שטאקפֿיש. בייא אונז אין רוסלאנד פֿאנגט מען שטאָקפֿיש אין נאָרד־מעער בייא דיא ברעגען פֿון ארחאנגעלסקער גובערניע.

דער שטאקפֿיש לייגט זעהר פֿיעל אייעלאך (רויגען), ניין מילליאנן אייעליך איאהר, פֿון יעדער אייעלע אדער בראָקעלע רויגען קאן ארויסקוממען אפֿישעלע, אבער אין אמת'ן איז ניט אזויא. אפֿולע אייעלאך ווערען צוא נישטשעט, א טהייל ווערד פֿערפֿוילט אין וואססער, אטהייל פֿאלט אריין אין דיא מיילער פֿון פֿערשיעדענע טהיערען וואס לעבען אין מעער. ווען אללע אייעלאך וואללטען בלייבען אין גאנצען, וואלט אין אקורצע צייט געווארען פֿול דער מעער מיט שטאקפֿישען און עס וואללט ניט געוועזען פֿון זייא וואו זיך אהינצוטהאָן. צוריק, ווען דער שטאק־פֿיש וואלט ניט לייגען אזויא פֿיעל אייעלאך, איז מאָגליך אז דער סארט פֿיש וואלט זיך שוין לאנג אויסגענוממען, און ניט אזויא דער שטאק־פֿיש אליין, אבער אויך פֿיעל אנדערע פֿישען און טהיערען וואללטען שוין לאנג אויסגעגאנגען אויף דער וועלט, און זייער גאנצער גליק איז וואס זייא לייגען אזויא פֿיעל אייעלאך, אז עס איז גענוג אויף אליץ. אפֿולע אייעלאך ווערען פֿערלאָרען, אבער אפֿולע בלייבט־דאך איבער.

וועגען דיא יאהרליכע רייזע פון הערינג.

דיא הערינג האבען אויך, אזויא וויא דער שטאק־פֿיש, בעליעבטע אָרטער וואו זייא לייגען זייערע רויגען. דיא הערינג קומען זיך צונויף אהין אין גאנץ גרויסע סטאדעס. דיזע סטאדעס זיינען אין אנדערע יאהרען אזעלכֿע גרויסע דאס זייא ציעהען זיך אויף עטליכֿע ווייארסט אין דער לאַנג און אין דער ברייט. אויסער דעם וואס זייא פֿערנעהמען אזויא פֿיעל, זיינען דיא סטאדעס הערינג אזעלכֿע געדיכֿטע, דאס פֿישער זאגען אז עס בלייבט שטעהן אשטאָקען ווען מען שטעקט איהם אריין צווישען זייא; אזויא האַרד איינער לעבען דעם אנדערן געהען דיא הערינג. בשעת דער הערינג בעוועגט זיך אין אָקעאַן, איז פֿיר פֿיעלע מעער־טהיערען אַ וואהרער יום־טוב. פֿון אלע זייטען קוממען צופֿליעהען מעער־פֿייגלאך און זייא טוקען זיך

אהן

אהן אויפהער אין מעער אונ פּרעססען הערינג. דיא גרויסע שרעקליכע הייפּישען (ים-הינד) פאלען אויך אן אויף דיא הערינג אונ שלינגען זייא איין אן אַשיעור. מיט איין ווארט, פיעלע פיינדע פאללען ארויף אויף דיא הערינג פון אללע זייטען, פון אונטען אונ פון אויבען. אבער דער שרעקליכסטער פיינד פון אללע איז דער מענש. צוא דער צייט וואס דער הערינג דארף אנקוממען, גרייטען שוין דיא מענשען אן צאלנעס, שיפען, נעטצען, גוטע דעמבאווע טונען, וואס מעהר זאלין, אונ שטעללען זיך היטען. ווייא נאר עס בעווייזען זיך הערינג אזויא לויפען אללע ארויס אויפ'ן ברעג, גרויס אונ קליין, אלטע אונ יונגע, מאַנער אונ פרויען. דיא מאַנער נעהמען זיך צוא דיא צאלנעס מיט דיא נעטצען, דיא פרויען אונ דיא קינדער גרייטען זיך צוא, ריין צוא מאבען דיא הערינג וואס מען וועט פאנגען. מען חאפט זייא זעהר פיעל. יעדעס מאָל וואס מען פערווארפט דעם נעטץ, שלעפט מען ארויס טויזענטער שטיק הערינג. דיא מענשען וואס וואהנען בייא דיא ברעגען פון נאָרד-מעערען, האבען פיעל פערדיענסט פון דעם הערינג-פאנג. דיא ענגלאָנדער פאנגען יעדעס יאהר ביז 900 מיליאנן שטיק הערינג, דיא פראנצויזען 450 מיליאנן אונ דיא אמעריקאנער 480 מיליאנן, דיא דייטשען אונ שוועדען חאפען מעהר פון 1500 מיליאנען ד. ה. מעהר וויא אנדערטהאלב מילליאַרדען. דיא איינוואהנער פון דער שוועדישער שטאדט האממערפעסט אליין חאפען אן יעדעס יאהר בעהר וויא 700 מיליאנן. בייא אונז אין רוסלאנד, אין דעם קאַספּישען מעער געפינען זיך אויך הערינג, אבער ניט אזויא פיעל וויא אין אנדערע מעערען. מיט איינעם ווארט, מענשען אויף דער גאנצער וועלט עסען אויף פיעל טויזענד מיליאנן הערינג איאהר. אויסער דעם געהט יעדעס יאהר זעהר פיעל הערינג פערלארען אומזיסט. מען אוספייעט זייא ניט אין דער צייט איינצוזאלצען, אונ זייא ווערען פערפוילט ליעגענדיג. נאכהער מיסטיגט מען מיט זייא דיא פעלדער.

פיעל הערינג געהט פערלארען, אבער עס בלייבען פיעל אויך לעבען. דיא הערינג שווימען צוא צוא דיא ברעגען אונ לייגען רויגען. זייא קלייבען אימער אויס אַזעלכע אָרטער, וואו דיא וואססער ווארעמט זיך זוממער אָן פון דער זונן. יעדער הערינג לייגט מעהר פון פיערציג טויזענד ברעקעלאך רויגען. פון יעדעס בראָקעלע רויגען קאנן ארויסגעהן אקליין הערינגיל. ביז ענדע זוממער וואקסען דיא קליינע הערינגלאך אונטער, וויא עס קומט אָן דער ווינטער שווימען זייא אוועק אין מעער אונ לעבען ערגעץ טיעף אין וואססער. דארט בלייבען זייא ביז פריהלינג צייט. אין אנפאנג פריהלינג פערזאממלען זייא זיך אין שרעקליך גרויסע סטאדעס, וועלכע עס העבען זיך אויף פון דער טיעפעניש אונ שווימען פון אויבען צוא דיא ברעגען לייגען רויגען; ביז זייא קומען צוא זייער ציעל קומט זייא אויס אפט צוא שווימען גאנץ וויט.

אזוי

אזויא פאַסירט דאס בייא דיא הערינג פֿון יאהר צוא יאהר. יעדע רייזע קוממט זייא אן ניט אומזיסט. פֿיעל הערינג געהען פֿערלארען, אונ עס וואלט פֿון זייא אלעמען קיין זכר ניט געבליבען ווען זייא וואלטען ניט לייגען אזויא פֿיעל רויגען. עס וואלט שוין לאנג קיין הערינג אויף דער וועלט ניט געוועזען ווען זייא וואלטען פֿון דער נאטור זיך אזויא פֿיעל ניט מעהרען. עס האט פֿיעל מאל געטראָפֿען, דאס עס האט אויסגעזעהן אזויא ווייא דיא הערינג וואלטען פֿערלאָרען דיא גערולד אונ דיא קראַפֿטען מעהר צוא ליידען: זייא האבען פלוטצלינג גענומען שווימען מיט איין אנדער וועג. דאס פֿאריגע יאהר זיינען זייא געגאנגען מיט איין וועג, אונ דעם יאהר זיינען זייא אוועק מיט איין אנדער וועג. אומזיכט האבען דיא קויפֿלייטע אונ דיא פֿישער געווארט אויף דעם געוואהנליכֿען אָרט: עס האט זיך גיט בעוויזען נאך ניט איין הערינג. צום ביישפיל ביז דעם 1587-טען יאהר פֿלעגט מען בייא דיא ברעגען פֿון שוועדען פֿאנגען זעהר פֿיעל הערינג, אבער אין דיעזעם יאהר זיינען דארט דיא הערינג מיט אמאל פֿערפֿאללען געווארען, עס איז אוועק געגאנגען גאנצע 73 יאהר אונ מען האט לעבען דיא ברעגען פֿון שוועדען אהערינג ניט געזעהן. נאכֿהער האבען זיך דיא הערינג ווידער בעוויעזען. אין פֿערציג יאהר ארום זיינען זייא ווענינער געווארען אונ אין יאהר 1808 זיינען זייא ווידער אין גאנצען אויסגענאגען. יעטצט פֿאנגט מען ווידער אין שוועדען אמענגע הערינג, אבער יעטצט פֿאנגט מען זייא פֿאָרזיכֿטיג אונ מען ערלויבט ניט, דיא פֿישער זאללען זייא איבער פֿיהרען אהן אנוטץ אונ מיסטיגען מיט זייא דיא פֿעלדער.

דיא רייזע פון שילדקראטען אדער טשערעפאכעס.

דיא שילדקראָטען מאכֿען זיך אויך ניט קיין נעסטען, אונ זייא מאכֿען זיך אויך גאנץ ווייטע רייזען ווען עס קומט דיא צייט פֿון אייער לייגען. דיא טשערעפאכֿע איז איין אונגעלומפערטעם טהיער. אויף דער יבשה קריעכֿט זיא זעהר לאנגזאם, איהר קאָרפער איז פלאַטציג, אזויא וויא צונופֿגעקוועטשט. איהר ברייטער רונדער רוקען אונ איהר פלאטציגע הארץ זיינען צוגעדעקט מיט אַ ביינענעם (ראָגאָווע) פאַנציער. דער פאַנציער בעשיצט דעם שילדקראָט פֿון זיינע פֿיינד. אין אנויטה נעהמט דער שילדקראָט ארונטער אונטער דעם פאנציער דיא קאָפּ מיט דיא פֿיס אויך. אונ אזעלכֿע אונגעלומפערטע טהיערען וואס קוים וואס זייא קריעכֿען, לאזען זיך אוועק פֿאר וויעפֿיל הונדערט ווארסט צוא לייגען אין אגוטען ארט זייערע אייעלאך. בייא דיא וועסט-ברעגען פֿון אמעריקע געפֿינט זיך דעם „הייליגען וויקענטיעס אינזעל". דער אינזעל ליעגט אין מיטען אָקעאַן אווערסט הונדערט

פֿון

פֿון ברעג. אַהער קומען צושווימען אלע יאהר דיא גרויסע מעער טשערעפּאחעס לייגען אייער. געוואהנליך לעבען זייא אין מעער. אבער וויא עס קומט דיא צייט פֿון אייער לעגען קלייבען זייא זיך צוזאמען און שווימען צוא „דעם אינזעל". איידער זייא קומען צוא דיעזען אינזעל, דארפֿען זייא אבשווימען הונדערטער וויאָרסט. דיא אייער לעגען דיא שילדקראטען אין זאמד; זייא פֿערגראבען זייא און אליין שווימען זייא אוועק צוריק אין מעער. אזעלכֿע רייזען מאבֿען דיא שילדקראטען פֿון יאהר צוא יאהר.

פֿייגלאך וואס בויען ניט קיין נעסטען.

אזויא זארגען פֿיר דיא שפּעטיגערע דורות, וואס וועלען פֿון זייא ארויסקוממען, דיא טהיערען וואס בויען ניט קיין נעסטען. עס איז אבער נאך דא אויף דער וועלט פֿיעל אזעלכֿע טהיערען וואס בויען קיין זאך ניט און וואס קיממערן זיך גאנץ ווייניג פֿיר זייערע שפּעטיגערע דורות. וועגען פֿליעגען אינ זשוקעס איז דאך ניט דא וואס צוא רעדען, נאר עס איז אויך דא אזעלכֿע פֿייגלען וואס זיטצען ניט אויף זייערע אייגענע אייער און עס קיממערט זייא ניט, וואס עס וועט פֿון דיא אייער ווערען.

צום ביישפּיעל, אין דיא אפֿריקאנישע סטעפּעס געפֿינט זיך אגרויסער פֿייגעל מיט דעם נאמען סטראַאוס. ביימאג ברענט אין דיעזע סטעפּעס דיא זון און עס איז ניט אויסצוהאלטען דיא היטץ, דער פֿאר אבער ביינאכֿט איז דארט קאלט. דער סטראַאוס לעגט אייער אין הוילע זאמד. אין יעדער נעסט לעגט ניט איין „זיע" אליין, אבער עטליכֿע „זיע'ן".

מען האט געפֿונען אין אנדערע נעסטען צוא זעכֿצעהן אייער. וויא דיא „זיע" סטראַאוס לעגט אוועק דיא אייער געהט זיא אוועק און וויל פֿון קיין זאך מעהר ניט וויססען. דער צער פֿון גדול בנים, ד. ה. דיא זארג וועגען אַ שפּעטיגערען דור פֿאלט אין גאנצען ארויף אויף דעם „ער". און אפֿילו ער אליין האט אויך ווייניג זאָרג. ביימאג ווארעמט דיא אייער דיא ברעננעדיגע זונן, דאמאלס דארף ער שוין אויף דיא אייער ניט זיטצען. נאר ביינאכֿט זעטצט ער זיך אויף דיא אייער און שיטצט זייא מיט זיין קאָרפּער פֿון דיא נאַכֿטליכֿע קאָלט. אַלזאָ, אייער פֿון אסטראַאוס זיטצען אויף דער „ער" צוזאממען מיט דיא זונן.

אין אויסטראליען לעבט גאר אזא מין פֿייגעל, וואס ניט דער „ער" און ניט דיא „זיע" וויססען גאר ניט וואס דאס איז זיטצען אויף אייער. דיעזער פֿייגעל רופֿט זיך מאַלעאָ. דיא זיא-מאַלעאָ גראבט אויס נעבען אַ בוים אַ גריבעל, לייגט דארט איהר איי און פֿערשיט איהם מיט ערד

זיא

זיא קלייבט אללע מאל אויס פֿיר דיא גריבעל אזא ארט וואו עס ברענט דיא זונן. בייטאג ווארעמט אן דיא זונן צוגלייך דיא פֿערגראבענע איי, אונ אויף דעם אַרט זיטצט דיא זונן אויס דיא איי אנשטאט דיא פֿייגעלע.

אין אויסטראַליען געפֿינט זיך נאך אַפֿייגעל, וואס רופֿט זיך דיא בוש־הוהן, אונ ועלכֿע עס זיטצט אויך ניט אויס איהרע אייער. אנשטאט דעם פֿיהרט זיא זיך אזויא. וויא עס קומט דער פֿריהלינג נעהמט זיא צונויף שאַרען אין איין בערגעלע אראפגעפֿאלענע בלאֶטער, פֿערטריקענטע גראז, מאָח אונ מיסט. זיא פֿאנגט אן דיעזע ארבייט מיט עטליכֿע וואכֿען פֿריהער איידער זיא דארף לייגען אייער. זיא שארט צונויף בלאֶטער מיט דיא פֿיס אונ ווארפֿט זייא אהינטער. אויף דעם אַרט קלייבט זיא צוזאמען אגאנץ גרויסען בארג פֿון אלערליי פֿערפֿוילטע געגענשטענדען, וואס וואֶלגערן זיך אויף דר׳ערד. אין איין אנדער בארג קאן זיך גאר געפֿינען ניט ווענינגער וויא פֿיער וועגען אזעלכֿע מיסט. געוואהנליך האלט דער בערגעל אַהאלבען קלאפֿטער דיא הויך אונ צווייא קלאפֿטער ארום אונ ארום.

דיא פֿערפֿוילטע בלאֶטער אונ גראז וואס זיינען צונויפֿגעקעהרט אין איין אָרט, פֿאנגען אָן צוא ברעננען. דאמאלס לעגט דיא פֿייגעל אין רעכֿטען מיטען בארג מיסט איהרע אייער, איין איי וויט פֿון דער אנדערע אויף זיעבען ווערשאק. זיא לעגט דיא אייער איין ארשין טיעף אין בארג מיט׳ם ברייטען עק ארויף. פֿון אויבען דעקט זיא זייא צוא מיט מיסט. דיא מיסט דערוואַרעמט זיך, דער פֿון ווארימען זיך אויך אן דיא אייער. אין אקורצע צייט ארום געהן פֿון דיא אייער ארויס פֿייגעלאך. אזויא זארגען וועגען זייערע שפעטיגערע דורות דיא טהיערען וואס בויען ניט קיין נעסטען. יעדע לעבעדיגע בעשעפֿענים זארגט וועגען דעם וויא זיא קאן. ווער עס זארגט ווענינגער, וועהר מעהר, אבער אלערליי טהיערען וואס זיינען דא אויף דער וועלט, בעמיהען זיך פֿון אייביג אן עס זאל פֿון זייא בלייבען אַדור, אונ צוליעב דעם עקסיסטירען זייא שוין פֿיעל טויזענד יאהר. דיא שוואלב לעגט אין איהר נעסט ווענינ אייער, אבער דערפֿיר זארגט זיא זעהר פֿיעל וועגען יעדע אייעלע בעזונדער אונ אינטערעסירט זיך וויא מען דארף מיט איהרע יונגע פֿייגעלאך. ווען ניט דאס וואלטען שוין אלע שוואלבען לאנג אויסגעשטארבען אויף דער וועלט.

דער הערינג, דער שטאק־פֿיש, דער היישעריק אונ נאך פֿיעל אנדערע טהיערען אינטערעסירען זיך גאר ניט מיט זייערע אייעלאך, דער פֿאר לעגען זייא אבער אייעלעך אהן אשיעור. פֿיעל פֿון זייא ווערען פֿערלארען אונ פֿערפֿאלען, אבער עס בלייבט דאך וויפֿיעל עס איז איבער אויך אונ פֿון דיא איבערגעבליעבענע אייעלאך קוממען ארויס נייע דורות.

ווען

ווען דיא הערינג וואלטען ניט לעגען אזויא פֿיעל אייעלאך, וואלט שוין לאנג אויף דער וועלט קיין הערינג ניט געוועזען.

וויא טהיערען מעהרען זיך אויף דער וועלט.

יעדע לעבעדיגע בעשאַפֿענים קאנן פֿול מאַכֿען דיא גאנצע וועלט, זוען עס זאל איהר קיין זאך ניט שטערען. מיט פֿיער הונדערט יאהר צוריק איז אין אַמעריקע גאר ניט געוועזען קיין פֿערד, דיא ערשטע פֿערד האבען געבראַכֿט אין אמעריקע דיא שפאניער אויף זייערע שיפֿען. דיא פֿערד האבען זיך זעהר שנעלל פֿערמעהרט, פֿון עטליכֿע פּאָר איז אין אקורצע צייט געווארען אַ מענגע גרויסע טאבונעס. פֿיעל פֿערד זייען צולאָפֿען אין דיא סטיעפּעס און זענען דארט געווארען פֿערווילדעט, און יעטצט פֿיטערן זיך אין דיא אַמעריקאנישע סטעפּעס זעהר פֿיעל גרויסע סטאדעס ווילדע פֿערד. אין דיא סטעפּעס לעבען זייא אין וואָהלטאָג: עס איז דאָ אומעטאום גענוג שפייז און גענוג פֿרייע פּלאטץ זייא זייען איממער זאַט און איממער פֿראנק און פֿרייע. קיין זאך שטאָרט זייא ניט זיך אזויא צופֿערמעהרען.

קיין הינד זייען אויך ניט געווען אין אמעריקע מיט 400 יאהר צוריק. מען האט זייא אויך געבראַכֿט אהין אויף שיפֿען, זייא זייען דארט געווארען פֿערווילדעט און עס איז פֿון זייא ארויס געקוממען אזעלכֿע בייזע און געפֿאָהרליכֿע רויב טהיערע וויא אונזערע וואָלף.

ביענען האט מען אויך פֿערפֿיהרט אין אמעריקא פֿון איירופּא; פֿריהער זענען זייא דארט ניט געווען. אבער זייא האבען זיך דארט זעהר שנעל פערמעהרט און זייא געפֿינען זיך דארט יעטצט אומעטאום.

דיא אמעריקאנישע אינדיאַנער רופֿען דיא ביענען „ענגלישע פֿליגען" און קאנען זייא ניט ליידען. זייא רעכֿענען, אז וואו נאר עס בעוויזען זיך דיא ביענען, דארטהין וועלען באלד קומען דיא ווייסע מענשען — דיא ענגלאַנדער און דיא אמעריקאנער. און פֿון דיא ווייסע מענשען האבען דיא אינדיאנער אין ערגענדס גאר קיין נחת ניט געהאט.

פֿיעל טהיערע האבען זיך פֿערנאנדער געשפרייט אויף דער וועלט, נאר דורך דעם ווילען פֿון דעם מענשען. וואוהין דער מענש האט זיך איבערגעקליבען, האט ער מיט זיך גענומען זיינע היימישע פֿיהע. דיעזע טהיערע האבען זיך זעהר שנעל פֿערמעהרט און פֿול געמאַכֿט דיא ערד. עס האט זיך געמאַכֿט אָפֿט אז מענשען האבען גאר ניט ווילינדיג פֿערפֿיהרט טהיערען אין נייע לאַנדער. אללע ווייסען, צום ביישפּיעל אז אויף דיא שיפֿען געפֿינען זיך גרויסע מייז (שטשורעס). אנדערע מייז פֿאהרען אב אויפֿ'ן

שיף

שיף יאהרען-לאנג, אונ מאכען אויף איהם ארייזע ארום דיא וועלט. אז דער שיף שטעלט זיך אפ בייא דעם ברעג אונ דיא מאטראָסען געהען אראפ אויף צאָלנעס, פערגנבענען זיך מייז אויף דיא אין דיא צאלנעס אונ דער נאך געהען זייא אראב אויפ'ן ברעג צוגלייך מיט דיא מאטראָסען. אויף דעם אָרט האבען זיך דיא שטשורעס בעוויעזען אויף פערשיידענע וויסטע אינזלען וואס געפינען זיך אין מיטען אָקעאַן, גאנץ וועיט פון ברעג.

דיא מעער פאהרער ווידער דערצעהלען, אז איינינע פייגלען פליהען נאך הינטער דיא שיפען אונ פליהען מיט זייא אריבער דעם אָקעאַן. אז זייא ווערען מיד פליהענדיג, זעטצען זייא זיך אויפ'ן שיף אונ רוהען אב. אויף דעם אָרט זיינען אנדערע פייגלען פערפלויגען אין וויטע אָרטער, וואו זייא האבען זיך ביז אהער נאך ניט געפונען. מען דערצעהלט, אז אין ענגלאנד האט אמאל אַ פייגעל זיך געמאכט אנעסט אויף דעם זעגעל-בוים פון אשיף אונ האט זיך דארט אוועקגעזעצט אויף דיא אייער. אין דער צייט וואס זיא איז זיך געזעסען אויף דיא אייער, האט דער שיף געמאכט צוויי קורצע רייזען (נסיעות). דיא יונגע פייגלאך האבען בעקומען פעדערען בשעת דער שיף איז געשטאנען אין איין אויסלאָנדישען האַפען. דיא אלטע מוטער אונ איהרע יונגע פייגעלאך וואס האבען זיך שוין אין נעסט מעהר ניט גענאָטהיגט, האבען זיך איבערגעקליעבען פון שיף אויפ'ן ברעג אונ זיינען שוין דארט פערבליעבען אויף אללע מאל.

אין מיטען מעער, וועיט פון ברעג, געפינען זיך אזוינע אינזלען וואס זיינען בעזעצט מיט פיעל טהיערען פון פערשיידענע (מינים) אָרטען. עס איז דארט אויך פערהאנדען שלאנגען, עקדעשען, יאשטשערקעס אונ נאך פיעל אנדערע. וויא אזויא זיינען זייא געקומען אהין? מענשען האבען דאך זייא געוויס ניט מיט גענומען אהין, ווארום צוא וואס זאל דאס אמענש מיטפיהרען מיט זיך אַ באַאַ אדער אגרויסען ריעזען שלאנג? אלאנגע צייט האבען מענשען ניט געוואוסט מיט וועלכע קונצען פערשפרייטען זיך דיא טהיערע איבער דער וועלט. יעטצט אבער האבען שוין מענשען וועגען דיא אנגעלעגענהייטען פון טהיערען זעהר פיעל ערפאַהרען.

וויא דער ווינד אונ דאס וואססער העלפען טהיערען זיך פערשפרייטען אויף דער וועלט.

טהיערען קאנען זיך פערשפרייטען אויף דער וועלט אויף פיעלערלייא אופנים. דער ווינד טהוט אמאל אַחאפ אגאנצע מחנה היישעריקען אונ פערטראגט זייא גאנץ וועיט איבערן מעער אונ לאזט זייא דארט. עס

האט

האט זיך פֿיעל מאל געמאַכט אז דער שטורם-ווינט וואס הייסט סמערטש (אדער וואסערהאָז) האט זיך אראבגעלאזען אויף אַ פֿעלד וואו עס איז געוועזען פֿיעל ווערימליך, זשאבעס אונ רויפען. דער סמערטש האט זייא גענומען דרעהען אין לופט, האט זייא אויפֿגעהייבען אין דער הויך אונ ערגעץ וואו פֿערטראגען.

אין דער הויך בלאזט דער ווינט שטענדיג שטארקער, ווייל דארט פֿערשטעלט איהם קיין זאך ניט, אונ עהדער דיא טהיערען, וואס ער האט אויפֿגעהייבען זיינען אראפּגעפֿאללען, האט ער זייא אלץ געטראגען ווייטער אן אזויט. אזויא פֿליהען אמאל אין דער לופֿטען אזעלכע טהיערען וואס קאנען געוואהנליך גאר ניט פליהען.

עס האט זיך פֿיעל מאל געמאַכט, אז דער ווינט האט זייא פֿערטראגען אויף צעהנדליגע אונ הונדערטע ווארסט. צום סוף, זיינען זייא געפֿאללען פֿון הימעל אויף דר'ערד וויא ארעגען, צום גרעסטען וואונדער פֿון מענשען, וואס האבען ניט פֿערשטאנען פֿון וואנען דאס קומט.

אין פארצייטיגע אלטע ביכער איז פֿערשריעבען, ווען עס האט גערעגענט מיט טהיערען.

אין יאהר 1806 איז אין דייטשלאנד געגאנגען אַ רעגען פֿון ראַקעס. אין 18 יוני פֿון דעם יאהר 1841 האט אַנדערהאלבען שעה נאָכאַנאַנד אין דער שוועדישען שטאדט אוקקערמארק, גערעגענט מיט פֿיש. עס איז געפֿאלען פֿון הימעל פלאטקעס, העכט, שטאַכעל פֿישליך אונ אָקונעס. עס איז דאמאלס אזויא פֿיל פֿיש אנגעפֿאלען אז אין איין דאָרף איז דיא ערד געווארען אין גאנצען בעדעקט מיט אסלאָי פֿיש. אין אנדערע אָרטער איז אנגעפֿאלען פֿיש אויף אפֿיערטעל ארשין דיא גראָב. עס פֿערשטעהט זיך אז דיא אראבגעפֿאלענע פֿיש איז ניט געוועזען קיין לעבעדיגע. ראקעס היישעריקען, זשאבעס, ווערים פֿאללען אמאל אראפּ לעבעדיגע אויך. אויף דעם אַרט פֿאללען אראפּ דיעזע טהיערע אין אזעלכע לאַנדער וואו זייא זיינען פֿריהער קיין מאל ניט געווען. דארט פֿערבלייבען זייא אונ פֿערמעהרען זיך מיט דער צייט. אַלזאָ העלפֿט דער ווינד דיא טהיערען זיך צוא פֿערשפרייטען איבער דער וועלט.

ניט נור קליינע בעשעפֿעניסען, אבער עס טרעפֿט אויך אז גרויסע טהיערען מאַכען גאנץ ווייטע רייזען פֿון איין לאנד אין דאס אנדערע אונ בעווייזען זיך אמאל, גאר ניט ווילענדיג, אין נייע אָרטער.

אויף דעם אינזעל „דער הייליגער וויקענטיע" פיהרט זיך ניט קיין ריזענשלאנגען (באָאַ). איין מאל האט דער שטראָם צוגעשלאגען צום ברעג פֿון דיעזער אינזעל אגאנצען בוים, וואס איז געווען אויסגעריסען מיט דיא ווארצלען. עס קאנן זיין אז דעם בוים האט אויסגעריססען אַווינד

ווארום אין יענע אָרטער זיינען דא גרויסע ווינדען, אדער פֿילייכט איז ער געוואקסען נעבען ברעג אונ דער שטראם האט איהם אונטער געשווייגקט אונ ער איז אריינגעפֿאלען אין וואססער. אויף דעם בוים איז געזעסען אגרויסער ריזענשלאנג פֿון עטליכע קלאַפֿטער דיא לאַנג. דאס איז געוועזען אַ „זיע". זיא האט זיך ארום געדרעהט ארום דעם בוים אונ האט זיך אזויא געהאלטען. דער שטראָם האט אוועקגעטראגען דעם בוים גלייך אין מעער. עס איז אויסגעקומען ארעכט ביסעל צייט צוא שווימען אין מיטטען מעער. אזויא האט דער שלאנג אבגעריזט עטליכע הונדערט ווערסט. אז דער בוים האט זיך אבגעשטעלט לעבען אינזעל, איז דער שלאנג אראבגעשפרונגען אויפ'ן ברעג. דאָרט האט זיך געפֿיטערט אַ סטאדע שאָפסען. אזויא וויא דער שלאנג האט זיך אין וועג אויסגעהונגערט, האט ער געחאפט אַ שאָפס אונ האט איהר איינגעשלונגען. דיא איינוואהנער האבען באלד בעמערקט, אז עס ווערען בייא זייא פֿערפֿאללען שאָפסען. זייא האבען גענומען זוכען דיא אורזאכע דער פֿון. דאמאלס האבען זייא געפֿונען דעם ריזען-שלאנג אונ האבען איהם געטויידט, אבער ווען זייא וואלטען איהם ניט געטויידט, וואלטען זיך אין אַ קורצע צייט בעזעטצט אויף יענעם אינזעל דיא שרעקליכע שלאנגען.

אין דיא קאלטע לענדער מאַכען דיא ווייסע בערען גאנץ גרויסע נסיעות איבער'ן אייז-מעער (ים-הקרח), זייא שטעלען זיך אויף אַ שטיק אייז (קריהע) אונ שווימען אב טויזענטער ווערסט. אין דיא הייסע לאַנדער שווימען אָפֿט טהיערען אויף בוימער. דיא גרויסע ווינטען רייסען אוים פֿיעל בוימער אונ פֿער-טראגען זייא אין מיטטען אָקעאַן. מעער פֿאהרער דערצאַהלען, אז זייא האבען פֿיעל מאל בעגעגענט בוימער שווימענדיג. דיא בוימער האבען געהאט אויף זיך בלאַטער, עס האט זייא געטראגען מיט'ם שטראָם אלץ ווייטער אונ ווייטער פֿון ברעג. אויף דיא בוימער זיינען געזעסען שלאנגען, יאשטשערקעס, פֿליעגען זשוקעס אונ פֿיעל אנדערע. אין-זיד-אמעריקע טראָגט אָן אין אנדערע אָרטער אזויא פֿיעל שווימענדיגע בוימער, וואס דער ווינט האט אויסגעריסען אז פֿון ווייטען זעהט עס אוים וויא עס שוימט אַ גאנצער אינזעל. אויף איין גרויסען טייך, ניט ווייט פֿון אָרט וואו ער פֿאללט אריין אין מעער, האט זיך גאנצע 40 יאהר געהאלטען אזא מין אינזעל. ער האט געהאלטען 50 וויארסט אין דער לאַנג אונ ביז הונדערט קלאַפֿטער דיא ברייט. דער ווינט האט אנגעטראגען אויף איהם ערד אונ אויף דיא ערד האבען אויסגעוואקסען קוסטעס אונ זאַגאַר בוימער. פֿייגלען האבען דאָרט פֿערפֿיהרט נעסטען; טהיערען האבען אוים געגראבען נארעס. עס פֿערשטעהט זיך אז אויף אזא אינזעל זיינען אלע טהיערען געקומען דורך אַ צופֿאלל, אבער נאַכהער האבען זייא זיך דארט געמעהרט אונ האבען זיך אבגעלעבט גאנצע 40 יאהר.

איין מאל האט זיך אבער געמאכט אגרויסער שטורם-ווינד אונ האט צובראכען דעם גאנצען אינזעל אויף שטיקלאך, וואס זיינען מיט'ם וואססער אוועק אין מעער.

רייזענדע דערצעהלען: מיר האבען געזעהן פערשיידענע טהיערען אויף דיעזע אינזלען. אויף איין אינזעל זיינען געזעססען שטארכען, ניט ווייט פון זייא האבען גענוממען פלאטץ א גאנצע סטאדע מאלפעס. אז מיר זיינען געפאהרען מיט אונזער שיף פארבייא זייא, האבען זיך דיא מאלפעס גערדערהט אונ געקרימט, אז עס איז געוועזען א געלעכטער צוא זעהן. דיא שטארכען האבען גאר פעררים ען דיא קאפ אונ האבען געקוקט וויא גרויסע לייט. אויף איין אנדערן שטיקיל אינזעל זיינען געזעסען פיעל ווילדע ענטען אונ אגאנצע געזעלשאפט פון וועווערקעס (ביעלקעס). הינטער זייא איז נאך געשוואומען אגרויסער צעדער-בוים. אויף דעם שטאמם פונ'ם בוים איז געזעסען בייא איין זייט א קראקאדיל אונ ניט ווייט פון איהם אגרויסע טיגער-קאטץ. זייא האבען זיך אן געקוקט איינער אויף דעם אנדערן וויא פיינדע.

אין אמעריקא, לעבען שטאדט מאנטעווידע, זיינען אמאל בייא נאכט פון אזא מין שווימענדער אינזעל אראב אויפ'ן ברעג פיער טיגערן. דיא איינוואהנער האבען אויף מארגען מיט שרעק דערזעהען אז טיגערן לויפען ארום איבערן גאנצען שטאדט.

אזוי העלפט דער וואססער אויך דיא טהיערען זיך צוא פערשפרייטען איבער דער גאנצער וועלט.

ווער נאך העלפט דיא טהיערען זיך צוא פערשפרייטען אויף דער וועלט?

דיא טהיערען אליין העלפען אויך איינע דיא אנדערע זיך צופערשפרייטען איבער דער וועלט. אנדערע אזערעס האבען צוא פערדאנקען זייערע פיש נאר דיא הילפע פון פייגלען. ווילדע גאנז, ענטען אונ פיעל אנדערע צוג פייגלאך ערנעהרען זיך, אין דער צייט וואס זייא פליהען איבער פון איין ארט אויף דעם אנדערען, מיט אייעליך (רויגען) פון פיש. אין דיא מיסט פון דיעזע פייגלען איז אויך אפט דא פיש רויגען. אונ עס טרעפט נאך אמאל אזא וואונדער, דאס דיא רויגען איז נאך לעבעדיגע. דיא פייגעלשע מיסט פאלט אריין אין וואססער (בשעת דיא צוג פייגלאך פליהען אין יענע געגענד) אונ פון דיא לעבעדיגע רויגען קומען ארוים פישעלאך. דיא פישעלאך וואקסען אוים, מעהרען זיך פערנאנדער אונ אין דיא אזערעס בלייבען שוין אויף אלע מאל פיש. אויף דעם אופן ווערען בעזעטצט מיט פיש אפילו אזעלכע אזערעס

וואס געפינען זיך אויף הויכע בערג, גאנץ וויט פון טייכען און פון מעער׃
אמאל מאכט זיך אויך, אז דיא רויגען נעהמט זיך אן אויף דיא פעדערן פון דיא פייגלען בשעת זייא פלעסקען זיך אין וואססער ביים ברעג טייך׃ דער נאך טראגען אויף זיך אריבער דיא פייגלאך דיא רויגען פון איין אָזערע אין דיא אנדערע, פון איין טייך אין דעם אנדערען. זשוקעס טראגען אויך איבער אויף זיך רויגען.

עס איז דא זשוקעס וואס לעבען געוואהנליך אין וואססער, אבער בייא נאכט געהען זייא ארויס אויפ'ן ברעג. אמאל פליען זייא איבער פון איין טייך אין דעם אנדערען און טראגען אזוא איבער אויף זיך דיא רויגען׃ אָפט פערטראגען זייא אויך דיא רויגען גאנץ וויט.

פייגלאך ווידער טראגען אויף זיך איבער סיי זשוקעס, סיי פליעגען און אויך פיעל אנדערע בעשעפענישען.

אין דיא הייסע לאַנדער שטעהען אין רעגען צייט, אין נידעריגע אָרטער, גרויסע לוזעס וואססער. זייא שטעהען נאר זאָ לאנג עס געהען רעגען, וויא עס האָרט אויף צוא רעגענען, ווערען זייא פון היטץ אויסגעטריקענט. אבוואהל, אבער, זייא שטעהען ניט לאַנג און זייא זייען גאר אבגעזונדערט פון אנדערע וואססער'ן, דעננאך בעווייזען זיך אין דיעזע לוזעס פיש. דיא פיש איז וויא געוואהנליכע פיש, וואס קאנן אהן וואססער אַ טאג ניט איבער־לעבען. ווער לאזט זע אריין אין דיא לוזעס פיש? — דאס טהוען פייגלאך און זשוקעס, וואס פערטראגען אהין רויגען. וויא דיא לוזעס טריקענען אויס, שטארבען צוא גלייך אויס דיא פיש איבער אַ יאהר, וויא עס פאנגט אָן צורעגענען, איז אין דיא לוזעס ווייטער דא פיש. אזויא געהט דאס פון יאהר צוא יאהר.

אזויא פערשפרייטען זיך דיא טהיערען איבער דער וועלט. דיא וועלט איז גרויס און גראָס און אומעטאום איז זיא בעזעטצט מיט לעבעדיגע בעשאַפעניסען. זייא וואהנען אויף אינזעלען, וואס זייען וויט פון ברעג, אויף הויכע בערג און אין דיא אָזערעס וואס אויף דיא בערג. אויף דער וועלט איז ניט דא אזא ווינקעלע, וואס קיין לעבעדיגע בעשאַפענים זאל דארט ניט וואהנען. אין פינסטערען הייל אונטער דער ערד, אויף דעם שנעע וואס איז אויפ'ן שפיטץ בארג, טיעף אין מעער, הויך אין דער לופטען — אומעטאום וועט איהר געפינען לעבעדיגע בעשאַפעניסען, אמאל דיא, אמאל אנדערע, אבער געפינען וועט איהר.

וויא מען לעבט אויף דער וועלט.

יעדעס טהיער דארף האבען פיר זיך ארוהיגען ווינקעלע׃ ניט אומעטום קאן יעדעס טהיער לעבען. דער טיגער וועט אין אַ קאלטע לאנד פער־

פראהרען

פֿראהרען ווערען, אבער דער ווייסער באֶר ווּעט קרעפּירען פֿון היטץ אין אַ הייסע לאנד. אין דיא קאלטע לאֶנדער לעבען אַ זעלכֿע טהיערען, וואס מען בעגעגענט ניט אין דיא ווארמע לאֶנדער. אויך ניט אומעטאום קאנען זיך טהיערען פֿערמעהרען. אין אייניגע אֶרטער געפֿינט זיך פֿיר זייא צוא ווענינ עסען, אין אנדערע, זייען זייא ניט זיכֿער פֿון פֿיינד. אין זיד אמעריקע איז דא אלאנד פּאַראַגוואַיי. אין דיעזעם לאנד איז דא זעהר גוטע ווײדע פּלאֶטצער, פֿעטטע לאָנקעס מיט פֿיעל גראז, דעננאך זעהט מען דארט ניט קיין ווילדע פֿערד, אבער אין דיא לאֶנדער, וואס ליעגען ארום פּאַראַגוואַיי זייען דיעזע טהירען יע דא. פֿיר וואס זע פֿיהרען זייא זיך ניט אין פּאַראַגוואַיי? — דיא אורזאכֿע איז אַ פֿליעג וואס שטעהט זייא אין וועג. אין פּאַראַגוואַיי איז דא אַ בעזאָנדערע פֿליעג, וואס לעגט איהרע אייעלאך אין דעם נאָפּעל פֿון יונגע ערשט געבארענע קאֶלבער אינ זשרעבציגעס. פֿון דיא אייעליך ווערען דארט וואֶרים, פֿון וועלכֿע דיא טהיערען שטארבען אוים. אז עס טרעפֿט אמאל, אז עס ווערד ווענינער פֿליעגען, בלייבען דאמאלס מעהר לעבען קאֶלבער אונ זשרעבציגעס.

דיא מיקען (קאָמארעס) לייגען זייערע אייעליך אין וואסער. פֿון דיעזע אייעליך געהן ארוים רויפּען וואס לעבען אין וואסער. פֿיש עסען דיעזע רויפּען. אין אמעריקא נאֶהרען זיך מיט זייא פֿאָרעללען (אזא מין פֿיש). אין דיא אֶרטער וואו עס געפֿינען זיך רויפּען, איז דא פֿיעל פֿאָרעללען. אויסער דיא רויפּען פֿון קאָמאַרען, לעבען נאך אין וואססער רויפּען פֿון דיא פֿליעג, וואס מען רופֿט דיא מאַיי פֿליעג. דיא מאַיי פֿליעג רויפּען פֿרעססען אויף זעהר פֿיעל לאַקס רויגען. זייא וואלטען נאך מעהר לאַקס רויגען אויפֿגעפֿרעסען, ווען ניט דיא פֿאָרעללען וואס פֿרעסען אויף אמענגע רויפּען פֿון דיא מאַיי פֿליעג. אַלזאָ קוממט אוים, דאס פֿאָרעללען לעבען פֿון דיא קאָמאַרען רויפּען; דיא פֿאָרעללען פֿרעסען אויף דיא רויפּען פֿון דיא מאַיי פֿליעג; דיא מאַיי פֿליעג רויפּען פֿרעססען אויף דיא רויגען פֿון לאַקס. עס טרעפֿט אַ יאהר, וואס איז דא ווענינער קאָמאַרען, דאַמאָלס איז שוין פֿאָרעללען אויך ווענינער, ווייל זייא האבען ניט וואס צוא עסען, אונ וויא באלד עס איז ווענינער פֿאָרעללען, ווערען דיא לאַקסען אויך ווענינער. ווייל דאמאלס פֿערמעהרט זיך דיא צאהל פֿון דיא מאַיי פֿליעג רויפּען, אונ זייא פֿרעססען אויף פֿיעל לאַקס רויגען:

אזויא געהט עס אויף דער וועלט. איין זאך איז פֿערבונדען אונ האֶקעלט זיך מיט דער אנדערע.

אין אויסטראליען וויט פֿון אונז האט זיך מיט 200 יאהר צוריק געמאכֿט אזא מין צופֿאל. ענגלישע קאָלאָניסטען, וואס האבען זיך דארט בעזעצט, האבען גענומען זייען פֿיר זייערע בהמות ראָזען (אזא מין גראז) קליעווער, דער קליעווער איז אויסגעוואקסען, אבער אַהן זוימען קאֶרנער. זייא האבען

איבערגעטאהון

איבערגעטהון מיטלען אונ אלע סגולות אין דער וועלט, אבער קיין זוימען האבע זייא דאך פיר קיין ארט ניט געקאננט בעקומען פון דעם קלעווער. וואקסען האט ער געוואקסען, אבער אהן זוימען קארנער. זייא האבען א לאנגע צייט געטראכט, וואס קאנן דאס זיין דיא אורזאכע פון דעם. ענדליך האבען זייא פערשטאנען פון וואנען עס קוממט ארויס. דער קליעווער האט דעראיבער ניט געוואקסען מיט זוימען קארנער, ווייל אין אויסטראליען איז נאך דאמאלס ניט געוועזען קיין ביענען אונ קיין הוממעלן (אסארט ביען). אהן דיא הילפע פון ביענען קאנען זיך דיא געוואקסע ניט פערמעהרען. דער ביען זוכט אין דיא בלומען האניג, זיסע זאפט, ער געפינט ניט אין איין בלום, פליעהט ער ארויף אויף איין אנדער בלום. יעדער ביען בעזוכט פיעל בלומען, איינע נאך דיא אנדערע, איידער ער קוממט אהיים, אין ביענשטאק. פליעהענדיג פון איין בלום אויף דעם אנדערען, טראגט ער איבער פון איינעם אויף דעם אנדערן דיא פרוכט בליהונג אונ הויל צוליעב דעם גיעט דער בלום פון זיך ארויס פרוכט. אהן דיא פרוכט בליהונג אבער גיעט קיין בלום פון זיך קיין פרוכט ניט ארויס.

ביי געוואקסע (גראז, בוימער, בלומען) איז אויך דא איין „ער" מיט א „זיא", אזויא וויא ביי טהיערען, מען האט זיך פון דעם דערוואוסט מיט א יאהר דריי הונדערט צוריק. אגעלעהרנטער מאן האט אמאל בעמערקט, אז האטש גאר דיא קאנאפעל בליהט, אבער פרוכט (קארנער) איז דא ניט אויף אללע בלומלאך. איינינע בלומעלאך גיעבען ארויס פון זיך פרוכט, אבער אנדערע האבען אויף זיך קיין מאל קיין פרוכט ניט. ער האט גענומען גענויער בעטראכטען ביידערליי בלומעלאך, האט ער בעמערקט צווישען זייא איין אונטערשיעד אין זייער געביי, אין זייערע פארמעס. אין איינינע בלומעלאך זייען אללע מאל דא פאדימלאך וואס מען רופט „שטויבגעפאס"; אין אנדערע איז קיין פאדימלאך ניט דא, אונ אנשטאטט דעם האבען זייא אין רעכטען מיטען א בלומענקנויט. פרוכט (קארנער, זריעה) גיעבען נאר ארויס דיא בלומעלאך מיט'ס בלומענקנויט. דיא בלומעלאך מיט דיא „שטויבגעפאס" גיעבען קיין מאל קיין פרוכט ניט ארויס. אבער אין דיא „שטויבגעפאס" וואכסט אויס אגאנץ דינער שטויב, וואס אהן איהם, קאנן פון „בלומענקנויט" אויך קיין פרוכט ניט ארויסקוממען, ד. ה. דיא בלומעלאך מיט'ס „בלומענקנויט" האבען אלליין אויך קיין קראפט ניט ארויסצוגעבען פון זיך פרוכט אונ זייא בעקוממען דיעזע קראפט, סיידען אז עס פאללט אויף זייא ארוף דער שטויב פון דיא שטויבגעפאס. דיא בלומעלאך מיט דיא שטויבגעפאס הייסען „ער'ן" (מאנליכע), דיא בלומען קנויטען הייסען „זיע'ן" (ווייבליכע). דיא ביענען אונ אנדערע אינזעקטען טראגען אריבער דעם שטויב פון דיא מאנליכע בלומען אויף דיא ווייבליכע.

אזויא וויא אין אויסטראליען זייען קיין ביענען ניט געוועזען, דעראיבער

האבען

האבען דיא קאלאניסטען ניט בעקוממען קיין זוימען קאָרנער פֿונ'ם קלעווער. וויא נאר זייא האבען זיך ארומגעזעהן, וואס דיא אורזאַכע איז, האבען זייא געבראַכט אין אויסטראליען ביענען אונ פֿון דאמאלס אָן האט אנגעפֿאנגען דער קלעווער ארויסצוגעבען קאָרנער. ביענען, הוממלען, וועספּען אונ אנדערע אינזעקטען (פֿליעגען) זייען נאָטהיג פֿיר דעם קלעווער, אונ פֿיר אנדערע געוואָכסע. דיא אינזעקטען זוכען פֿיר זיך שפּייז אינעווייניג אין דיא בלומען אונ דער מיט טהוען זייא אויף אגרויסע זאך; ווען ניט זייא, וואלטען פֿיעל געוואָכסע ניט ארויסגעגעבען פֿון זיך קיין זוימען קאָרנער, אונ וואלטען אויפֿ-געהאָרט צוא וואקסען. דיא אינזעקטען ברענגען, אַלזאָ, אגרויסען נוטץ, וואס איז ניט אבצושאטצען, פֿיר פֿעלדער, לאנקעס אונ וועלדער.

אט אזויא געהט דאס אין דער וועלט. דער קלעווער איז נאָטהיג פֿיר דיא ביענען, אונ דיא ביענען זייען נאָטהיג פֿיר דעם קלעווער. איינע אהן דיא אנדערע קאננען זייא ניט אויסקוממען.

אויף אַ לעדיגען פלאַטץ איז געוואקסען פֿיעל קלעווער. ער איז געוואכסען זעהר גוט: פֿון יאהר צוא יאהר פֿלעגט מען בעקוממען פֿון איהם זעהר פֿיעל זוימען קאָרנער, ביענען אונ הוממלען האבען שטאָנדיג געזשוזשעט אויף דיעזעם פלאַטץ אונ זייען געפֿלויגען פֿון איין בלומעלע אויף דעם אנדערען. מיט אַמאָל אבער האבען זיך בעוויזען אויף דיזען לעדיגען פלאַטץ פֿעלד-מייז. דיא פֿעלד-מייז האבען פֿערביטטערט דעם לעבען פון דיא ביענען אונ הוממלען. זייא האבען פֿון דיא מייז ניט געהאט וואו אהינצוטהאן זיך. דער הוממעל בוויעט זיך אויס אַ נעסט, קוממען צוא געהן דיא מייז, עססען אויף דיא האניג אינ דעם נעסט צוברעכען זייא. ענדליך זיינען פֿון דארט פֿערפֿאללען געווארען גאר דיא ביענען.

אויף איבער איאהר איז שוין אויף יענעם פלאַטץ אזויא פֿיעל קלעווער ניט אויסגעוואכסען. אויף דעם צווייטען יאהר איז אויסגעוואכסען נאך וועניגער אבער אויף דעם דריטען יאהר האט זיך בעדארפֿט מאכען, דיא דאָרף קאַטץ זאללען דערשמעקען אז אויפֿ'ם לעדיגען פלאַטץ זיינען דא פֿיל מייז, אונ זייא האבען גענומען געהן אהין אויף געיאָג. דיא מייז איז געווארען ענג, זייא האבען פֿון דיא קאַטץ ניט געקאנט אויסהאלטען. אפֿולע פֿון זייא זיינען אריינגעפֿאללען צוא דיא קאַטץ אין דיא צאָהנער, דיא איבעריגע זיינען קוים מיט'ם לעבען ענטלאָפֿען. דאמאלס האבען זיך דארט ווייטער בעוויזען ביענען אונ האבען זיך אויסגעבויט נייע נעסטען. איין מאל זיינען שוין דארט געוועזען ביענען, האט שוין אנגעפֿאנגען ווידער גוט וואכסען דער קלעווער. ער האט אנגעפֿאנגען ווידער ארויסגעבען פֿון זיך אמעניגע זוימען קאָרנער אזויא וויא פֿריהער. אזויא זיינען דיא קאַטץ געקומען צוא הילף דעם קלעווער.

וואס האבען מיר זיך דערקונדיגט פון דיעזעם ביכעל?

אין דיעזעם ביכעל האט זיך דערצאֶהלט פֿון פערשיידענע בעשעפֿעניסען וואס לעבען אויף דער וועלט אין פֿערשיעדענע לאֶנדער, פֿון טהיערען, פֿישען, פֿייגלאך, וואֶרים, שלאנגען, פֿליעגען, אינזעקטען, שפּיננען, אונ נאך פֿיעל אנדערע טהיערען. עס האט זיך דערצאֶהלט וויא פֿערשיעדענע טהיערען לעבען אונ וואס זייא טהוען; וויא טהיערען וואַנדערן אונ געהען אריבער וואהנען פֿון איין לאנד אין דאס אנדערע, וויא טהיערען שלאפֿען אונ רעטען זיך דערמיט דעם לעבען, וויא זייא פֿערשאַפֿען זיך שפּייז, פֿאנגען אנדערע טהיערען אונ נאֶהרען זיך מיט געוואֶכסע, וויא זייא שיטצען זיך פֿון פֿיינדע, פֿיהרען שטרייט אונ האלטען קנעבּט אונ שקלאפֿען, וויא זייא בויען זיך וואהנונגען אונ אנדערע געביידען, וויא זייא פֿערזאֶרגען, עס זאלל בלייבען פֿון זייא אַדור, וויא זייא פֿערשפּרייטען זיך איבער דער וועלט אונ בעזעצטען זיך אומעטאום.

אויף דער וועלט געפינען זיך לעבעדיגע בעשעפֿעניסען אהן אשיעור. וואו מען זאל ניט אוואֶרף טהאן מיט'ם אויג, פּאֶרקעט זיך אומעטאום אלעבעדיגע בעשאֶפֿענים: סיי אויף דר'ערד, סיי אין וואססער, סיי אונטערם וואססער, סיי אויף דיא האֶכסטע בערג, סיי אין דיא פֿינסטערע האֶהלען.

ניט אלע מענשען וויסען, וויפֿיעל פֿערשיידענע טהיערען עס לעבען אויף דער וועלט; ניט אללע מענשען וויסען אויך וואס דיא טהיערען האבען וואס צוא טהאן. זייא האבען אבער זעהר פֿיעל וואס צוא טהאן, אונ עס קוממט זייא יעדער זאך אָן שווער, וויא דעם מענשען.

אללע טהיערען, וואס זיינען נאר דא אויף דער וועלט, זייגען שטאֶנדיג פֿערטהאן אונ פֿערהאָרעוועט, יעדע לעבעדיגע בעשאֶפֿענים מוז וויא געהאֶריג צוא רעכֿט מאַכֿען איהרע געשאֶפֿטען, אונ ביישטעהן אללע אומגליקע, וואס טרעפֿען זיך איהר, יעדע בעשאֶפֿענים מוז שטרייטען מיט אַלע קראֶפֿטען פֿיר זיך אונ פֿיר איהר לעבען, קיין לעבעדיגע בעשעפֿעניש לעבט ניט אהן מיהע אונ אהן זארג. אללע האבען זעהר פֿיעל וועגען וואס צוא זארגען. מעהר פֿון אלץ איז דיא דאגה פֿון פרנסה, דיא דאגה פֿון וואנען צוא לעבען: הונגער איז ניט קיין גוטער ברודער. פֿאר הונגער שרעקט זיך יעדעס טהיער וויא פֿאר דעם געפֿאֶהרליכֿסטען פֿיינד. פֿון יאהר צוא יאהר שטארבען אוים פֿון הונגער טהיערען אן אצאהל. שפּרינגער, בופֿעל-אָכסען אונ פיעל אנדערע טהיערען לויפֿען פֿון הונגער וואוהין דיא אויגען טראגען זייא. פֿון הונגער ווארפֿען זיך וועווערקעס אין וואסער, וועלף לויפֿען אריין אין דאֶרפֿער, טיגערן אונ לייבען שרעקען זיך ניט פֿאר קיין פֿייער אונ פֿאר קיין ביקס. דער הונגער טרייבט פֿערנאנדער דיא טהיערען איבער דער וועלט. פֿון הונגער פֿליעהען אויף ווינטער

אוועק

אוועק אין דיא ווארעמע לאַנדער אַפּילו אזועלכע פייגלען, וואס האבען קיין מורא ניט פאר קאַלט. מיט'ם הונגער שטרייטען אללע לעבעדיגע בעשאַפפֿניסען, יעדער נאך זיינע קראַפֿטען אונ נאך זיין פֿערשטאנד. אללע שטרייטען מיט אייגענע קראַפֿטען אונ האָפֿען ניט אויף קיין פֿרעמדע הילף. אייניגע טהיערען פֿערשאַפֿען זיך שפייז מיט געוואלט, אנדערע מיט חיטראסט אונ ווידער אנדערע העלפֿען זיך אויס מיט'ם פֿערשטאנד. אין דיזעם ביכעל דערצאַהלט זיך וויא פֿיעל קראַפֿטען, פֿערשטאנד אונ איינפֿאללינקייט, וויא פֿיעל גדולד, קענטנים עס האבען פֿערשיעדענע טהיערען. פֿערשיעדענע טהיערען פֿערשאַפֿען זיך שפייז אויף פֿיעלערליי אַרטען, דורך פֿערשיעדענע מיטטעלען, ווער עס ארבייט מיט דיא צאַהנער, ווער מיט דיא נאַגעל, ווער מיט דיא האָרנער ווער מיט דיא פֿליגעלען אונ מיט דיא פֿלוס פֿעדערען: וויא איינער איז געשאַפֿען, אזויא ארבייט ער. — אום זיך צוא פֿערשאַפֿען שפייז קריעכען פֿיש ארויס אויף'ן ברעג אונ יאגען זיך נאך רויב אויף דער יבשה, פֿייגלען אונ טהיערען טויכען זיך אונטער'ם וואססער האפען פֿיש אונ דער וואללפֿיש שווימט אב צעהנדליגע טויזענד ווארסט. קורץ געזאגט, טהיערען מוזען צוליעב דעם עססען אזויא פֿיעל האַרעווען, אז עס איז זיך גאר שווער פֿאָרצושטעלען. טהיערען לעבען אומעטאום אונ אומעטאום ארבייטען זייא.

אייניגע טהיערען עסען נאר פֿלייש; זייא פֿאנגען אנדערע טהיערען, קלענערע אדער שוואכערע פֿון זיך, אונ פֿרעססען זייא אויף, אבער פֿיעל מעהר טהיערען שפייזען זיך מיט געוואַכסע, ווער מיט ווארצלען אונ ווער מיט קאָרנער אונ פֿרוכט, אונ אנדערע עססען אלץ וואס עס מאכט זיך זייא, אזויא וויא דיא היישעריקען. עס איז דא טהיערען וואס ניט זייא זאָען, ניט זייא שניידען, אונ עס איז דא אזועלכע וואס שניידען אונ נעהמען אריין אין שפייכלער כדי צוהאבען אויף שפּאַטער.

אויסער דיא זאָרג פֿון לעבענס מיטטעל, פֿון חיונה, האבען דיא טהיערען אויף זיך נאך אַ גרויסע זאָרג — וויא זיך צוא שיטצען געגען קאַלט אונ געגען שלעכטען וועטטער. אין דיזעם ביכעל איז געשריבען וואס פֿיר עצות דיא טהיערען גיעבען זיך אין דיזעם פֿאַלל. אייניגע קלייבין זיך איבער אויף דיא קאַלטע צייט אין דיא ווארימע לאַנדער, אונ מאכען צוליעב דעם גאנץ וויטע נסיעות. אנדערע פֿערקריעכען ערגעניץ אין אַ נאָרע אדער אין אַווינקעלע אונ דארט פֿאללען זייא אין חלשות (אהנמאכט) אונ ליעגען אזויא אב וויא געשטארבענע ביז עס ווערד ווידער וואַרם. עס איז אויך דא אזועלכע וואס געהן אין וואַרמע פעלצען אונ זייען שוין צוא דיא קאַלט אזויא געוואהנט, אז עס קיממערט זייא גאר ניט. ווידער איז דא טהיערען וואס פֿערזארגען זיך אויף ווינטער מיט וואַרמע קווארטירען, וואו זייא גרייטען זיך אָן גענוג שפייז. מיט איין וואָרט, געגען קאַלט שטרייטען דיא טהיערען אויך מיט

אייגענע

איינענע קראַפּטען אונ בעטען בייא קיינעם ניט קיין הילפע. דיא נויטה האט געוויעזען דיא פייגלאך אַ וועג אין דיא ווארימע לאַנדער, דיא נויטה האט אויסגעלעהרנט דעם דאַכּס הונד (באַרסוק) זיך צוגראבען אווארימע נארע אויף ווינטער.

אין דיא הייסע לאַנדער, ווידער, האבען דיא טהיערען אַפּט צוא זאָרגען וויא זיך צוא שיטצען געגען היטץ אונ געגען דורסט. אונ דא העלפען זייא זיך אויך אוים אלליין אונ דארפען צו קיינעם ניט אָנקוממען. אַ דריטע זארג האבען טהיערען וויא זיך צוא זיכערן אונ צוא שיטצען געגען זייערע פיינד. ווארום יעדעם טהיער, האט אויף זיך גענוג פיינד וואס ווילען איהם שלעכטס טהון. איינינע ווילען בייא איהם ארויסרייסען דעם ביסען פון מויל, אנדערע ווילען איהם אלליין אויפעסען. יעדע לעבעדיגע בעשאַפּענים מוז זיך בעשיטצען געגען אללע פיינד. דאס קוממט ניט לייכט אָן. איינינע בעשאַפּעניסען העלפען זיך אוים פון דיא פיינד מיט זייערע שטארקהייט, שטעלען אוים קראַפּט געגען קראַפּט. אנדערע רעטטען זיך אויף איין אנדער אַרט. דעם זייען בעהילפיג זיינע שאַרפזיכטיגע אויגען, יענעם זיינע געשווינד לויפענדע פים, זיין קונטציגע נארע וואו ער בעהאַלט זיך, אבער וואס אנדערס.

ניט אזויא טהיערען פון פערשיידענע אַרטען אדער פאַראַדעס שטרייטען צווישען זיך, אבער אפילו טהיערען פון דיזעלבע פאַראַדע (קאַטץ מיט קאַטץ, וואָלף מיט וואָלף אונ ד. ג.) פיהרען אויך צווישען זיך אייביגע שטרייטען. יעדעס טהיער וויל זיך פערזארגען מיט שפייז, אבער אויף זיין ביססען האבען אנדערע אויך חשק, ווארום ניט אַללע מאל איז דא אזויא פיעל שפייז עס זאל אויסקוממען גענוג פיר אַלעמען. דעראיבער מוזען אללע טהיערען, אבוואהל פון דער זעלבען פאַראַדע, צאַנקען צווישען זיך. אללע טהיערען קליגען זיך מיט אַללע קראַפּטען צוא בעקוממען שפייז וואס מעהר אונ וואס בעסער, נאַטירליך קוממט דער בעסטער ביסען אָן צוא דעם, וואס איז שטאַרקער, קליגער אונ פלינקער, צוא דעם וואס האט צוםביישפיעל בעסערע אויגען, וואס קאַנן בעסער לויפען וויא אללע אונ ד. ג.

ענדליך ליעגט אויף טהיערען נאך אגרויסע זאָרג, דיא זאָרג צוא לאזען נאך זיך אַדור. אלע לעבעדיגע בעשאַפּענישען מעהרען זיך אונ פערשפרייטען זיך אין דער וועלט; אללע זארגען וועגען דיא וואס וועלען פון זייא ארוים-קוממען. דיא פליעג ווייס וואו צוא לייגען איהרע אייעליך אונ זיא לעגט זייא אין אזעלכע אָרטער, וואו איהרע קינדער וועלען גלייך האבען פאַרטיגע שפייז דער פיש קאַנן שווימען הונדערטע אונ טויזענטע ווייארסט אָן אַ זייט, אום נאר. ארוימצולאזען דיא רויגען אין אזעלכע אָרטער וואו עס וועט זיכער פון זייא ארויסקוממען קליינע פישעלאך. אַפּוללע פון זייא וועלען פערלאָרען געהן, אבער אפּוללע וועלען בלייבען לעבען.

פייגלען

פייגלען, חיות אונ פיעל אנדערע בעשעפענישען זארגען נאך מעהר פאר זייערע קינדער: זייא לאזען זייא ניט אפ פון זיך ביז זייא וואקסען ניט אונטער. זייא גראבען, קלעפען, וועבען, נייען, פלעכטען אונ בויען נעסטען פון זייערע קינדערס וועגען, זייא טראגען אן אהין שפייז, לעהרנען זייערע קינדער פליען, לויפען, אונ אלליין זיך צוא שאפען שפייז. אזויא שטיטצען דיא עלטערען איהרע קינדער אונ זארגען פיר זייא ביז וואנען זייא זייען אים שטאנד אלליין פיר זיך צוא זארגען.

אזעלכע גרויסע זארג טראגען אויף זיך אללע טהיערען. אנדערע טהיערען העלפען זיך אוים איינציגוויים, יעדעס טהיער טהועט זיך וואס זיא קאנן איינער אלליין, אויף איהר אייגענע רעכענונג. עס איז אבער דא קליגערע טהיערען וואס ארבייטען אין אלגעמיין, בשותפות, וואס העלפען זיך אוים איינע דיא אנדערע. צום ביישפיעל, מוראשקעס אונ ביענען ארבייטען אין קאמפאניע, בשותפות, וואלף געהן אויף געיאג אונ פאללען אן עטליכע צוזאממען.

כמעט אלע לעבעדיגע בעשעפענישען לעבען פון אייגענער מיהע, זייא פערשאפען זיך אלליין וואס זייא האבען נאטהיג, אונ ארבייטען פיר זיך אלליין. עס איז אבער צווישען טהיערען אויך דא אזעלכע, וואס ווארפען ארוף זייערע ארבייט אויף אנדערע. מוראשקעס, צום ביישפיעל, לעגען ארויף זייערע ארבייט אויף גראז-לייז אונ וואנצען, וואס מוזען הארעווען אויף זייא וויא קנעכט. דער פישער-אדלער הארעוועט אונ חאפט פיש פיר דעם וויסקאפיגען אדלער. דער דאכס-הונד (בארסוק) גראבט אפט א נארע פיר דעם פוכס, דיא פעטגאנז (אזא פייגעל) נעהמט אפט צוא פיר זיך דעם קראליקס נארע, מיט איינעם ווארטע, צווישען טהיערען, לעבען אויך ניט אללע פון אייגענער ארבייט אונ פון כשר פערדיענטע.

אט אזויא לעבען דיא טהיערען פון אייביג אן. אלע זיינען בייא זייא בעשעפטיגט, אלע טהוען וואס עס איז, בעמיהען זיך אונ געהן קיין מאל ניט לעדיג. ניט אללע מאל אויך קריעגען זייא זיך אונ שטרייטען צווישען זיך: אמאל העלפען זייא איינע דיא אנדערע אונ שטיטצען איינע דיא אנדערע אזויא וויא דיא ביענען אונ מוראשקעס.

ניט אללע מאל האבען טהיערען צוא טהאן מיט פיינד; טהיערען האבען פריינדע אויך. מיט אנדערע טהיערען שטרייטען זייא, אבער מיט אנדערע לעבען זייא אים פריעדען אונ זייען גוט פריינד. מיט איינעם ווארטע, עס איז כדאי זיך צוקוקען צוא דעם לעבען פון טהיערען: פיעל זאכען פאססירט בייא זייא פונקט וויא בייא מענשען.

מעהר פון אלץ איז צוא בעוואונדערן, וויא בייא דיא טהירען געהט דיא ראדעלע פון לעבען, וויא עס קייטעלט זיך בייא זייא אלצדינג איינס אן דאס אנדערע. יעדעס לעבעדיגע בעשאפעניש וויל לעבען אונ וואס בעסער לעבען.

עס

עס גיעט זיך אַיין אַיאהר וואס פֿיר איין פֿאַראָדע טהיערען איז דא אויף דעם אָרט בעסער צוא לעבען אונ פֿיר אנדערע פֿאַראָדעס איז בעסער אויף איין אנדער ארט. דא וואו עס בעוויזט זיך איין פֿאַראָדע, ווערד ענג פֿיר דיא אנדערע, זיא מוז פֿון דארט ענטלויפֿען אדער זיא שטארבט אויס. אז אייניגע טהיערען פערמעהרען זיך, ווערען אנדערע טהיערען וועניגער. עס טרעפֿט פֿערקעהרט אויך: דיא קאַטץ, צום ביישפיעל, העלפֿען אויס דיא הוממעל אונ דיא הוממעל ביענען זיינען בעהילפֿיג דעם קליעווער. דיא נאטור האט אפֿולע וועגען וויא צוא פֿערמעהרען אונ פֿערשפרייטען אללערליי טהירען איבער דער גאנצען וועלט.

אט אזויא פֿיהרען זיך אויף אין לעבען דיא טהיערען. אין וועלכֿע זאכֿען זייען זייא גלייך צוא מענשען, אונ אין וועלכֿע זאכֿען זיינען, פֿערקערהט, מיר מענשען נים בעסער פֿון זייא, — דאס מאַג בעטראכֿטען יעדער וואס האט דורכֿגעלעזען דיזעס ביכֿעל.

ע נ ד ע

אינהאלט.

ערשטעס קאפיטעל.

וואנדערונגגען 1
וויא אזויא חיות רייזען אלע יאהר 5
וויא אזוי די פייגלען לאזען זיך אין וועג אריין. 7
דער שלאף בייא טהיערע 11

צווייטעס קאפיטעל.

וויא אזוי די טהיערען הארעווען אויף פרנסה. 16
דיא פרנסה בייא לייבען אונ טיגער 19
וועגען דעם לוקס 24
וויפיעל דארפען דיא וואָלף אויפעסען 25
בערען 26
פוקסען 26
מארדער אונ טחוירען 29
וועגען דעם שניי-ווייזעל 31
וויא אזויא ווידרעס אונ ווייסע בערען חאפען פיש 32
וועגען דיא פלעדער-מייז 35
דער פילין אונ דיא קראָהע 36
וויא אזויא דער אדלער בעשטעהט זיך זיין שטאָדטעל 38
וועגען דעם לאָממער-פרעססער 39
אנדערע פויגעל 41
פיינדשאפט צווישען פייגלאך מיט טהיערען. 43
דער קראקאדילען-שומר 44
דער האניג-ווייזער 45
וויא קראפ-געגנז פאנגען פיש ...... —
דיא קיירא אונ רויב-פייגעל 46
וויא אזויא דיא קראקאדילען קריעגען פיר זיך שפייז 47
שלאנגען 48
צוא קענען שלאנגען בשוף? 49
דיא אָכס-פראָש (זאבע) 50
וועגען דיא היי-פישען ...... —
וויא פישען פאנגען זייער רויב איבערן וואססער 53
וויא פישען קריעבען אויף דער יבשה ...... —
וויא פליעגען אונ זשוקעס שפייזען זיך 54
זשוקעס קברים-גראָבער ...... —
דיא פליעג צעצע 55
גאנצע וואלקענס פון קאמארעס 56
טרייבער-מוראשקעס 57
וויא דיא וועספע געהט אויף געיאָג 58
וויא דיא שפינגען געהען אויף געיאָג 59
וויא טהיערען שיטצען זיך 62
וויא טהיערען העלפען זיך איינער דעם אנדערען אונ שיטצען זיך מיט אללגעמיינע קראָפטען 64
צוא אפוללע טהיערען נאָהרען זיך מיט פליישיגע שפייז? 66
וויא דיא גראז-פרעססענדע טהיערען שאפען זיך שפייז 67
וועגען דיא היישעריקען 69
אַ בעפאלל פון אינזעקטען 72
וואס פיר גרויסע פרעססער עס זיינען דיא גראז-עססענדע טהיערען 74
וויא מוראשקעס בעשעפטיגען זיך מיט ערד-ארבייט 77
מוראשקעס אָגאָראָדניקעס 79
וויא טהיערען אקערען ערד פיר דעם מענשען 80
וויא טהיערען שניידען היי 83
וויא טהיערען גרייטען זיך אָן שפייז אויף ע פעטער 84

דריטטעס קאפּיטעל.

וועגען פערשיעדענע בעשעפטיגונג פֿון דיא טהיערען.

דיא טהיערען וואס האלטען פֿיהע אין בעדיענונג 86
מוראשקעס וואס האבען קנעכֿט 90
וויא מוראשקעס שאפֿען זיך קנעכֿט 91
דיא שטרייטען פֿון ביענען 95

פיערטעס קאפּיטעל.

וויא טהיערען בויען וואהנונגען און זארגען פיר זייערע קינדער.

טהיערען ארכיטעקטארען 96
וויא טהיערען גראבען 97
טהיערען מולארעס 99
א וועספע א מולער 101
וועגען דיא ווייסע מוראשקעס און זייערע פאלאַטצען 102
נעסטען וואס מען מאכֿט פֿון זייא א געריכֿט 105
דיא געביידען פֿון ביענען 106
א פֿייגעל א וועבער 108
א פֿייגעל א שניידערין 109
וויא מייז פֿלעכֿטען נעסטען 110
וויא פֿיש פֿלעכֿטען נעסטען .... —
פֿייגעלשע שטאָדט 112
דיא געביידען פֿון דיא ביברעס 114
וויא טהיערען נעהמען אב איינע ביי דיא אנדערע זייערע וואהנונגען 117
וויא טהיערען מאכֿען זיך צאָלנעס 118

פינפטעס קאפּיטעל.

וויא טהיערען רייזען.

וויא מוראשקעס בויען בריקען און געהען אריבער איבער טייכֿען 120
וויא שפּינען בויען בריקען און פֿליהען אין דער לופֿט 121
וויא פֿיש פֿליעהען אין דער לופֿט ...... —
וויא לאַקסען שפרינגען איבער דיא וואססער-פֿאַללען 122
וויא פֿיש זארגען פיר דיא דורות וואס קוממען פֿון זייא ארויס 123
וועגען דיא יאָהרליכֿע רייזע פֿון הערינג ... 124
דיא רייזע פֿון שילדקראטען אדער טשערעפאכֿעס 126
פֿייגלאך וואס בויען ניט קיין נעסטען ... 127
וויא טהיערען מעהרען זיך אויף דער וועלט. 129
וויא דער ווינד און דאס וואססער העלפען טהיערען זיך פֿאר שפרייטען אויף דער וועלט 130
ווער נאך העלפט דיא טהיערען זיך צוא פֿאר שפרייטען אויף דער וועלט 133
וויא מען לעבט אויף דער וועלט 134
וואס האבען מיר זיך דערקונדיגט פֿון דיעזען ביכעל 138

דער לייב



דער טיגער



פֿייגלען וועלכֿע קענען ניכֿט פֿליעהען



דער װאַללפֿיש

דיא פֿאולער הינגען אויף דיא צווייגען



איין נעסט פֿאן איין פֿייגעל וואס וועבט



דער האיפֿיש פֿאלט אן אויף איין מענשען

וועלף



ביבער באַויען פלימען



די לעממינגען_וואנדערן



דער פלאמינגא

איין אדלער טראגט אוועק איין קינד



די מוראשקעס זארגען וועגען זייערע אייער

ווייסע בּאֶר־ען



דער וואמפּיר



אשניידער-פֿייגעל אין זיין נעסט



קאפגאֶנס פֿאנגען פֿיש



דעם קראקאדילס שומר



דער שניי-וויזעל



די וואהנונג פֿון איין קראָט.



פֿיש וועלכֿע פֿליעהען



די ווידרע



דער קראָקאָדיל

דער טחויר



קליינע פישלאך אין זייער נעסט



דער האייפּרעסער



איין שלאנג דערשטיקט איין חיה



די א פילאקסער

ווי א די לאַקסען וואנדערן



איין נעסט פֿון ווייסע מוראשקעס



ווייסע מוראשקעס באוייען איינע וואהנונג



דיא זוקעס בעגראבען איין פֿייגעל



דיא שילדקרויט